STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09335

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש״

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש״, וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש״ וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש״ שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש״ הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אַריין אין פייער אריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ!

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

צוועלפטער באַנד

פינף מגילות

פארלאג "יידיש"

בוענאס איירעס

1 9 4 4

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. PERETZ

Obras Completas

TOMO XII

"FINF MEGUILES"

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"

Bmé. MITRE 2146 **BUENOS AIRES**

1 9 4 4

אינהאַלט פון צוועלפטן באַנד

	זייט
באַמערקונגען פון די צוזאַמענשטעלער — — — —	9
שיר השירים — — — — — — — — — — — — — —	29
1־טער וואַריאַנט פון שיר השירים — — — — — —	55
2־טער וואַריאַנט פון שיר השירים — — — — — —	83
אַ וואַריאַנט אויף קאַפּ. 12 פון ענדגילטיקן טעקסט און קאַפּ. 16 פון 1־טן און 2־טן וואַריאַנט —	116
רות — — — — — — — — — — — — — — —	117
איכה — — — — — — — — — — — — — — —	135
וואַריאַנט פון איכה — — — — — — — — — — —	161
קוהלת — — — — — — — — — — — — — —	165
הויפּט־וואַריאַנט — — — — — — — — — — —	207
פאַרשידענע וואַריאַנטן — — — — — — — — — —	243
צוגאָב־וואַריאַנטן — — — — — — — — — — —	272
אסתר — — — — — — — — — — — — — — —	275
אקדמות — — — — — — — — — — — — — —	279
1־טער וואַריאַנט פון אקדמות — — — — — — — —	289
2־טער וואַריאַנט פון אקדמות — — — — — — — —	299
חד־גדיאַ — — — — — — — — — — — — — —	305

י. ל. פּרץ אויפן טויטן־בעט

פון די צוזאַמענשטעלער (1

איינער פון די באַוווסטע קריטיקער אונדזער האָט אָנגערופן פּרצן דער פּ ר אָ ב נ מ יי ס ט ע ר. ער, דער געניאַלער עקספּערימענטאַטאָר, וועלכער האָט אונדז געגעבן מוסטערן פון אַלע ליטעראַטור־פאָרמען כמעט, פון עפּאָס, ליריק, דראַמע, פון פעליעטאָן, פּובליציסטיק און קריטיק, האָט אין די פאַרשידנסטע פעריאָדן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן געפּרוווט זיינע כוחות אויך אַלס איבערזעצער. און דער אייגענער חוש, וואָס האָט אים געפירט צו אַנטפּלעקן נייע טאַלאַנטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט אים אויך אָפט געמאַכט פאַר דעם אַנטדעקער פון אַזעלכע פרעמדע קינסטלער, וועלכע זענען נאָך דעם ברייטן עולם גאָר נישט באַקאַנט געווען. שוין אין זיינע „יום־טוב־בלעטלעך", למשל, געפינען מיר אַן איבערזעצונג פון קנוט האַמסון, אַ שריפטשטעלער, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַ פּנים־חדשות אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור און איז ערשט אין יאָרן אַרום באַרימט געוואָרן אין ברייטערע קרייזן. און נאָך אַט וואָס: אַלס איבערזעצער איז ער אויך שטענדיק טריי געבליבן דעם אייגענעם סטיל זיינעם, און איז דען, למשל, זיין איבערזעצונג פון מולטאַטולים „טינאַטעער" נישט עכט פּרציש? און האָט ער נישט אַריינגעבראַכט זיין אייגענעם ריטם אין דער איבערזעצונג פון ח. נ. ביאַליקס „משא נמירוב" (געדרוקט, איידער ביאַליק האָט די פּאָעמע אַליין איבערגעדיכט אין יידיש)?

---

1) איבערגעדרוקט פון דער פּרץ־אויסגאַבע פון „ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין", 1926.

איבערזעצנדיק נישט אויף באַשטעלונג, נייערט דאָס, וואָס האָט סטימולירט זיין דיכטערישן גייסט אין דעם אָדער יענעם פעריאָד פון זיין שאַפן, האָט פּרץ שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דעם תנ"ך, צו די עטישע און פילאָזאָפישע אידעען פון דעם בוך איבער אַלע ביכער. דעמדאָזיקן אינטערעס געפינען מיר ביי אים שוין אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אין יידיש — אין זיינע שירים אויף די מאָטיוון פון די נביאים, פון ישעיה, ירמיה, יחזקאל. אָבער, ווייזט אויס, ערשט אין לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן האָט דער אינטערעס צו דעם תנ"ך אָנגענומען די געשטאַלט פון יענער גרויסער אידעע, וועלכע איז צייטיק געוואָרן זינט דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1908 — דער אידעע אַריבערצוטראָגן אין יידיש די אוצרות פון דער אַלטער יידישער קולטור. די דאָזיקע אידעע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט שלום אַשס איבערזעצונג פון „רות" (1908), האָט איצט שוין דערגרייכט צו דעם גראַנדיעזן ווערק פון יהואש אין זיין איבערזעצונג פון גאַנץ תנ"ך אויף יידיש. און ווי אין אַלע גרויסע אויפטוען פון אונדזער קולטור־רענעסאַנס, האָט אויך דאָ פּרץ נישט געקענט בלייבן אָן אַ זייט, און אין רעזולטאַט פון דעם האָבן מיר פון אים איבערזעצונגען פון אַלע מגילות.1)

אָבער פּרץ איז געווען אַ צו בולט אויסגעשפּראָכענע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט מיט אַ צו אינדיווידועלן סטיל, אַז ער זאָל זיך קענען באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אַן איבערזעצער בלויז, מעג זיין אַפילו פון אַזאַ בוך, ווי דער תנ"ך איז. און אין זיינע איבערזעצונגען פון די מגילות האָבן מיר ווערק, ווו דער ביבלישער עלעמענט האָט זיך אָנגעקליידט אין דעם אייגנאַרטיקן לבוש פון דער ספּעציפישער פּרצישער פאָרעם.

---

1) פון מאַנכע נאָטיצן און פּראָבן, וואָס זענען פאַרבליבן אין כתב־יד ביי פּרצן, איז צו זען, אַז ער האָט זיך נישט באַנוגנט נאָר מיט דער איבערדיכטונג פון די מגילות. עס קען זייער זיין, אַז ער האָט געהאַט בדיעה ביסלעכווייז איבערצוטראָגן אין יידיש גאַנץ תנ"ך. אַזוי, למשל, זענען פאַרבליבן פון פּרצן אָפּגעריסענע קורצע פראַגמענטן פון „אָז ישיר" א. אַנד.

* *
*

עס איז אונדז שווער צו באַשטימען פון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן אין אונדזער רשות, ווען אייגנטלעך האָט פּרץ זיך אָנגעהויבן ערנסט און סיסטעמאַטיש אָפּצוגעבן מיט די דאָזיקע תנ"ך־איבערדיכטונגען. אפשר וועלן דאָס געניייער פעסטשטעלן די נאָענטע מענטשן פון זיין קרייז און מישפּחה. מיר קענען אָבער משער זיין, אַז דאָס איז געשען אין די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, אין יענע יאָרן, ווען דער דיכטער האָט מיט אַזאַ פלאַמענדיקן אימפּעט זיך פאַרטיפט אין די העברעע פּראָבלעמען פון יידישקייט און זיך אַזוי באַגייסטערט מיט די אייביקע ווערטן פון תנ"ך.

פאַרעפנטלעכן זיינע ביבלישע איבערדיכטונגען האָט פּרץ אָנגעהויבן אין יאָר 1913 אין אַ ריי נומערן פון דער טעגלעכער צייטונג „דאָס לעבן" (געוועזענער „דער פריינד") פון דעם דאָזיקן יאָרגאַנג געפינען מיר פראַגמענטן פון פּרצעס קוהלת־איבערזעצונג. אין דעם אייגענעם יאָר האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אין דעם סעפּטעמבער־בוך פון דער ניו־יאָרקער „צוקונפט" (און אין אַ יאָר אַרום איבערגעדרוקט אין „דאָס לעבן") זיין איבערזעצונג פון „שיר השירים". פון די איבעריקע מגילות איז משמעות קיינע נישט געדרוקט געוואָרן ביי דעם דיכטערס לעבן, נישט גאַנצערהייט, נישט פראַגמענטנווייז (בלויז „חד־גדיא" און „אקדמות", וואָס מיר שליסן איין אין דעם ציקל איבערזעצונגען פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור, האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט אין פּסח און שבועות־נומער פון „היינט" 1913, ווו ער איז צו יענער צייט געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער). און באמת זענען די איבעריקע מגילות (אַ חוץ „רות") נאָך געווען נישט גענוג באַאַרבעט צום דרוקן, ווי דאָס ווייזן די איבערגעבליבענע כתב־ידן פון די דאָזיקע איבערזעצונגען. אָבער אפילו די שוין פאַרעפנטלעכע איבערדיכטונגען פון „שיר השירים" און „קוהלת" האָבן פּרצן נישט באַפרידיקט, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער זיי. ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם

טעקסט פון זיין „שיר השירים" אין „דער צוקונפט" מיט דעם נוסח, וואָס איז מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער דערשינען אין „לעבן", כדי זיך צו איבערצייגן, ווי שטאַרק ער האָט פאַרענדערט די ערשטע געשטאַלט פון זיין איבערזעצונג (אויב רעכענען דעם טעקסט אין „דער צוקונפט" פאַר דעם ערשטן). באַזונדערס אָבער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער איבערדיכטונג פון „קוהלת". נאָך זיין טויט האָט מען אין די ליטעראַרישע קרייזן איבערגעגעבן, אַז ער האָט 67 מאָל איבערגעאַרבעט די דאָזיקע איבערדיכטונג, און אויב די דאָזיקע ציפער איז אפילו אַ שטיקל גוזמא (לויט די פאַרבליבענע וואַריאַנטן, וואָס זייער צאָל דערגרייכט אויף מאַנכע שטעלן העכסטנס 10—12), איז אָבער דאָך נישט איבערגעטריבן דער עצם פאַקט פון דער אויסערגעוויינלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין פאַרייִדישן דאָס דאָזיקע ליבלינגסווערק זיינס אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

ביי דער געלעגנהייט האַלטן מיר פאַר אינטערעסאַנט צו ברענגען די זיכרונות פון פּרעצעס פריינט, ש. אַנ—סקי און אַלטער קאַציזנע, וועגן זיין אַרבעט איבער קוהלת. אַנ־סקי דערציילט (אין דעם פּרץ־בוך פון „דער יידישער וועלט", 1915):

„... אַז איך בין שפּעט ביינאַכט צו אים ווידער געקומען, האָב איך אים געפונען ביים שרייבטיש מיט דער פּען אין דער האַנט. נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— „זעץ זיך, איך וועל דיר לעזן מיין איבערזעצונג פון „קוהלת", איך אַרבעט אויף דעם די לעצטע חדשים.

„און ער האָט מיר געלייענט דאָס, נאָך מיין מיינונג, מוזיקאַלישסטע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן: ז יי ן קוהלת. און איך האָב געפילט, אַז זיין געבראָכענער גייסט האָט זיך נישט צופעליק פאַרטיפט אין קוהלת, ווו צוגלייך מיט דעם „הבל הבלים" זענען דאָ שטאַרקע און זיכערע יסודות — „דור הולך ודור בא, והאָרץ לעולם עומדת". איך האָב געפילט, אַז דאָ זוכט ער אַן ענטפער אויף דער שרעקלעכער פראַגע פון היינטיקן טאָג.

„איך האָב זיך אומישנע נעפרעגט, אויב ער רעכנט איבערזעצן „איכה". ער האָט זיך אַ קרים געטון:

— „ניין, אַ קלאָג אָן בילדער, אָן אַ געדאנק וועגן צוקונפט"...(1

„און אויף מאָרגן האָט ער מיר געזאָגט:

— „איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען. דו וועסט מיך אָפּרייסן פון דער ארבעט, איך דאַרף עטלעכע טעג פארגעסן אָן איר, כדי איך זאָל זי קענען נאָכאמאָל איבערארבעטן".

און אַלטער קאַציזנע דערציילט (אין דעמזעלבן פּרץ־בוך פון „דער יידישער וועלט"):

„— וואָס שרייבט איר איצט? פרעגט קאַציזנע פּרצן.

„— איך ארבעט איבער קוהלת. ע, וואָלט איר וויסן, וואָסערע עמי־הארצים מיר זענען! ווי מיר פארשטייען נישט, וואָס מיר לייענען אין אונדזערע ספרים! אָט האָב איך שוין געהאט איינמאָל קוהלת אָנגעשריבן, געדרוקט. זע איך איצט איין, ווי שלעכט דאָס איז געווען געמאַכט. מיר פארשטייען נישט דעם ריכטיקן טייטש... און ווייסט איר וואָס? לעבן זאָל יידיש. מאנכעס מאָל ראַטעוועט עס מיך ארויס. איך זאָל קיין יידיש נישט געווען קענען, וואָלטן פאר מיר פיל העברעישע אויסדרוקן פארבליבן נישט קלאָר! נעמט, צום ביישפּיל, דאָס וואָרט חכמה, אזוי ווי דאָס טרעפט זיך אין קוהלת. קלוגשאַפט? — טויג נישט. וויסנשאַפט? נישט צו־נעפּאסט. איך דערמאָן מיך אָבער, ווי דער ייד זאָגט: — איז וואָס איז די חכמה דערפון? — איר פארשטייט? דער ייד, וואָס האָט דאכט זיך, נישט פאנאנדערגעקליבן, ווו, אין וואָ־סער שפּראַך צו נעמען אַ וואָרט, האָט דאָך דאָס העברעישע וואָרט אויף זיין פּאסיקן אָרט געלאָזט, ווייל ער האָט געפילט זיין אַלטע שאַטירונג. מיינען מיינט ער דעם אויפטו, די מעכאַניק.

„פּרץ רעדט וועגן זיין ארבעט מיט גרויס חישק און

1) די דאָזיקע שטעל פון אַנ־סקיס זיכרונות איז אַ שטיקל רעטעניש: צווישן פּרצעס תנ"ך־איבערזעצונגען איז אויך דאָ „איכה".

באגייסטערונג... ער רעדט וועגן שלמה המלך. אין א דויערנ־דיקן שאפונגס־עקסטאז האט ער אויפגעדיכטעט שלמהן מיט זייע גאנצער עפּאָכע און איצט לאָזט אים דער קלוגער עגאָיסטישער מלך צו רו נישט.

„— איי, איז דאָס א שלמה! איי, א שלמה, זאָל ער!

„מיין באמערקונג, אז שלמה איז ווי נישט פון יידי־שער מאָראַל ארויס, ווענדט ער אָפּ.

„— פארקערט, ער איז זייער מאָראליש. זיין גאנצע טיראנישע טעטיקייט מיט דער פילפרעסעריי, מיט די פילע ווייבער, מיטן גאנצן ווילטאָג, וואָס איז געלעגן ווי א שווע־רע לאסט אויפן פאָלק, זיין גאנצן דאָזיקן ארט לעבן פאר־טיידיקט ער פון מאָראלישן שטאנדפונקט.

„פרץ שטעלט זיך פאָר, אז די זקנים פון פאָלק פלעגן זיך פארזאמלען צום מלכס הויף מיט טענות, אז דער מלך מיט זיין ארט לעבן איז צו־לאסט פארן פאָלק און קעגן דעם ווילן פון באשעפער. און שלמה פלעגט אין קורצע אפּאָריז־מען אָפּוועגדן זייערע טענות, דערווייזנדיק, אז ער, דער מלך, האָט דאָס רעכט צו פארשן דאָס לעבן אויף אלע געביטן און דורכדעם געדענקען אָן זיין שעפער. אזוי ארום איז ערטער־ווייז אויסגעוואקסן קוהלת.

„די שפּעטערדיקע רעדאקטאָרן פון דעמדאָזיקן ספר האָבן זיך דערשראָקן פאר זיין אינהאלט און ערטערווייז אי־בערגעדרייט די פסוקים.

„האָט איצט פרץ די ארבעט צו שיפרירן.

„— איי, שלמה! איי, שלמה!.. איז ער אנטציקט.

„אין שאָטן פון זילבער, אין שאָטן פון וויסן

„ווי גוט איז דיין ווילהייט געניסן!" —

פארלירט ער א פרעכטיקע ציטאטע פון זיין איבערדיכטונג. ווי ניט ענלעך איז די שפראך צו יענעם הארטן מארמאָר, פון וועלכן פרץ פלעגט אויסהאקן זיין גראם.

„מיר האָבן זיך געקריגט שוין נישט צום ערשטן מאָל איבער דער פראגע. איך האָב מיך געהאלטן ביי דער מיינונג, אז דער דיכטער, ווען ער דריגט אריין אין א געוויסער עפּאָכע, דארף ער זי געבן אין א זעלבסטשטענדיקער פאָעמע, נישט

איבערזעצן די אַלטע ספרים. פּרץ ווידער האַלט זיך אָן דער מיינונג, אַז די העכסטע פֿאָרעם איז דער אַלטער פּרימיטיוו. קוהלת אָבער איז נישט אַ ווערק צום איבערזעצן, נאָר צו שיפֿרירן. פּרץ פֿאָרשט אַ שורה נאָך אַ שורה, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, און פֿאַנגט דעם פֿאָדעם און פֿאַרלירט אים צוריק.

„און במילא וואַקסט אונטער זיין פּעדער אַ זעלבסט־שטענדיקע גלענצנדע זאַך, וואָס אויב דאָס איז קוהלת, איז עס קוהלת אין פּרצעס אָפּשפּיגלונג“.

* * *

ביי דער באַציונג, וואָס הערשט ביי דאָס רוב פֿאַרלעגער אונדזערע צו די אויסגאַבן אפֿילו פֿון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער, איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס די מאַנוסקריפּטן פֿון אַלע פּרצעס געדרוקטע ווערק זענען מיסתמא פֿאַרלאָרן געגאַנגען, ווי די אומנוצלעכע בלעטלעך פֿון צייטונגס־שורות, און מיר קאָנען נישט פֿעסטשטעלן, ווי אַזוי האָט פּרץ געשריבן זיינע וויכטיקסטע זאַכן, צי גלייך פֿון פּעדער אַרויס, אָדער אין איבעראַרבעטונגען און אין פֿאַרענדערונגען. מיר האָבן נישט קיין וואַריאַנטן פֿון אַזעלכע זאַכן זיינע, ווי די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, די חסידישע מעשיות א. אַ. וו. בלויז פֿון זיינע דראַמען „די גאָלדענע קייט“, „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“ און פֿון דער פּאָעמע „מאָניש“ האָבן מיר געדרוקטע וואַריאַנטן,1) וואָס גיבן אונדז אַן אַריינבליק אין דעם שאַפֿונגס־פּראָצעס פֿון אונדזער גרויסן דיכטער, אין דעם פּרט איז ייער וויכטיק דאָס שטודיום פֿון די פֿאַרשידענע וואַריאַנטן פֿון פּרצעס תנ״ך־איבערזעצונגען. אמת, דאָ האָבן מיר צו טון נישט מיט קיין אָריגינעלע שאַפֿונגען פֿון דיכטער, נאָר מיט אַרבעטן, וועלכע זענען אין אַ געוויסער מאָס, אויף וויפֿל זיי זענען פֿאַרבונדן מיט אַ פֿרעמדן טעקסט, מעכאַניש און טעכניש. ביי דער געלעגנהייט איז אויך כדאי אָנ־

1) אַ ספּעציעלע אויספֿאָרשונג איבער די וואַריאַנטן פֿון דער „גאָלדענער קייט“ און „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט מאַקס עריק אין זיין בוך „קאָנסטרוקציע־שטודיען“, וואַרשע 1924.

צומערקן דעם באַזונדערן סטיל פון דידאַקטישע איבערזעצונ־
גען. וואָס פאַר אַ תהום עס ליגט צווישן דעם געליטערטן,
שטאַרק העברעיזירטן יידיש פון „די פאָלקסטימלעכע גע־
שיכטן" און דעם שווערן, עפּעס מאָדנע פאַרדייטשטן לשון
פון פּרצעס „שיר השירים" אָדער „קוהלת", ווו ס'איז דאָ
אַזוי ווייניק פאָלקסטימלעכע שפּראַך־עלעמענטן. דאָס איז זייער
ער כאַראַקטעריסטיש פאַר די קאַפּריזן פון פּרצעס שאַפונגס־
פּראָצעס — די דאָזיקע טענדענץ דווקא אין די איבערזעצונ־
גען פון תנ"ך אויסצומיידן יעדן העברעיזם אין דער שפּראַך.
אָבער אין אונדזער אויפגאַבע גייט נישט אַריין קיין געגוייע־
רער אַנאַליז פון פּרצעס סטיל אַלס תנ"ך־איבערזעצער, און
מיר לאָזן עס איבער פאַר אונדזערע ליטעראַטור־פאָרשער און
פילאָלאָגן. דאָ וועלן מיר זיך נאָר באַגנוגענען מיט באַשרייבן
אַלע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזער רשות,
ביים אַרויסגעבן די מגילות, ווי אויך דעם פּלאַן פון אונדזער
אַרבעט.

שיר השירים

פון שיר השירים האָבן מיר געפונען דריי נוסחאות:
איין נוסח אין מאַנוסקריפּט און די איבעריקע צוויי געדרוק־
טע; איינער — דער טעקסט, וואָס האָט זיך געדרוקט אין ניו־
יאָרקער „צוקונפט" אין 1913, און דער צווייטער — וואָס
האָט זיך געדרוקט אין „דאָס לעבען" נומ. 75 און 79 פון
1914. דער מאַנוסקריפּט איז דער אויטאָגראַף פון פּרצן און
שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויס ברייט העפט גמרא־פאָרמאַט
פון 22 בלעטער. געשריבן איז ער אויף איין זייט; מאַנכע
שטעלן זענען געשריבן אויף אַ קוים קענטיקן פריערדיקן
טעקסט, מיט וועלכן פּרץ איז, ווייזט אויס, נישט געווען צו־
פרידן און האָט אים אָפּגעמעקט. געשריבן איז ער מיט אַ בליי־
פעדער און איז, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, דער אורטעקסט
פון שיר־השירים; יעדנפאַלס שיינט ער דאָס צו זיין לגבי אַלע
איבעריקע נוסחאות פון שיר־השירים, וואָס מיר פאַרמאָגן.
אין דעם ערשטן קאַפּיטל האָט פּרץ פּאַראַלעל מיט דער

יידישער איבערזעצונג געגעבן אויך דעם העברעישן טעקסט. די קאפיטלען זענען דאָ נישט גענוי אָפּגעשטעלט, און די ציפערן, וואָס באצייכענען די קאפיטלען, זענען געמישטע, רוימישע מיט אראבישע. אייניקע באצייכענונגען פון די קאפיטלען פעלן לגמרי. איינגעטיילט איז דער דאָזיקער טעקסט אין 18 קאפיטלען.

אלס יסוד און אלס פּלאַן צו דער גאַנצער איבערזעצונג האָט פּרצן געדינט אַ קאָנספּעקט פון שיר־השירים, ווו ער האָט אויף איינצלנע בלעטלעך פארצייכנט און קלאסיפיצירט, מיט אַ תוכן — די נעמען פון שטעט, ערטער און פּלעצער, געגנטן, נעמען פון בנינים, קליידער, ליבע־צערטלעכקייטן, פּירות, צירונג, חיות, מענער־שיינהייט, פרויען־שיינהייט, — מיט איין וואָרט, דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון שיר־השירים.

דער דאָזיקער קאָנספּעקט האָט א״ך, משמעות, געדינט פּרצן אלס מאַטעריאַל פאַר די פאָרעדעס און פאַר זיינע הערות צום טעקסט.

פאָרעדעס אָדער אינהאלטן פארמאָגט דער אורטעקסט 2: איינע, פון וועלכער מיר האָבן בלויז א טייל, זעט אויס צו זיין אַ באריכותדיקע; זי גיט איבער דעם תוכן פון שיר־השירים און באלייכט אים ביבל־קריטיש. די צווייטע איז אַ קיצור פון דער ערשטער, נאָר איבערגעגעבן מיט אַ וואריאירטן נוסח. די פאָרעדעס זענען געשריבן מיט בלייפעדער. דער מאַטעריאַל פון די דאָזיקע פאָרעדעס האָט פּרצן געדינט אין די ווייטערדיקע טעקסטן — אַ טייל אלס רעמארקן, אַ טייל — אלס הערות, און אַ טייל — פאַר אַ פאָרוואָרט.

מיר גיבן אפּריער דעם פארענדיקטן פאָרוואָרט, נאָכער דעם פראגמענט פון דעם באריכותדיקן.

דער צווייטער טעקסט, וואָס איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט״, איז אַ ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם 1־טן נוסח, הגם ער ווייכט נישט אָפּ קיין סך פון אים. צום באַדויערן, האָבן מיר בלויז געפונען די בלעטלעך פון איין נומער „צוקונפט״, ווו עס האָט זיך געדרוקט אַ העלפט טעקסט פון שיר־השירים, ביז קאַפּ. 11, און די צווייטע העלפט האָבן מיר געמוזט נעמען פון פּרצעס ווערק, וואָס זענען ארויס אין

ניו־יאָרק אין 1920 אונטער דוויד פּינסקיס רעדאַקציע, און מיר קענען דעריבער נישט ערב זיין פֿאַר דער פּינקטלעכקייט און גענויקייט פֿון ג אַ נ צ ן טעקסט, ווי ער האָט אויסגעזען אין צוקונפֿט"; דען, פֿאַרגלייכנדיק דעם טייל טעקסט שיר־השירים פֿון „צוקונפֿט", וואָס מיר פֿאַרמאָגן, מיט דעם, וואָס איז געדרוקט אונטער פּינסקיס רעדאַקציע, האָבן מיר געפֿונען געוויסע אָפּווייכונגען, ווי דאָס פֿאַריכטן מאַנכע פּרצעס דייטשמעריזמען, אַ שטייגער: פֿריינד אָנשטאָט פֿריינדע; כלה אָנשטאָט בראַוט און אַנד.

דער צווייטער טעקסט פֿאַרמאָגט אויך אַ קורצע פֿאָרעדע — אַ וואַריאַנט אויף די פֿריערדיקע פֿאָרעדעס. אויסער די טעקסטועלע אונטערשיידן לגבי דעם ערשטן נוסח, שיידט זיך דער דאָזיקער טעקסט אויך אונטער מיט דער איינשטעלונג פֿון די סטראָפֿן: מאַנכע פֿערזן קומען אויס אין אורטעקסט אין איין סטראָפֿע, אָדער געהערן צו איין קאַפּיטל (לויט פּרצעס איינטיילונג), און אין צווייטן טעקסט — אין אַן אַנדער סטראָפֿע און צו אַן אַנדער קאַפּיטל.

דער דריטער טעקסט, וואָס איז געווען געדרוקט אין „דאָס לעבן", איז אינגאַנצן אַן איבערגעאַרבעטער נוסח, וואָס שיידט זיך שטאַרק אונטער פֿון די ערשטע צוויי. אויף דעם דאָזיקן טעקסט, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שמאָל לאַנג אויפֿגענייט העפֿט מיט די אַריינגעקלעפּטע אויסשניטן פֿון „דאָס לעבן", איז אויפֿגעשריבן, אויסער דעם טיטל, ווי אויף אַלע פֿריערדיקע נוסחאות, אויך: „1914", ד. ה. דאָס יאָר, ווען עס האָט זיך געדרוקט אין „לעבען".

סיי אין דעם ענדגילטיקן טעקסט, סיי אין אַלע וואַריאַנטן האָבן מיר געגעבן אַלע וואַריאַנטן פֿון די טיטלען, מיט וועלכע שיר־השירים האָט זיך בשעתו געדרוקט אין די פֿאַרשידענע אויסגאַבעס.

אויף דעם שער־בלאַט פֿון דעמדאָזיקן טעקסט איז געווען משמעות אָנגעקלעפּט דער טיטל פֿון „דאָס לעבען": „אין וויסן פֿערז מיט צוגעגעבענע רעמאַרקן און באַמערקונגען", וואָס ס'איז נאָכער אַראָפּגעפֿאַלן, און מיר האָבן עס רעסטאַווירט. דער טעקסט אַנטהאַלט אויך אַ פֿאָרעדע מיטן

נאָמען „דער קורצער אינהאַלט" — אַ קורצע וואַריאַציע אויף די פריערדיקע פאַרעדעס. די פאַרבאַמערקונג באַציט זיך אויפן ערשטן פּסוק, וואָס איז אָנגעגעבן אַלס טיטל אויף אַלע דריי נוסחאות.

כדי טריי צו בלייבן דעם אויטאָרס כוונה, האָבן מיר אומעטום געגעבן צום ערשטן די ענדגילטיקע און פולקאָם באַארבעטע טעקסטן, דערנאָך די וואַריאַנטן און די אָנט־וואורף־טעקסטן, און אַזוי האָבן מיר זיך אויך נוהג געווען ביי שיר־השירים: פאַר דעם ענדגילטיקן טעקסט האָבן מיר גע־נומען דעם נוסח פון „לעבען", פאַר אַן ערשטן וואַריאַנט — דעם טעקסט פון „צוקונפט", און צולעצט — דעם אור־טעקסט, הגם כראָנאָלאָגיש האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט.

דורכדעם זענען מיר אויסן געווען צו געבן דעם לעזער אַ בולטע השגה פון פּרצעס שאַפונגס־פּראָצעס, פון זיין אומ־דערמידלעכן פליים צו אַרבעטן און איבעראַרבעטן, צו שלייפן און פּאָלירן זיינע ווערק, פון דעם טיפן ערנסט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן צו זיין אַרבעט. מחמת דעמדאָזיקן טעם האָבן מיר אויך אַלע דריי טעקסטן געגעבן באַזונדער, אַלס גאַנצע זאַכן, און נישט צעברעקלט זיי אַלס שטיקלעך וואַ־ריאַנטן צו דעם גרונד־טעקסט. די שטעלן, ווו זיי גלייכן זיך, האָבן מיר באַצייכנט מיט שטערנדלעך נישט איינגעקלאַמערט, להיפּך צו די הערות, וואָס גייען אַריינגערינגלט אין חצי־לבנות (קלאַמער).

אַ באַזונדער וואַריאַנט אויף די פּסוקים 5־8 פון קאַפּ. ח' האָבן מיר געפונען אויף אַ באַזונדער בלעטעלע, געשריבן מיט טינט, און לויט דער נומעראַציע פון די ציפערן, וואָס באַצייכענען די באַמערקונגען, איז קענטיק, אַז עס איז געווען נאָך אַ פּערטער טעקסט פון שיר־השירים, וואָס איז, משמעות, פאַרלאָרן געגאַנגען.

דער אורטעקסט און דער טעקסט פון „צוקונפט" זענען איינגעטיילט אין 18 קאַפּ., און דער לעצטער, ענדגילטיקער טעקסט — אין 14.

רות

פון רות האָבן מיר געפונען 1 טעקסט, דעם אווטאָ־גראַף, פון וועלכן עס זענען געמאַכט געוואָרן דורך אַן אי־בערשרייבער 2 קאָפּיעס, און פּרץ האָט אין זיי אַריינגעטראָגן קליינע שינויים, אַזוי אַז די דאָזיקע קאָפּיעס זענען אַן ענד־גילטיקער טעקסט. דער אווטאָגראַף שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנג שמאָל העפט פון 12 זייטן, געשריבן מיט אַ בלייפעדער, און אין פיל ערטער, כמעט אין דעם גרעסטן טייל, איז דער טעקסט געשריבן אויף אַן אָפּגעמעקטן און קוים קענטיקן פריערדיקן טעקסט.

אין דעמדאָזיקן אווטאָגראַף געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט פאָלגנדיקע פאַרשטראָכענע באַ־מערקונג, באַצייכנט מיט אַ ציפער 1, בנוגע וועלכער ס'איז נישט באַוווסט, צו וואָס זי באַציט זיך: „בנות צלפחד איז קענטיק ה ו ר א ת ש ע ה, — זיי צוליב אַ ספּעציעלער באַ־שייד פון גאָט". —

די פאָר קליינע וואַריאַנטן זענען אַראָפּגעטראָגן אויף אַן אָרט און באַצייכנט מיט שטערנדלעך.

א י כ ה

דער אווטאָגראַף פון איכה באַשטייט פון איין גאַנצן טעקסט און אַ וואַריאַנט אויף דעם 1־טן קאַפּיטל. דער פאָר־מאַט פון מאַנוסקריפּט איז ווי פון רות, געשריבן מיט בלײַ־פעדער און אַנטהאַלט 15 בלעטער. מאַנכע סטראָפן זענען געשריבן אויף אַ פריערדיקן טעקסט. ביז קאַפּ. ג' איז דער טעקסט מערוויינִיקער באַאַרבעט, פון קאַפּ. ג', דערהויפּט פון קאַפּ. ד', איז דער טעקסט בלויז אַן אָנוואַרף, אַ נישט באַאַר־בעטער מאַטעריאַל, די פּסוקים זענען נישט באַצייכנט, איי־ניקע פּסוקים קומען בלויז מיט זייער העברעישן טעקסט, ביי אייניקע טייטשן ווערט געבראַכט דער העברעישער אָריגינאַל; משמעות, פּרץ האָט נאָך פאַר זיי ניט געפונען דעם פּאַסיקן אָדער ענדגילטיקן אויסדרוק אין יידיש; פיל פּסוקים קומען צוזאַמענגעפלאָכטן, און ס'ווערט נישט אָפּגעהיט די פערז־

מאָס פון די שורות. ביכלל מאַכט דער גאַנצער מאַנוסקריפּט אַן איינדרוק פון אַ מאַטעריאַל, וואָס איז אַרויס פון דער ערשטער פּעדער.

דער וואַריאַנט פון איכה באַשטייט פון 2 בלעטלעך. מעגלעך, אַז ס'איז בלויז אַ טייל פון אַ וואַריאַנט אויף גאַנץ איכה, וועלכער איז פאַרלאָרן געגאַנגען. נישט קענענדיק אין געוויסע פאַלן פעסטשטעלן דעם אמתן טייטש פון אַ געוויסן וואָרט, גיט פּרץ אַלע מעגלעכע טייטשן צוזאַמען. אַזוי איז דער פאַל מיט די ווערטער „תנין" (פּסוק 3, קאַפּ. ד'); „תשתפכנה", (פּסוק 1, קאַפּ. ד'); „סכות" (פּסוק 43, קאַפּ. ג') און אַנד. דידאָזיקע אַלע טייטשן האָבן מיר אַראָפּגעטראָגן אונטן, אַלס פאַרטייטשונגען, פון וועלכע פּרץ אַליין האָט נאָך ניט אויסגעקליבן די ענדגילטיקע. מיר האָבן אויך אַראָפּגע־טראָגן אונטן, אַלס באַמערקונגען פון פּרצן, די יעניקע פאַר־קלאַמערטע באַמערקונגען אין טעקסט, וואָס דינען אַלס עק־זעגעטישע קאָמענטאַרן און געהערן נישט צו דעם עצם טעקסט. דערקעגן האָבן מיר געלאָזן די פאַרקלאַמערטע באַ־מערקונגען אין טעקסט, וואָס דינען ווי אַ דערגאַנצונג און אַ דערפּילונג צום פּסוק.

די קליינע וואַריאַנטן זענען אַראָפּגעטראָגן אויף אַן אָרט גופא.

קוהלת

פון קוהלת האָבן מיר געפונען צוויי פולקאָמע גרונד־טעקסטן און דריי איבערגעשריבענע (נישט דורך פּרצן) קאָ־פּיעס פון איינעם פון זיי.

דער ערשטער טעקסט איז געווען אָפּגעדרוקט פראַג־מענטנווייז ביז קאַפּ. ח' אין „דאָס לעבען" (דער אָנהייב אום־באַוווסט אין וואָסער נומער) אין די נומערן 3, 15, 23, 30, 57 און 91 (אין לעצטן נומער — אונטער דעם קעפּל: „אויס קוהלת") פון יאָר 1914. דעמדאָזיקן טעקסט האָט פּרץ פונ־דאָסניי באַאַרבעט און ס'איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער אור־טעקסט. ער שליסט אין זיך איין דעם גאַנצן געדרוקטן

טעקסט, נאָר שטאַרק באַאַרבעט. נאָך דעם געדרוקטן טעקסט קומט מאַנוסקריפּט ביז סוף פון קוהלת.

דערדאָזיקער אורטעקסט איז זייער אַן אָריגינעלער הן לויט זיין אויסערלעכן אויסזען, הן לויט די אַן אַ שיעור וואַריאַציעס, וואָס ער פאַרמאָגט. זען זעט ער אויס, ווי א ברייט לאַנג העפט גמרא־פאָרמאַט און איז כמעט ווי איבערגעריסן אויף דער העלפט, חוץ דעם זענען אויך ביי די זייטן אין אייניקע ערטער אויסגעריסן גאַנצע שטיקער. ווי עס גיט איבער ה' ב. קלעצקין אין דינעזאָנס נאָמען, ביי וועמען ער האָט איבערגענומען נאָך פּרצעס טויט (אין 1915) אַלע כתבים פון י. ל. פּרץ, צווישן זיי אויך די מגילות, איז פּרץ געווען שטאַרק נישט צופרידן מיט דעמדאָזיקן טעקסט און איינמאָל אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד האָט ער אים שיר־נישט צעריסן, ווען נישט דינעזאָן, וואָס איז געווען דערביי און האָט ביי אים באַצייטנס אַרויסגעכאַפּט דעם מאַנוסקריפּט און אַזוי אַרום אים געראַטעוועט.

באַטראַכטנדיק דעמדאָזיקן טעקסט, איז ווירקלעך נישתומם צו ווערן פון דער אייזערנער געדולד, מיט וועלכער פּרץ האָט באַאַרבעט יעדן פּערז, יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט, איבערגעשטעלט און איבערגעדרייט, פאַרמעקט און ווידער אויפגעשריבן אויף דעם פאַרמעקטן, געטאָקט און געשניצט און פאַריכט ביז אין דער אומענדלעכקייט אַריין.

ביז העלפט גייט זיך דער טעקסט מער־ווייניקער נאָרמאַל, נאָר וואָס ווייטער, פאַרלירט ער דעם אָנבליק פון אַ טעקסט, און זעט אויס, ווי אַ קליין אינדזעלע, אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון פאַרשידענע וואַריאַנטן ביי דער זייט און אינמיטן, אויבן און אונטן, געמעקט און געשריבן, אָנגעהויבן אַ פּערז און נישט פאַרענדיקט, געבליבן שטיין אינמיטן אַ פראַזע, אַמאָל — אינמיטן אַ וואָרט; ביי דער אַרבעט פלוצלינג דערמאָנט זיך פאַרשידענע גראַמען און ווערטלעך און סינאָנימען און טייטשן פון העברעישן אָריגינאַל — און גלייך פאַרצייכנט אויף דער ברייטער זייט פון העפט. גענומען זיך באַאַרבעטן אַ פּסוק, וואָס איז מיט עטלעכע פּסוקים שפּעטער פאַר דעם דערבייאיקן טעקסט. כמעט

יעדער פערז ווערט וואריאירט; פאראן פסוקים, וואָס פאַר־מאָגן איבער 10 וואריאַנטן. און נישט נאָר פסוקים; אויף איינצלנע ווערטער זענען ביי אים פאראן צו עטלעכע וואַ־ריאַנטן.

דער צווייטער טעקסט (כראָנאָלאָגיש, דער דריטער) פון קוהלת איז אַ ווייטערדיקע באַארבעטונג פון דעם פריער־דיקן. דערדאָזיקער אווטאָגראַף האָט דעם אויסזען פון אַ לאַנג שמאָל העפט פון 31 בלעטלעך, געשריבן דורכויס מיט בליי־פעדער אויף אַ קוים קענטיקן פריערדיקן טעקסט, און אין פיל שטעלן מישן זיך אויס ביידע טעקסטן און מחמת דעם איז שווער צו לייענען. אין דעמדאָזיקן 2־טן טעקסט האָט שוין פרץ די פסוקים באַצייכנט מיט ציפערן און איינגעטיילט די קאַפּיטלען לויטן תנכישן אָריגינאַל.

קיין הערות פון פרצן זענען צו דעם אווטאָגראַף נישטאָ; הערות זענען פאראן אויף באַזונדערע 5 בלעטלעך פון אַ לאַנגן און שמאָלן פאָרמאַט פון אַ טונקעלער פארב, גע־שריבן מיט אַ בלייפעדער פון פרצן אַליין. דער דאָזיקער טעקסט איז אויך פול ביי די זייטן מיט פרצעס תיקונים, אויסמעקענישן און צושרייבענישן, מיט צוגעקלעפּטע און אריינגעשטעלטע בלעטלעך. דאָך איז ער, לפי־ערך, לגבי דעם פריערדיקן נוסח, אַרוים ריין און פולשטענדיק.

אין די קאָפּיעס האָט פרץ אַריינגעטראָגן געוויסע קליינע תיקונים מיט זיין האַנט, נאָר נישט אין אַלע, און דעריבער שיידן זיך די קאָפּיעס אונטער בלויז אין קלייניקייטן.

פון דער הערה 4 (זייט 5) איז צו זען, אַז צו קוהלת איז אויך געווען אַ פאָרעדע. מיר האָבן זי אָבער צווישן די פרצעס כתבים פון די מגילות נישט געפונען.

די קאָפּיעס האָבן מיר אָנגענומען פאַר אַ גרונד־טעקסט און די איבעריקע — פאַר וואַריאַנטן, ווי מיר האָבן זיך נוהג געווען ביי די איבעריקע מגילות. די פּאָר קליינע וואַריאַנטלעך פון די קאָפּיעס האָבן מיר אַראָפּגעטראָגן אויף אַן אָרט גופא; דעם באַארבעטן טעקסט פון „דאָס לעבן" האָבן מיר גענו־מען אַלס הויפּט־וואַריאַנט, און די אַלע גרעסערע און קלע־נערע וואַריאַנטן, סיי פון דעם הויפּט־וואַריאַנט, סיי פון דעם

טעקסט, וואָס באַשטייען פון גאַנצע סטראָפן, אָפּגעריסענע נישט פאַרענדיקטע פערזן, פראַזן, זאָגאַר איינצעלנע ווערטער, אויב זיי האָבן נאָר אַ צוזאַמענהאַנג און בילדן ווירקלעכע וואַריאַנטן, האָבן מיר זיי געגעבן צום סוף אונטערן נאָמען „פאַרשידענע וואַריאַנטן". איבערגעלאָזן האָבן מיר בלויז אַזעלכע פראַזן אָדער ווערטער, וואָס האָבן קיין שום צוזאַמענהאַנג נישט. די דאָזיקע פאַרשידענע וואַריאַנטן זענען באַצייכנט מיט ציפערן, אַנטשפּרעכנדיק די ציפערן פון הויפּט וואַריאַנט, אויף וועלכע זיי באַציען זיך; די פאַרשידענע וואַריאַנטן בילדן אויך אונטער־וואַריאַנטן, וואָס זענען אָראָפּגעטראָגן געוואָרן אויף אַן אָרט און באַצייכנט מיט ציפערן. די שטעלן, וואָס גלייכן זיך, האָבן מיר, ווי אין אַלע וואַריאַנטן, באַצייכנט מיט שטערנדלעך. גלייך אויף אַן אָרט האָבן מיר אויך געגעבן פּרצעס הערות, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צום טעקסט, אויך באַמערקונגען פון רעדאַקציע, וועלכע באַציען זיך אויף אַ געוויסן צושטאַנד פון מאַנוסקריפּט, אָדער זענען אויסן פעסטצושטעלן אָדער מתקן צו זיין אַ געוויסן טעות, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין טעקסט. די באַמערקונגען פון דער רעדאַקציע זענען באַצייכנט מיט שטערנדלעך, און פּרצעס הערות — מיט ציפערלעך. אויך די קליינע וואַריאַנטן, וואָס זענען אַראָפּגעטראָגן אויף אַן אָרט, זענען באַצייכנט מיט שטערנדלעך.

כדי מ'זאָל קענען פאַרגלייכן דעם הויפּט־וואַריאַנט מיטן אַנטגילטיקן טעקסט, האָבן מיר אים אויך איינגעטיילט אין פּסוקים און קאַפּיטלען, אַנטשפּרעכנדיק דעם אַנטגילטיקן טעקסט.

דער אופן פון אַראָפּטראָגן די וואַריאַנטן איז ביי אונדז פאָלגנדיקער: אומעטום, וווּ עס זענען דאָ וואַריאירטע פערזן, זאַצן אָדער איינצעלנע ווערטער, ווערט אַראָפּגעטראָגן, אַלס וואַריאַנט, דער פריערדיקער טעקסט זייערער, און דער אויסגעבעסערטער טעקסט ווערט אָנגענומען אַלס אַנטגילטיקער טעקסט. אויב דער פריערדיקער טעקסט איז אויסגעמעקט, ווערט ער אַראָפּגעטראָגן אַלס וואַריאַנט מיט דער באַמערקונג; אויסגעמעקט, אָדער פאַרקירצט: אויסג. אויב דער

אויסגעמעקטער טעקסט איז א מיטן־פערז אָדער א מיטן־פּראָזע — ווערט ער איינגערינגלט. אויב אָנשטאָט דעם אויסגעמעקטן טעקסט איז קיין אַנדער טעקסט נישטאָ, ווערט ער אָנגענומען אַלס גרונד־טעקסט, נאָר ער ווערט איינגעקלאַמערט און באַצייכנט: אויסגעמעקט.

איניקע פּסוקים זענען ביי פּרצן, צוליבן גראַם, אַזוי פאַרפּלאָכטן צוזאַמען, אַז ס'איז זיי אומעגלעך פונאַנדערצוטיילן; דידאָזיקע פּסוקים האָבן מיר באַצייכנט מיט זייערע געהעריקע ציפערן. דאָ, וווּ עס זענען פאַראַן אַ סך וואַריאַנטן, האָבן מיר באַצייכנט זייער נומעראַציע מיט לאַטיינישע ציפערן.

אויסער די 2 גרונד־טעקסטן און דעם הויפּט־וואַריאַנט, האָבן מיר נאָר אויף איינצעלנע קליינע בלעטלעך, פון וועלכע איינס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שערבלאַט, געפונען נאָך אַ וואַריאַנט אויף איניקע פּסוקים. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנצער וואַריאַנט אויף קוהלת, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען. מיר האָבן עס אַראָפּגעטראָגן צום סוף מיט אַ געהעריקער באַמערקונג דערצו.

אַלס אונדזערע באַמיאונגען צו באַקומען די עקזעמפּלאַרן פון „דאָס לעבן", וווּ עס האָבן זיך געדרוקט די קאַפּיטלען פון קוהלת, כדי צו קענען פאַרגלייכן מיט דעם געשריבענעם טעקסט, האָט צו קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט; עס האָבן אויך נישט געהאָלפן אונדזערע ווענדונגען אין דער פּרעסע וועגן דעם. אונדזערע פּריוואַטע זוכענישן אין ווילנע און אפילו אין וואַרשע, וווּ „דאָס לעבן" איז דערשינען — אין ערגעץ האָבן מיר די דאָזיקע עקזעמפּלאַרן נישט געקענט קריגן. איצט, נאָכן אויסזעצן קוהלת, האָט, על־פּי צופאַל, ווילנער „שטראַשון־ביבליאָטעק" געקראָגן דעם יאָרגאַנג פון „דאָס לעבן", וווּ עס האָט זיך געדרוקט קוהלת (אי דאָס — מיט חסרים), און מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט צוצוגעבן איניקע וואַריאַנטן אויף איניקע פּסוקים פון הויפּט־וואַריאַנט, וואָס פּרץ האָט זיי איבערגעאַרבעט און נישט גענומען דירעקט פון „דאָס לעבן". די דאָזיקע וואַריאַנטן האָבן

מיר געגעבן נאָך די „פאַרשידענע וואַריאַנטן", אונטערן טיטל „צוגאָב־וואַריאַנטן".

אגב, לויט די דאָזיקע עקזעמפּלאַרן פון „דאָס לעבן", האָבן מיר אויך די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די שטערנד־לעך, אויף וועלכע עס באַציען זיך פּרצעס הערות אויף ז. 70 פון הויפּט־וואַריאַנט: דאָס ערשטע שטערנדל דאַרף קו־מען נאָך: „און אַ זייל אין דרייען געפלאָכטן" (ז. 12); דאָס צווייטע: שוין „בעסער דעם אָרעמסטן קינד" (ז. 13). אין דעם ערשטן טעקסט פון „דאָס לעבן", וואָס מיר האָבן גע־האַט, זענען די שטערנדלעך געווען מטושטש און מיר זענען דעריבער געצוווּנגען צו שרייבן אַ באַמערקונג, וואָס פאַלט ,נאַטירלעך, איצט אַראָפּ.

אסתר.

אסתר באַשטייט פון איין טעקסט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָנגעהויבענעם מאַנוסקריפּט, געשריבן מיט בליי־פעדער, סך־הכל פון 2 בלעטלעך, ביז פּסוק 12 פון קאַפּ. א'. קיין וואַריאַנטן זענען נישטאָ. ס'איז נישט באַוווּסט, צי איז דאָס אַן אָנהויב פון אַן אָנטגילטיקן טעקסט, אָדער דער 1־טער אַנטוואורף פון דער איבערזעצונג. אגב, דאַרף דער טיטל הייסן בלויז: א ס ת ר , און נישט, ווי עס האָט זיך על־פּי־טעות אָפּגעדרוקט: „ א ס ת ר , א י ן ר יי מ ע ן פ אַ ר יי ד י ש ט ".

אקדמות און חד - גדיא.

פון אקדמות האָבן מיר געפונען צוויי אויטאָגראַפן, פון וועלכע איינער שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווייטערע באַ־אַרבעטונג פון דעם נוסח, וואָס איז געווען געדרוקט אין „היינט" אין שבועות־נומער פון 1913; אין „היינט" האָט זיך געדרוקט אַ גלאַטער טעקסט, נישט איינגעטיילט אין קאַ־פּיטלען, און דאָ איז שוין געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו איינטיילן דאָס ווערק אין קאַפּיטלען; דער 2־טער אויטאָגראַף איז, הגם נישט קיין סך אַוועק ווייטער פון דעם ערשטן, איז אָבער

אָן אנטגילטיקער, איינגעטיילט אין קאַפּיטלען און איבערגע־שריבן אויף ריין. ביידע אווטאָגראַפן זענען פון אַ קליינעם פאָרמאַט פון 13 בלעטלעך יעדערער.

די מאַנכע אָפּווייכונגען, וואָס מיר האָבן געפונען אין דעם טעקסט פון אקדמות אונטער פינסקים רעדאַקציע, קען מען נישט אָנעמען אַלס וואַריאַנטן, נאָר אַלס פּשוטע דרוק־פעלערן. דאָס זעט מען אַרויס נאָך אַ גענויער פאַרגלייכונג מיטן טעקסט פון „היינט״, פון וואַנען פינסקי האָט דעם טעקסט גענומען, און פון דער אומהאַפּטיקייט פון די אָפּוויי־כונגען; בלויז אַ פּאָר ווערטער, וואָס קענען על־פּי־ספק יאָ זיין וואַריאַנטן, האָבן מיר אַראָפּגעטראָגן אין אונדזער טעקסט און באַצייכנט מיט אַ פראַגע־צייכן.

דאָס זעלבע האָבן מיר אויך געטון מיט

חד-גדיא.

פון וועלכן מיר האָבן בלויז דעם טעקסט פון „היינט״, ווו עס האָט זיך געדרוקט אין דעם פּסח־נומער פון 1913. פאַרגלייכנדיק מיט פּינסקים טעקסט האָבן מיר געפונען, אַז דאָרטן זענען די אָפּווייכונגען דרוקפעלערן.

דער סך-הכל.

מיר האָבן אין פּרצעס טעקסטן קיין זאַך נישט גע־ענדערט, נאָר אויפגעשטעלט אַלע צעוואָרפענע, פאַרדרייטע און פאַרמעקטע וואַריאַנטן, צונויפגעצויגן און פאַרבונדן אַלע שטיקלעך און ברעקלעך, געמאַכט די געהעריקע באַמערקונגען, אויסגעשטעלט זיי לויט אַ געוויסן סידר, אויסגעשיידט די וואַריאַנטן פון זייער פּלאַנטער און צוגעגעבן זיי צו די באַ־טרעפנדיקע טעקסטן, געמאַכט פראַגע־צייכנס, ווו אונדז האָט זיך נישט געשיקט, ווו עס האָט געפעלט אַן אות, אַ וואָרט וכדומה — אויסער דער אָרטאָגראַפיע, וועלכע מיר האָבן פאַראיינהייטלעכט לויט דער מאָדערניזירטער אויסלייגונג. 1).

---

1) אגב, זענען אַפילו די ביי פּרצעס לעבן פאַרעפנטלעכטע וואַריאַנטן געדרוקט לויט דער אָרטאָגראַפיע פון די אויסגאַבן, ווו זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אזוי זענען מיר געבליבן געטריי צו פּרצעס טעקסטן אין אלע זייערע וואַריאַנטן, נישט ענדערנדיק אַפילו די אומגע־ריכטסטע דייטשמערזימען, אַזוי אַז די דאָזיקע אויסגאַבע פון פּרצעס תנך־איבערזעצונגען קען גילטן דערווייל אַלס ערשטער און דער ווילע לידער איינציקער פּרווו פון אַ פול־קאָמער אויסגאַבע פון אַ יידישן קלאַסיקער, וועלכער וועט, לאָמיר האָפן, דינען אַלס אַנרעגונג פאַר ווייטערדיקע אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג פ ו ן ר ע ד אַ ק צ י ע : אַנשטאָט די רוימישע ציפערן ווי עס איז אין דער קלעצקין־אויסגאַבע, האָבן מיר באַצייכנט מיטן אלף־בית.

דאָס ליד דער לידער שלומהס

שיר השירים אֲשר לשלמה

(אין ווייסן פערז פאַריידישט, מיט צוגעגעבענע רעמאַרקן און באַמערקונגען)

פאָרבאַמערקונג.

„אשר לשלמה" — ווערטלעך: וואָס צו שלומה. קאָן זיין „שלומהס, פון שלומה פאַרפאַסט, אָדער, ווי „מזמור לדוד", איז נאָך נישט „מזמורו של דוד", אים צו ערן געריכטעט. ווי-עס-איז, עס איז אַ ליד, פון איינצלנע לידער צוזאַמענגע-שטעלט און פון „אַ גאָרטן-זיצערן" — „אַ גאָרטן-זינגערן", אַלס ווײַן- און ליבעס-פּאָעמאַט געזונגען. אינגאַנצן — אַ פּאָעמאַט וועגן שלומה- און שולמית-ליבע.

דער קורצער אינהאַלט

שלומה האָט וויינבערג אין דער געגנט פון בעל־המון, מיט וויין־הייזער אין די וויינבערג. ער קומט אין מע־נער־ און פרויען־באַגלייטונג (בנות ירושלים) אַהין, צו פאַרווייַלונג, און באַגעגנט זיך מיט שולמית — אַ וויינבערג־היטערן. זי דערציילט, אַז זי איז נישט קיין איינפאַכע היי־טערן פון וויינבערג. דאָס האָבן די ברידער איר געצערנט, און פאַר אַ היטערן צום וויינבערג געשטעלט. — גייען לי־בעס־געזאַנגען. דערנאָך — שולמיתעס טרוימערייען וועגן שלומהן ביי זיך אין מוטער־הויז. זי באַזוכט אויך שלומהן אין ירושלים, טאַנצט פאַר אים אין ניסן־גערטל. ער פאַר־לאַנגט זי, זי רופט אים צו זיך אין דאָרף אַריין. ער קומט און פאַרלאַנגט זי פון די ברידער. די ברידער, וואָס האָבן זי פאַרטריבן אַ קליינע, ווייסן נישט, צי זי איז רייף און איז צום פאַרגעבן אַלס בתולה פאַר אַ ווייב, פאַר וועלכער מען באַקומט „מוהר" (אויסקויף־געלט) און זי באַקומט „מתן" (כלה־מתנות), און וואָס גייט צו חופּה, צו וועלכער דער חתן קומט אין אַ קרוין, ווי אַ קעניג, מיט אַ זילבערנעם טור־רעם איבערן קאָפּ, אָדער מען קאָן זי נאָר פאַרקויפן אַלס מאַגד; זי איז דאָך אַזוי לאַנג אויסער שוץ געווען. זי ער־קלערט זיך רייף און אַלס מעדכען, זאָגט זיך דערביי אָפּ פון כלה־געשענק, הייסט נאָר געבן די ברידער מוהר — 200 זילבער־שטיק.

1

(די באַגעגענונג אין ווייַנבערג)

ש ו ל מ י ת

מיט קושן פֿון זיין מויל
זאָל ער לאָבן מיך!

(דרייסטער געוואָרן)

דען בעסער אַלס דער וויין,
שמעקט דיין צערטלעכקייט!
צום גערוך די איילן דיין
ווי אנגענעם!
דיין נאָמען 1) שיין — א תורק־אייל!
ליבט די יונגפרוי דיך דארום!
אָ, צי מיך, צי,
מיר 2) איילן דיר נאָך!

פירט דער קעניג מיך
אין זיינע קאַמערן, —
וועל'מיר לוסטיק זיין,
פרייען זיך מיט דיר!

און דערמאנען אויך 3),
נישט אזוי דעם וויין 4),

---

1) שלומה, דער קעניג פֿון פרידן; ווי שפּעטער שולמית — די געהעריקע צו שלומה. דער נאָמען אין היינטיקן זין איז נאָך אומבאַקאַנט. ער איז נאָר געבורטס אָדער ערן-טיטל.
2) זי און אירע פריינדינען.
3) מיט דאנקבאַרקייט.
4) די אויפנאמע, ווי ביי אונדז דער טיי; ווי „לחם" — דאָס מאָלצייט.

ווי דיין צערטלעכקייט!
געטרייע ליבן דיך!

(צו ירושלימס טעכטער)

שווארץ בין איך, דאָך שיין,
ירושלימס טעכטער!
ווי די קדר-צעלטן,
ווי די פאָרהענג שלומהס.

קוקט נישט, וואָס איך שווארצלעך בין;
מיך האָט אָפּגעברענט די זון.
עס האָבן מיר געצירנט
מיינע מוטער־זין; 5)
פאַר א וויינבערג-היטערן
מיך געמאַכט!
און איך האָב מיין אייגענעם
וויינבערג 6) נישט געהיט!

(צו שלומה) 7)

זאָג מיר דו,
וואָס מיין זעלע ליבט, —
וווּ פּיטערסטו,
וווּ לאַגערסטו
צו מיטיק-צייט?
נאָך וואָס זאָלן מייגען לייט,
האָם איך לויה8) די הירטן נאָך
פון דיינע קאַמעראַדן?

שלומה

ווייסט עס נישט,
שענסטע צווישן פרויען?

---

5) ביי דער פּאָליגאַמישער אָרדענונג הערשן די ברידער אין מוטער־הויז איבער מוטער און טעכטער.
6) איר געזיכט; אָפּטער פאַרגלייך אין דער פּאָעמע.
7) אַ ביטע אום באַגעגענונג אין דער פאָרעם פון אַ שעפער-ליד; אין דער זעלבער פאָרעם דער ענטפער.
8) עוטיה; פון עטה אל השלל.

גיי די צייכן נאָך
פון די שעפּלעך־טריט!
און פיטער דיינע ציקעלעך
ביי די שעפער־צעלטן!

אין וואָגן פרעהס
צום פערדל קליין
גלייך איך דיך,
דו, ליבסטע מיין!
ווי שיין עס זענען
דיינע באַקן אין געהענגען
און דיין האַלדז און די שנירן,
גאָלד־געהענגען מאַכ׳מיר דיר
מיט זילבערנע פליטערלעך.

2

(שולמית מאַכט איר ליוב-רייניקונג, שלומה וואַרט זי אָפּ; דערנאָך באַגעגנט)

שולמית

אין זיין באַגלייט דער קעניג וואַרט,
און אויפגעדופט האָט שוין מיין נאַרד!
אַ בינטל מירא איז ער מיר, מיין פריינט,
וואָס צווישן מיינע בריסטן רוט!
אַ באַלזאַם־שטענגל איז ער מיר,
פון עין־גדים ווייַנבערג!

שלומה

(צו שולמית, אַז זי באַווייַזט זיך)

שיין ביסט דו, פריינדין מיין,
שיין!
די אויגן דיינע — טויבן!

ש ו ל מ י ת

שיין ביסטו, פריינט דו מיין,
און זיס!

(זעצן זיך אין פרייען)

פריש און גרין אין אונדזער לאגער 9),
פון צעדערן דאָס הויז געבאַלקט!
די גאַלעריע — ציפּרעסן!

(ד ו ע ט)

ש ו ל מ י ת

איך בין די ליליע פון שרון!
איך בין די רויז פון טאָל!

ש ל ו מ ה

וואָס די רויז איז צווישן דערנער,
איז מיין פריינדן צווישן טעכטער!

ש ו ל מ י ת

וואָס דער עפּלבוים אין וואַלד,
איז צווישן זין מיין ליבער!
זיץ איך גליסטיק אין זיין שאָטן,
איז זיין פרוכט 10) דעם גומען זיס!

(ליבעס-ליד)

ר'האָט צום וויינבערג מיך געפירט,
און איבער מיר זיין ליבעס-פאָן 11)
אויפגעפלאַנצט!
מינטערט מיך מיט טרויבן-זאַפט .

---

9) ערש; נישט „שלאָף-בעט", נאָר ווי די מטות אין „מגילות אסתר" — טרינק-לאַגער.

10) דער מאַן — דער בוים, זיין צערטלען — די פרוכט. אויך אַפּטע פאַרגלייכונג.

11) ווערטלעך, אַלס צייכן פון אויסוואַל. דאָס טוך, וואָס ווערט אין האַרעם געוואָרפן דער גערופענער פרוי, איז די פאָן שוין אָן דעם שטאַק.

און מיט עפּל לעגט מיך אונטער, —
איך בין ליבעס־קראַנק.

*

זיין לינקע האַנט איז אונטער מיין קאָפּ:
און זיין רעכטע האַלדזט מיך ארום...
באַשווער איך אייך, ירושלימס טעכטער,
ביי דעם יונגן הירש,
ביי דעם רעה אין פעלד: 12)
וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט אויף אליין! 13).

3

(שולמית ביי זיך אין דער היים, אין מוטער־הויז אויפן פעלדז, טרוימט)

שולמית

די שטים!
עס קומט מיין פריינט!
שפּרינגט שוין איבער בערג,
היפּט שוין איבער היגל!
דעם רעה צוגלייך,
דעם יונגן הירש!
און שטייט שוין הינטער דער וואַנט!
דורך די פענצטער קוקט ער,
דורך די גראַטן 14) בליקט ער!

— — — — — — — — — — — —

רופט זיך אָן מיין פריינט
און זאָגט צו מיר:
שטיי־אויף, פריינדין מיין,
ליבסטע מיין,

---

12) דערמאָנט „חולדה ובור".
13) אַפּטער רעפרען.
14) פרויען־הייזער זענען אינעם אָריענט פאַרגעטערט.

קום ארויס!
דען דער ווינטער איז פארביי,
און די רעגן־צייט געוויכן!
און מיט גרינסן שפראָצט די ערד!
געקומען איז די שניטער־צייט, —
אין אונדזער לאנד
לאָזט די טורקל־טויב זיך הערן!
און בליטן טרייבט דער פייגנבוים,
און דער ווייבערג גרינט און דופט!
אָ, שטיי־אויף, געליבטע מיין,
שיינע מיין,
און קום ארויס!

*

טויב דו מיין אין פעלדזן־שפאלט,
אין פארבאָרגענעם געשטאפל,
אָ, באווייז מיר דיין געשטאלט,
לאָז דיין שטימע הערן!
דען דיין שטים איז אנגענעם;
הערלעך דיין געשטאלט!

*

„כאפט אונדז די פיקסלעך"
די פיקסלעך די קליינע,
די ווייגשטאָק־פארדערבער, —
אונדזער ווייגשטאָק גרינט"! 15)

מיין פריינט איז מיין
און איך בין זיין, —
דעמס, וואָס פיטערט צווישן רויזן!

*

ביז עס קילט נישט אָפ דער טאָג 16),
און עס וויכן נישט די שאָטן, — 17)

15) ברוך-שטיק פון א פאָלקס-ליד ביים גאָרטן-שפיל.
16) רעפרען-אָפשיד פארטאָג ביז צום אָונט. ביטאָג מוז מען בלייבן צו הויז אָדער שיצן זיך פאר דער זון אין שפאלטן פון געבירג.
17) וואָס זעען זיך נאָר אויף דער זון.

ניין, פריינט!
זיי גליַיך דעם רעה,
דעם יונגן הירש
אין די שפּאַלטן פון געבירג.

4

(ווייטערדיקע טרוימעריַיען)

שולמית

אין די נעכט,
אויף מיַין געלעגער,
זוך איך דעם, וואָס מיַין זעלע ליבט;
זוך איך און געפין אים נישט!
שטיי איך אויף,
און גיי אין שטאָט אַרום;
אויף מערק און אויף גאַסן זוך איך דעם,
וואָס מיַין זעלע ליבט...

*

באַגעגענען די היטער מיך,
די, וואָס קרײַזלען אין דער שטאָט, —
„האָט איר נישט געזען דעם,
וואָס מיַין זעלע ליבט?"

קוים פאַרביי, — טרעף איך אים,
טרעף איך דעם, וואָס מיַין זעלע ליבט!
האַלט איך אים, נישט אָפּגעלאָזט!
פיר איך אים צום מוטער־הויז,

צור געבערערן אין קאַמער!
באַשוווער איך אייך, ירושלימס טעכטער!
ביים יונגן רעה,

ביים הירש אין פעלד, —
וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט אויף אליין!

5

(שולמית טרוימט זיך אַלס ברויט אין באַזוך ביי שלומה)

שלומה

(באַגעגנט זי)

ווער שטייגט פון וויסטעניי?
גלייך אין רויכיקע זיילן!
מיט ווייררויך און מירא געדעמפּפט,
מיט טענדלער־געווירצן אַלערליי!

שולמית

(באַטראַכטנדיק)

אָט, שלומהס בעט,
זעכציק העלדן ארום,
פון די שטאַרקסטע אין ישראל!
אַלע זענען שווער־געגורטע,
און באַהאַוונטע אין קריג!
מענער — שווערדן ביי די לענדן,
פאַר די שרעקן פון דער נאַכט!
און אַ זענפט 18) האָט קעניג שלומה
פון לבנון־האָלץ געבויט!
מאַכט די זיילן ער פון זילבער,
און דעם אָנלען — גאָלד!
און דער זיץ, דער איז פון פּורפּור,
מיט דער ליבע אויסגעבעט
פון ירושלימס טעכטער! 19)

---

18) אַפּריון — טראָג־שטול.
19) די פּאָליגאַמישע פרוי קאָן זיין שטאָלץ דערויף.

קומט, ציונס טעכטער, זעט,
אין דער קרוין דעם קעניג שלומה,
וואָס זיין מוטער האָט געקרוינט אים,
צו זיין האָכציימס־טאָג 20)
צו זיין הארציקער פרייד!

6

שלומה

(באַגעגנט זי)

שיין, ביסטו, פרינדין מיין,
שיין!
פון אונטערן שלייער 21) ד׳אויגן דיין —
טויבן גלייך!
דיינע האָר — די געמזן־הערט,
פונעם גלעד־בארג געגליטשט!
דיינע ציין — די גוטע הערט,
אָקאָרשט פון דער וואש ארויס, —
גאַנץ און פּאסיק, אָן א פעל!

דיינע ליפּן — פּורפּור־פעדים,
ווי אנגענעם — דיין רעדנס־ארט!
און פון אונטערן שלייער קוקט
א גראַנאַטן־שטיק — די שלייף!

און דיין האלדז — דווידס טורעם,
שטאָלץ געבויט און באהאנגען —
טויזנט שילדן,
אַלע טויזנט העלדן־שילדן!

---

20) חתנים אונטער דער חופּה טראָגן קרוינען, כלות — זילבערנע טורעמס.

21) צמה. צום — זאַמלען, צמה — האָר־זאמלער; קענטיק, אַ שלייער, וואָס פאַרדעקט די אויערן, ווייל נאָר זיי ווערן, צווישן אַלע אַנדערע גלידער, נישט געשילדערט.

א רעהען פּאָר — דיין בריסטן פּאָר;
א יונג־הירשן־צווילינג־פּאָר,
וואָס עס פּיטערט זיך אין רויזן!

(אָפּשיד)

ביז עס קילט זיך אָפּ דער טאָג
און ס'צעפּליסן זיך די שאָטן, —
גיי איך צו די מירא־בערג,
צו די באַלזאַם־היגל.

7

שלומה

שיין ביסטו, ליבסטע מיין,
אינגאנצן שיין, אָן א פּעל!
און מיט מיר פון לבנון, כלה,
מיט מיר פון לבנון קומסט דו!
פון די שניר־ און חרמון-שפּיצן,
לייבן־היים און טיגער־בערג!
און באהארצט מיך, שוועסטער־כלה,
באהארצט האָסטו מיך
מיט איין אויג פון אויגן־פּאָר,
פון דיין האַלדז־באנד מיט א שנירל!
און ווי שיין, שוועסטער־כלה,
צערטלסט דו, —
בעסער שמעקט דיין צערטלעכקייט,
אַלס דער וויין!
און איבער די געווירצן אַלע
איז דיין איילן־דופט!
זיסקייט טריפן דיינע ליפּן, כלה,
מילך און האָניק — פון דיין צונג,
און דער דופט פון די געוועגדער —
דער לבנון־דופט!

א גאָרטן, א פארשלאָסענער,
איז מיין שוועסטער כלה!
א קוואלן, א פארשלאָסענער,
א בּאָרן, א פארזיגלטער!
אין ד'אָרעם דיין — דער פּאראדיז,
גראַנאַטן־דופט און זיסע פרוכט!
באלזאם און נארד!
נארד און קראָקוס, און צינאַמאָן,
ווייררויך און אלאָע
און די בעסטע פון געווירצן!

א גאָרטן־קוואל,
א לעבעדיקער וואסער־קוואל,
וואָס פון לבנון פליסט!

שולמית

וועק דיך, נאָרד!
קום, זיד! 22)
בלאָז מיין גערטל אויף!
זאָלן מיינע דופטן פליסן,
זאָל מיין פריינט
אין זיין גערטל קומען
און זיין זיסע פרוכט געניסן!

שלומה

כ'בין געווען אין מיין גערטל,
שוועסטער־כלה,
האָב מיין האָניק־מילך גענאָסן —

(צו טרינק-געזעלן)

עסט, פריינט!
טרינקט, בארוישט אייך, קאמאראַדן!

---

22) די ווינטן פון נאָרד און זיד.

8 (23.

שולמית

(טרוימט)

איך שלאָף,
וואַך איז מיין האַרץ, —
אָ, די שטים!
קלאַפּט מיין פריינט:
„עפן מיר, שוועסטער ליבע,
ריינע טויב!
דען מיין קאָפּ איז פול מיט טוי,
די לאָקן פייכט
פון די טראָפּן פון דער נאַכט!“

— — — — — — — — — — —

— איך האָב אויסגעטון מיין קלייד,
זאָל איך מיך צוריק באַקליידן?
— כ'האָב מיינע פיס געוואַשן ריין,
זאָל איך ווידער זיי באַשמוצן!

— — — — — — — — — — —

דורך אַ קראַפּן־שטאַלט
שטרעקט מיין פריינט די האַנט צו מיר,
ברומט צו אים מיין אינגעווייד!

— — — — — — — — — — —

שטיי איך אויף און עפן אים,
מירא טריפט פון מיינע הענט,
מירא טריפן מיינע פינגער
אויפן ריגל־גריף!
האָב געעפנט איך מיין ליבסטן,
און ער איז אוועקגעגאַנגען,
אוועקגעשליכן האָט ער זיך, מיין ליבסטער!

23) אויספירלעכער וואַר. צו 4.

און מיין זעל איז דאָך פאַרגאַנגען
פון זיין שטים!
זוך איך אים, געפין אים נישט;
רוף איך אים, ער ענטפערט נישט;
באַגעגענען די היטער מיך,
די, וואָס קרייזלען אין דער שטאָט,
ז'שלאָגן מיך און ביילן מיך,
רויבן מיר דעם שלייער צו,
אָ, די היטער פון די מויערן!

באַשווער איך אייך, ירושלימס טעכטער,
איר טרעפט מיין פריינט,
וואָס זאָגט איר אים?
— איך בין ליבעס־קראַנק!

— ווער איז דיין פריינט צווישן פריינט,
אָ, דו שענסטע צווישן פרויען!
וואָס באַשווערסטו אונדז אזוי?
— לויטער ראָז איז מיין פריינט,
צווישן טויזנטער — די פאָן!
און זיין קאָפּ — א קרוינען־גאָלד!
לאָקן קרויזע — ראָבן שווארצע!
און די אויגן זיינע — טויבן,
טויבן ביי דעם וואסער־קוואַלן, —
אפּעל באָדן זיך אין מילך!
און די באקן — ווייררויך־בייטן,
היגל־קליין, געווירציקע!
און די ליפּן זענען רויזן, —
מירא טריפן זיינע ליפּן!
וואַלצן גאָלדענע די אָרעם,
מיט טורקוסן אויסגעפילט, —
און דער לייב — אַן עלפן־ביין,
מיט סאַפּירן אויסגעזעצט!
און די ביינער — מאַרמאָר־זיילן!

אויף גינגאָלדענעם געשטעל!
דער לבנון איז דער אָנבליק,
און פון צעדערן — דער וווקס!
און ווי זים דער גומען זיינער,
און אינגאנצן — א געליסטונג!
אָט דאָס איז מיין ליבסטער פריינט,
אָ, ירושלימס טעכטער!
— — — — — — — — — — — —

וווהין געגאנגען איז דיין פריינט,
אָ, דו שענסטע צווישן פרויען!
וווהין געגאנגען איז דיין ליבסטער,
וועל'מיר זוכן אים מיט דיר!

— צו זיין גערטל האָט מיין פריינט געגידערט,
אין די גערטנער וועט ער ווײדן,
און ער וועט זיך רויזן קלייבן!
— — — — — — — — — — — —

איך בין מיין פריינדס, —
מיין פריינט איז מיין!
דער, וואָס פיטערט צווישן רויזן!
— — — — — — — — — — — —

9 (24

שלומה

שיין ביסטו, ליבסטע מיין,
תרצה גלייך!
ליבלעך ווי ירושלים,
נישט צוטריטלעך, ווי געפאָנטע! (25
ווענד נאָר אָפּ דיין אויג פון מיר, —
עס איבערוועלטיקט מיך דיין אויג!
און דיינע האָר — די געמזן־הערט,

24) אויספירלעכער וואָר. צו 6.
25) אויסדערווײלטע; זע באַמערקונג 11 צו 2.

פונעם גלעד־בארג געגליטשט!
און די ציין — די ווייסע שאף,
אקערשט־ערשט פון וואש ארויס,
פאסיק אלע, אן א פעל!
און פון אונטערן שלייער די שלייף —
דאס גראנאטן ־ שטיק!

זעכציק זיי'ן די קעניגינס,
אכציק — די ביישלעפערינס,
יונגפער — אן א צאל!
איינע איז מיין קלארע טויב,
ביי'ן איר מוטער איין־און־איינציק,
ביי דער געבערערן דער ליבלינג!
זעען טעכטער — לויבן זי!
קעניגינס, ביישלעפערינס,
באוואונדערן:
ווער איז זי,
וואס ווי דער מארגן בליט,
וואס איז ליבלעך, ווי דער מאנד,
וואס איז לויטער ווי די זון,
גישט צוטריטלעך, ווי דערווײלטע?

10

שלומה

(דער פארליבטער, באוועגטער שלומה גייט צום ניסן־גערטל;
טרעפט שולמית, וואס טאנצט פאר אים)

— צום ניסן־גערטל נידער איך,
איך וויל זען דאס גרינס אין טאל,
האט דער וויינשטאק אויפגעבליט?
צי עס שפראצן די גראנאטן?
וואונדערבאר,

וואָס מיין זעלע מאַכט פון מיר,
ווי די וועגן עמינדבס! 26)

(צו דער טאַנצנדיקער שולמית)

קער זיך, ווענד זיך, אָ, שולמית!
קער זיך, ווענד זיך, לאָז דיך זעען!

ש ו ל מ י ת

וואָס זעט איר אין שולמית דען,
אינעם „צוויי־אַרמייען־טאַנץ"? 27)

ש ל ו מ ה

ווי שיין עס זענען, נדיבס טאָכטער,
אין די שיכלעך דיינע טריט!
און די לענדן,
שפּאַנגען פון אַ מייסטער־האַנט!
דער נאָפּל — ווי דער פולער מאָנד,
ווי דער גאַנצער, אָן אַ פעל!
און דער לייב — אַ ווייצן־גאַרב,
מיט אַ רויזן־שנור געגורט!
די בריסטן־פּאָר — אַ רעען־פּאָר,
אַ יונג־הירשן־צווילינג־פּאָר,
און אַ טורעם פון עלפן־ביין
דער האַלדז!
ד'אויגן — קוואַלן, וואָס ביי חשבון,
וואָס אין טויער פון בת־רבים;
די נאָז ווי דער לבנון־טורעם,
דער, וואָס אויף דמשק קוקט!
דער קאָפּ אויף דיר — דעם כרמל גלייך!
די פּריזור אין פורפור־באַנד —

---

26) דאָס שענסטע און עלעגאַנטסטע איז פערד־און־וואָגן; די געליבטע ווערט פאַרגלייכט צום ראָס אין וואָגן, די האַרציקע באַוועגונג — צו רעסאָרן אין (קענטיק, באַרימטן) עמי־נדיבס וואָגן.
27) קריגס־טאַנץ.

אַ קעניג אין רעגאַליען!
ווי שיין דו ביסט, ווי זיס דו ביסט,
אָ, דו ליבסטע און דו זיסטע!

(אומאַרמונג)

און אין דיין וווּקס — דער פּאַלמען-בוים,
און די בריסטן — טרויבן־בינטן,
טראַכט איך שטייגן אויף די פּאַלמען,
אירע צווייגן צו דערגרייכן!
און זאָלן מיר די בריסטן זיין,
ווי די ווײַנשטאָק־שטראַנגען!
דיין אָטעם שמעקט מיט עפּל־דופט,
פון גומען פליסט ווי זיסער וויין,
וואָס שווייציק מאַכט
די פאַרשלומערט־מידע ליפּן!

ש ו ל מ י ת

(ענטפערט)

קום, פריינט דו מיין.
צו די פעלדער לאָמיר גיין,
אין די דערפער וועל'מיר נאַכטן!
פעדערן צום וויינבערג זיך,
זעען, צי דער ווײַנשטאָק בליט,
צי עפענען די קנאָספּן זיך
און עס שפּראָצן די גראַנאַטן!
דאָרטן, ליבסטער, גיב איך דיר
מיין פריינטשאַפט גאַנץ!
דאָרטן דופט דער ליבעס־אַפּל!
און די איינגענג — פרוכט באַהאַנגען,
פרישע אַלטע — אויפבאַוואַרטע,
אַלץ פאַר דיר!

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

11

וואַלט מיר דיך ווער
פאַר אַ ברודער געמאַכט,
וואָס האָט מיין מוטערס ברוסט געזויגן!
טרעף אין גאַס איך דיך,
קוש איך דיך,
קיינער האָט מיר נישט פאַריבל!
פיר איך דיך,
ברענג איך דיך,
צו מוטער־הויז,
לערנט זי מיך
לאָבן דיך
מיט געקאָכטן וויין,
און מיט מיין
גראַנאַטן־זאַפט!
— — — — — — — — — — — — —
זיין לינקע האַנט איז אונטער מיין קאָפּ
און זיין רעכטע האַלדזט מיך אַרום, —
באַשווער איך אייך, ירושלימס טעכטער,
וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט אויף אַליין!

12

(שולמית־ליד)

„ווער שטייגט פון וויסטעניי
אויף איר ליבסטן אָנגעלענט?"
— — — — — — — — — — — — —
אונטערן אַפּל־בוים 28)

28) „דודאים" — אַ סימפּאַטיש מיטל צו ליבע, קינדער צו האָבן
און דערגלייכן.

האָב איך דיך געוועקט,
ווו דיין מוטער האָט ווייען באַקומען
און דיך געהאַט!
דריק מיך ווי אַ זיגל צו דיין האַרץ!
ווי אַ זיגל צו דיין אָרעם צו, —
שטאַרקער איז די ליבע אַלס דער טויט,
האַרבער פאַרן אָפּגרונט איז איר אייפער!
אירע פונקען — פייער־פונקען, —
אַ געטלעכע פלאַם!
וואַסערן פיל
וועלן ליבע נישט פאַרלעשן!
טייכן —
נישט פאַרפלייצן זי!
און ביט אַ מאַן
זיין הויז־פאַרמעג פאַר ליבע, —
מען שפּאָט אים אויס!

13

(ברויט־ליד) 29)

אַ שוועסטער האָבן מיר אַ קליינע
און קיין בריסטן האָט זי נישט!
וואָס טוען מיט דער שוועסטער מיר,
אַז מען קומט פאַרלאַנגען זי?
ווען אַ מויער 30), בויען מיר
אויף איר אַ זילבערנעם טורעם,
ווען אַ טיר 31)
הענגען מיר
אויף איר אַ צעדער־טאָוול אויף 32)

29) זע פאָרבאַמערקונג.
30) גאַנץ יונגפרוילעך.
31) דער קעגנזאַץ.
32) מיטן פרייז אַלס מאגד.

— איך בין א מויער!
בריסטן, ווי די טורמען האָב איך!
זע א י ך אין זיינע אויגן אויס,
ווי די שטיפּטערן פון פרידן!

*

אין בעל־המון האָט שלומה
א וויינבערג געהאַט,
האָט ער אים היטער
איבערגעגעבן;
טויזנט זילבער־שטיק
ברענגט אים יעדער מאַן
פאַר דער פּרוכט!
מיין וויינבערג איז פאַר מיר 33),
די טויזנט, שלומה, זענען דיין!
און צוויי הונדערט — פאַר די היטער
פון זיין פּרוכט!

14

— אָ, דו, גערטן־זיצערן! 34)
דיך פאַרנעמען קאַמעראַדן!
לאָז דיין שטימע הערן!
— אנטלויף, פריינט! 35)
דעם רעה צוגלייך,
דעם יונגן הירש
אויפן ווירציקן געבירג.

---

33) מיין אייגנס; די ברידער, זי פאַרטרייבנדיק, האָבן פאַר־לוירן זייער רעכט אויף איר.
34) גאָרטן־זינגערן
35) זי געזעגנט זיך אָפּ; עס טאָגט.

ערשטער וואַריאַנט

דאָס ליד דער לידער שלומהס
(שיר השירים אשר לשלמה)

(פאַרייִדישט פון י. ל. פרץ)

פארווארט

איז דאס בוך ווירקלעך שלומהס?

„אשר לשלמה" איז נאך נישט ש ל ו מ ה ס, ווי „מזמור לדוד" איז נאך נישט „מזמורו של דוד", נישט „מזמור־דוד". עס קאן זיין, פון שלומה נאר געזאמלט (ער איז דאך דער „זאמלער" — קוהלת), זאגאר — נאר אים דערלאנגט, אים, צו זיין ערן, געווידמעט. „אשר לשלמה" וואלט בארעכטיקט אויך — וועגן אים און זיינע ליבשאפטן געזונגען, — און גראד האבן מיר פאר זיך לידער פון וויינהויז...

וועל' מיר לאזן די פראגע א פ ן פאר די ווייטערע פארשער; דאס ביז אהער געשריבענע איז נישט איבערציינגד„ — וויניקסטנס פארן איבערזעצער.

ווי עס זאל נישט זיין, דאס בוך — א זאמלונג פון שעפער־טאנץ־וויין־ און האכצייטס־לידער, —ווארפט א רעטראספעקטיווע פלאם אויף אן אלט־העברעיש ווינקל, פון א גאנץ אומבאקאנט לעבן, וואס באווייזט זיך ערשט, ווען מען נעמט אראפ דערפון דעם שלייער פון רעליגיעזער סימבאליק: עס בלאנקט אויף א נאטור נישט אין „ברכי־נפשי"־סטיל געשילדערט; זי רעדט צו אונדז אויסשליסלעך פון — ליבע! פון דער ליבע, וואס וועקט זיך צוזאמען מיט דער נאטור. און באזונגען ווערט מיט ליבשאפט דער פרויען־לייב, דער גאנץ־ אדער האלב־נאקעטער, אדער גאר, ווי ביי דער טענצערן שולמית, — מיט א רויזן־שנור ארום די לענדן געגורט. דער פרויען־ ווי אויך דער מענער־לייב, אריענטאליש „גערייניקט" (פארגלייך מיט דער יונגפרויען־רייניקונג אין מגילת אסתר), פערפומירט מיט היימישע און פון הענדלער, טענדלער אימפארטירטע אײלן — וויין, ווייב, טאנץ און געזאנג...

די נעגנט: ביי בעל־המון, ווו שלומה האט זיינע וויינ־גערטנער און זיין וויינהויז, ווו די ג ע מ י ש ט ע יוגנט זאמלט זיך, קוים „ווייכן די שאָטן, וואָס ליגן זיך אויף דער זון, און עס קילט זיך דער טאָג".

אויסער שעפער־לידער, דעם שולמית־טאנץ און זיין רעזולטאט, די שולמית־ליבע, גייט דורך, אלס א גאנצע פאַ־בולא, די ליבשאפט צווישן שלומה און א וויינבערג־היטערן, וועלכע ער באגעגנט, פירט אין וויינהויז אריין, „פלאנצט אי־בער איר זיין ליבעס־פאָן" און זי ערקלערט זיך אים אין ליבע.

עס ווערט „געשמויסט" — „סיעסטא" געפירט אין וויינהויז, אויך אין דעם פרייען, אויף פריש-גרינע לאגער... וואָס איז, גלייך אונדזערן טיי, די אויפנאמע. דער קעניג בלייבט א ווילע מיט זיין באגלייט, זי מאכט איר „רייניקונג", פערפומירט זיך און קומען זיך צוזאמען ביים וויין.

דער ווינטער צעשיידט. דער פרילינג קומט, מיט אים וועקט זיך די ליבע אויפסניי, ער רופט זי אראָפּ פון דער פעלדזן־הייך, ווו זי וווינט איבער די וויינבערג — די ליב־שאפט גייט אויפסניי.

צו־הויז בענקט זי נאָך אים. טרוימט וועגן זיין קומען. עס געשיט. ער ווערבט וועגן איר ביי די ברידער. זיי צווייפלען אָבער וועגן איר רייפקייט און יונגפרוילעכקייט. זיי האָבן זי דאָך אין צאָרן פאר א היטערן צום וויינבערג געשטעלט, אויסן אויג געלאָזט. זי פארזיכערט, אז זי איז רייף און יונגפרוילעך. זי באגליקט אים! זי זאָגט זיך אָפּ פון כלה־גאָב, נאר „צוויי הונדערט" פאר די ברידער אויסקויף־געלט.

דאָס ווערט געזונגען פון אן אלט־העברעישער „געישא„ אין וויינהויז; זעט אויס — אין שלומהס קעגנוואַרט. קאמע־ראַדן הערן צו. ער פארלאנגט אין זיין און זייער נאָמען — נאָך; זי געזעגנט זיך אָפּ, דער הייסער טאָג קומט —

„ברח דודי"...

באַמערקונגען

1) לויט דעם טעקסט רעדט „זי" צו אים אין דער דריטער פערזאָן און גייט באַלד אַריבער, ערמוטיקט, צו דער צווייטער.

2) דער פערזן־מאָס פון דער איבערזעצונג איז אונטערגעוואָרפן דעם אינהאַלט, צוליב דעקלאַמאַציאָן.

3) וואָס אָנבאַלאַנגט פאַרגלייכונגען מיט 'ראָס" (פערד) און רייטוואָגן, מוז מען זיך פאַרזעצן אין דעם פרימיטיוון אָריענט, ווען דער רייטוואָגן איז געווען דאָס בייסטע און דאָס שענסטע, צו דער צייט פון אייז. „אָבי, אָבי, רכב ישראל ופרשיו".

1

זאָל ער קושן מיך,
קושן מיט זיין מויל, — 1)
דען דיין פריינטלעכקייט
ליבער שמעקט אַלס ווײַן.

צום גערוך ווי פיין
דיינע אייל]ן זענען; 2)
און דיין נאָמען שוין (שיין? — רעד.) 3)
אין א תורק-אייל!

די יונגפרויען אַלע
ליבן דיך דארום!

* אָ, צי מיך, צי,
מיר לויפן דיר נאָך;
ברענגט דער קעניג מיך
* אין זיינע קאַמערן! 4)
* וועל.מיר לוסטיק לוסטיק זיין,
פרייען זיך מיט דיר!

און דערמאָנען וועל'מיר 5)
* נישט אַזוי דעם ווײַן,
ווי דיין פריינטלעכקייט!
ווי טריי מיר ליבן דיך!

---

1) אין טעקסט: פון די קושן (מנשיקות). ביי פּאָליגאַמיע איז אַן רעכט אויפן גאַנצן מאַן, אויף זיין גאַנצער צערטלעכקייט.
2) די הויפּט-זאַך אין היסן אָריענט, ביים קנאַפּ-געקליידטן לייב.
3) דיין לויב, דיין רום.
4) אין ווײַנהויז.
5) געדענקען, דאַנקבאַר דערמאָנען.

* שוואַרץ בין איך, דאָך שיין,
* ירושלימס טעכטער, —
* ווי די קדר־צעלטן,
* ווי די פאָרהענג שלומהס!
נישט קוקט, וואָס ברוין איך בין,
מיך האָט די זון געברוינט!
ס'האָבן מיינע ברידער מיר,
מיינע מוטער־זין 6) געצירנט,
און צום ווייַנבערג מיך
אַלס היטערן געשטעלט, —
האָב איך דעם ווייַנבערג־מיין
נישט געהיט!

---

2 (7

— אַך, זאָג מיר דו,
* וואָס מיין זעלע ליבט,
* ווו פיטערסטו,
* ווו לאַגערסטו —
* צו מיטיק־צייט?
נאָך וואָס אויסזען זאָל ביי לייט,
דאָס איך לויף 8) די הערדן נאָך
* פון דיינע קאַמעראַדן?
* — ווייסט עס נישט,
דו שענסטע פרוי?
גיי נאָך די טריט
פון שעפעלעך, —
* און פיטער דיינע ציגעלעך
* ביי די שעפער־צעלטן.

---

6) אין פּאָליגאַמישן מוטער-הויז הערשן די ברידער.
7) שעפער-לידי דועט.
8) „עטה" — עטה אל ישראל, יאָגן, לויפן נאָך וואָס.

צו דעם ראָם אין פּרעהס וואָגן
גלייך איך דיך, אָ, ליבסטע מיין! 9)
אַך, ווי שיין עס זענען דיינע
באַקן אין די קייטעלעך
און דיין האַלדז אין שנירן!
גאָלדענע קייטעלעך מאַכן מיר דיר
מיט זילבערנע פּליטערלעך. *

3

עס ווילט דער קעניג נאָך
מיט זיין באַגלייט 10)
און מיין נאַרד
האָט אויפגעדופט!

אַ בינטל מירא
איז ער, מיין געליבטער, מיר, —
צווישן מיינע בריסטן רוט ער —
אַ באַלזאַם־שטענגל איבער מיר,
פון עין־גדים גאָרטן...
— שיין ביסטו, געליבטע מיין 11)
שיין! *
אויגן — טויבן גלייך!
— שיין ביסטו, געליבטער מיין,
און זיס! *
און פריש און גרין
איז אונדזער בעט! 12)
אונדזערע הייזער
פון צעדער געבאַלקט 13),
די גאַלעריע — ציפּרעסן! *

---

9) רעיה — שעפערן, פריינדין, געליבטע!
10) אַפּוואַרטנדיק איר פערפומירונג.
11) געזאַנג ביים ווין — שעפער־ליד.
12) זיין בעט ביים טרינקען (ביי אחשוורוש מיטות זהב וכסף).
13) אין פרייען — אין שאָטן פון צעדערן.

4

* איך בין די ליליע פון שרון,
* איך בין די רויז פון טאָל!

* וואָס די רויז איז צווישן דערנער —
מיין געליבטער צווישן מענער!

— וואָס דער אַפּעל־בוים אין וואַלד איז —
מיין געליבטע צווישן מענער!

גלוסט זיך רוען אין זיין שאָטן,
שמעקן זיס די פרוכטן זיין 14).

האָט צום ווייַנהויז מיין געליבטער
מיך געפירט!
און איבער מיר אויפגעפלאַנצט
זיין ליבעס־פאָן 15)!
אַ, קרעפטיקט מיך מיט טרויבן־זאַפט!
* און מיט עפּל לעבט מיך אונטער!
* איך בין ליבעס־קראַנק!
אונטער מיין קאָפּ
זיין לינקע האַנט
און זיין רעכטע
האַלדזט אַרום...

איך באַשווער אייך,
אַ, ירושלימס טעכטער,
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד —
וועקט די ליבע נישט!
וועקט זי נישט,
* ביז זי בליט נישט אויף אַליין!

---

14) ער — דעם בוים; די פרוכט — זיינע ליבקאָזונגען.
15) וואַל־סימבאָל, לעבט זיך איבער אין האַרעם אין איינפאַכער פאָרעם; עס ווערט צוגעוואָרפן דאָס טוך אַליין.

5

אָ, די שטים!
מיין געליבטער קומט!
שפּרינגט שוין איבער די בערג,
היפּט שוין איבער היגל, — *
דעם רעה,
דעם יונגן הירש צוגלייך!
אָט שטייט ער שוין הינטער דער וואַנט!
דורך די פענצטער קוקט ער,
דורך די גראַטן בליקט ער! *

רופט זיך מיין געליבטער אָן,
זאָגט צו מיר:
שטיי, — מיין געליבטע, אויף!
לאָז דיך גיין! 16)
דען דער ווינטער איז פאַרביי, *
געוויכן איז די רעגן־צייט,
שפּראָצן האָבן זיך באַוויזן
איבער דער ערד!

און די צייט איז געקומען
פאַר געזאַנג!
עס לאָזט די טורקל־טויב זיך הערן
אין אונדזער לאַנד!

דער פייגן־בוים
ער טרייבט די קנאָספּן!
דער וויינשטאָק גרינט,
און לאָזט זיין דופט, —

אָ, שטיי אויף, געליבטע, און גיי,
שיינע פריינדין, לאָז זיך גייען!

---

16) איבער די גערטנער.

אָ, טויב דו מיין
אין פעלדזן־שפּאַלט,
אין פאַרבאָרגנהייט פון שטאָפּל, —
אָ, באַווייז מיר דיין געשטאַלט,
און מיך לאָז דיין שטימע הערן!
דען דיין שטים איז אָנגענעם;
הערליך — דיין געשטאַלט!*)

6

אויף מיין געלעגער,
אין די נעכט,
זוך איך דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט, —
זוך איך אים; געפין אים נישט!

וועל איך אויפשטייען,
גיין אין שטאָט,
אויף מאַרק און גאַס זוכן דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט, —
זוך איך און געפין אים נישט!

---

* באַגעגענען די היטער מיך,
* די, וואָס קרייזלען אין דער שטאָט,
— האָט איר, פיליייכט, געזען דעם,
* וואָס מיין זעלע ליבט?

* קוים פאַרביי, טרעף איך אים,
ד ע ם, וואָס מיין זעלע ליבט!
כאַפּ איך אים
און לאָז נישט אָפּ!

פיר איך אים

---

*) אין דעם דאַזיקן וואַר. זענען פאַרפעלט די פסוקים 15, 16 און 17, וואָס דאַרפן קומען; אין 2-טן וואַר. זענען זיי אַריין—רעד.

צום מוטער־הויז,
אין מוטער־צימער
ברענג איך אים! 17)
באשווער איך אייך,
ירושלימס טעכטער!
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד!
* וועקט זי נישט, 18)
* וועקט די ליבע נישט,
* ביז זי בליט נישט אויף אליין! 19)

7 20)

אך, ווער שטייגט
פון וויסטעניי
אין די רויכיקע זיילן,
מיט מירא און ווייַרויך געדעמפט,
און אלע טענדלער־פולווערס?!

— — — — — — — — — — — —

אט דאס איז שלומהס בעט,
* זעכציק העלדן — ארום,
* פון די שטארקסטע אין ישראל!
אלע זענען שווערט־געגורט,
אלע זענען שטרייט־באהאוונט!
מענער — שווערטער ביי די לענדן
* פאר די שרעקן פון דער נאכט!

* און א זענפט האט קעניג שלומה
זיך געמאכט פון צעדער־האלץ!
און די זיילן מאכט ער — זילבער,

---

17) טרוימערייַ.
18) מיט לידער, געשפרעכן, רעד נישט!
19) לידער־רעפריין.
20) ברוכשטיקער פון שלומהס א האָכציַיטס־ליד, כלה־עמפאנג, קאמערן־שוי, — שלומה פון דער מוטער, לויט צייט־געברויך, אלס חתן געקרוינט.

און די אָנלעגן21) גאָלד־געטריבן!
און פון פורפור איז דער זיץ,
* מיט דער ליבע און אויסגעבעטט
* פון ירושלימס טעכטער!

קומט ארויס, ציונס טעכטער,
קומט, דעם קעניג שלומה זעט
אין דער קרוין, מיט וואָס די מוטער
האָט צום האָכצייטס־טאָג געקרוינט אים,
צום טאָג פון זיין הארצנס־פרייד!

8

* שיין ביסטו, פריינדין מיין,
* שיין!
דיינע אויגן דורכן שלייער —
* טויבן גלייך!
און די האָר —
די נעמזן־הערד
פון דעם גילעד־בערג געגליטשט!
און די ציין —
לעמער־ווייסע רייען צוויי,
אָקאָרשט פון דער וואַש ארויס,
גאַנצע, אָן א פעל!

און די ליפּן — פורפור־פעדים!
דיין רעדנס־ארט ווי אנגענעם!
די שלייף, וואָס קוקט
פון אונטער דער הויב —
א גראַנאַטן־שניט!

דער האַלדז, דער ריינער דוויד־טורעם,
שטאָלץ געהויכט, און באַהאַנגען —

---

21) רפד — אונטערלייגן.

טויזנט שילדן! *
גאַנצע טויזנט קריגער־שילדן!
די ברוסטן־פּאָר — אַ רעען־פּאָר —
אַ יונגע הירשן־צווילינג־פּאָר,
וואָס פּיטערט זיך אין רויזן!

---

9 (22

ביז עס קילט נישט אָפּ דער טאָג
און די שאָטן וויכן,
גיי איך מיר צום מירא־בערג,
צו די ווייַרויך־היגל!
אַך, דו ביסט אינגאַנצן שיין,
פריינדין מיין,
און אָן אַ פעל!

---

10 (23

מיט מיר,
מיט מיר פון לבנון, כלה,
מיט מיר פון לבנון קומסטו! *

קוקסט פון אמנה־הייך,
פון דעם שניר־ און חרמון־שפּיץ!
פון דער לייבן־היים,
פון די טיגער־בערג!

האָסט באַהאַרצט מיך,
שוועסטער כלה,
מיט איין אויג פון דיינע אויגן,
פון דיין האַלדזבאַנד מיט אַ שנירל! *

---

22) אָפּשוידס־ליד.
23) ברויט־גאַנג־אויפנאַמע.

און ווי שיין דיין ליבשאפט איז,
שוועסטער כלה!
ווי שמעקעדיקער פארן ווייַן
דיין ליבשאפט איז!
און דיינע אייל —
שטייגן אַלע איילן איבער!
זיסקייט־טראָפּן
דיינע ליפּן, כלה!
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג!
און דער דופט פון דיינע קליידער —
* דער לבנון־דופט!
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

און אַ גאָרטן אַ געשלאָסענער
* איז מיין שוועסטער־כלה!
* אַ קוואַל'ן אַ פארשלאָסענער,
אַ ברונען אַ פארזיגלטער!

די אָרעם דיין — דער פאראדיז!
גראַנאַטן און די זיסטע פרוכט!
* ציפּער־בליט און נאַרד!
נאַרד און קראָקום, און די קאַנע,
שאַפראַן, ווייַרויך און אַלאָע,
מירטן און די אַלע פיינסטע
פון געווירצן!

אַ גאָרטן־קוואַל ביסטו מיר,
אַ קוועלנדיקער וואַסער־ברונען 24)
פון לבנון־אַנגעפלאָסן!

(די ברויט)

* — וועק דיך, נאָרד,
פלי אָן, זיד! 25)

---

24) וואַסער־האַלטער, רעזערוואַר.
25) נאָרד און זיד־ווינט.

בלאָזט מיין גערטל אויף, —
זאָלן פליסן זיינע געווירצן, —
און זאָל מיין געליבטער קומען
צו זיין גערטל און זיך לאָבן
מיט זיין פרוכט!

כ'בין געווען, שוועסטער כלה,
אין מיין גערטל!
און מיין מירא דאָרט געקליבן
און די דופטיקע געווירצן!
* און געלאָבט זיך מיט מיין האָניק,
און מיין זיסן וויין געטרונקען!
עסט, קאַמעראַדן,
טרינקט, באַרוישט אייך,
ליבע פריינדע!

---

11 (26

שלומער איך,
מיין האַרץ איז וואך, —
אַ שטים!
מיין געליבטער קלאַפּט!

— עפן מיר,
שוועסטער ליבע,
זיסע טויב!
* דען מיין קאָפּ איז פול מיט טוי,
און די לאָקן —
מיט די טראָפּן פון דער נאַכט!

— איך האָב מיין קלייד שוין אויסגעטון,
ווי זאָל איך אָנטון עס?

---

26) ראָמאַנצע, אַן אַנדערע באַאַרבעטונג פון מאָטיוו.

ריין געוואַשן מיר די פיס,
ווי באַשמוץ איך זיי?

דורך די גראַטן שטעקט מיין ליבער
אוים זיין האַנט, —
* ברומט צו אים מיין איינגעווייד!
* שטיי איך אויף און עפן אים!
מיראַ טריפן מיינע הענט,
פון די פינגער טריפט מיר מיראַ
אויף די קעפּלעך פון די ריגל.

כ'האָב געעפנט מיין געליבטן, —
אוועקגעשליכן און פאַרשוונדן, —
מיין געליבטער!
* און מיין זעל איז דאָך פאַרגאַנגען
ביי זיין שטים!
זוך איך אים, געפין אים נישט!
* רוף איך אים, ער ענטפערט נישט!

באַגעגענען די וועכטער מיך,
* די, וואָס קרייזלען אין די גאַסן!
שלאָגן מיך,ביילן מיך!
* רויבן מיר דעם שלייער צו,
די היטער פון די מויערן!

באַשווער איך אייך,
ירושלימס טעכטער!
טרעפט איר אים,
דעם געליבטן מיין,
* וואָס זאָגט איר אים? 27)
* — איך בין ליבעס־קראַנק!
— וואָס איז דיין פריינט
צווישן פריינט

---

27) (זאָגט אים:)

דו שענסטע פרוי
וואָס באַשווערסטו
אונדז אַזוי?
— לויטער איז, מיין פריינט, און ראָז,
אונטער טויזנטער די פּאָן! 28)
לויטער גינגאָלד איז זיין קאָפּ,
און די לאָקן — ראָבן שוואַרצע!

די אויגן-זיין — טויבן ביי די וואַסער־קוואַלן.
פּולע, באָדן זיך אין מילך!
* און די באַקן — ווייַרויך ־ בייטן,
דופּטנדיקע ווייַרויך־היגל,
און די ליפּן, ווי די רויזן;
מירא פליסן זיינע ליפּן!

זיינע הענט — גאָלדן־וואַלצן,
מיט טאַפּאַזן אויסגעפּילט!
די שטאַטור — אַן עלפנביין,
מיט סאַפירן אויסגעדעקט!
און די שענקל — מאַרמאָר־זיילן,
* אויף גינגאָלדענעם געשטעל!

די געשטאַלט פון אַ לבנון,
און די וווקס איז פון אַ צעדער!
און זיין גומען — זיסיקייטן
און אַ גליסטונג ער אינגאַנצן!

אָ, דאָס איז מיין פריינט,
דאָס איז ער,
מיין געליבטער,
אָ, איר טעכטער ירושלימס!

— און ווו איז דיין פריינט געגאַנגען,

28) דער העכסטער, שענסטער.

שענסטע צווישן פרויען?
ווו האָט זיך געווענדט דיין פריינט, —
זוכן וועל'מיר אים מיט דיר!

— צו זיין גערטל האָט געניִדערט,
דער געליבטער מיין,
צו די ווייַרויך־בייטן, —
ווייַדן וועט ער אין די גערטן,
און זיך קלייבן וועט ער רויזן,
* איך בין מיין פריינטס,
* מיין פריינט איז מיין, —
דער, וואָס פיטערט צווישן רויזן.29)

12

שיין ביסטו,
פריינדין מיינע,
* תרצה־גלייַך!
ווי ירושלים ליבלעך,
און אָפּשרעקיק 30) ווי באַפּאַנטע!31)

ווענד אָפּ פון מיר די אויגן דיין,
זיי איבערוועלטיקן מיך!
אַך, די האָר — די געמזן־הערד,
וואָס גליטשט אַראָפּ פון גלעד־בערג!

און די ציין, די לעמער־הערד,
* אָקאָרשט־ערשט פון וואַש אַרויס,
ווי צוגעפּאַסט און אָן א פעל!
און פון אונטער דער הויב די שלייף —
א גראַנאַטן־שניט!

---

29) רעפּרעז.
30) נישט צוגענגלעך, נישט צוטריטלעך, שטאָלץ, אָפּווייזנדיק.
31) פלעצער, באַנער־פלעצער, ווו צו גיין איז נישט דערלויבט.

13 (32

זעכציק זענ׳ן די קעניגינס,
די קעבס־ווייבער —
יונגפרויען — אָן אַ צאָל!

איינע נאָר מיין ציכט׳קע טויב,
איינע ביי איר מוטער אויך,
ביי איר געבערערן — אַ קלאָרע!

די יונגפרויען זעען
און לויבן זי!
די קעניגינס, ביישלעפערינס
באַוווּנדערן:

— ווער איז די,
וואָס שטראַלט, ווי מאָרגנגלאַנץ,
און איז ליבלעך, ווי דער מאָנד,
און איז לויטער, ווי די זון?

14

צום ניסן־גערטל נידער איך, *
איך וויל דאָס גרינס אין טאָל באַזען!
צי האָט דער וויינשטאָק אויפגעבליט
און די מילגרוים קנאָספּ?

ווייס איך דען,
וואָס מיין זעלע מאַכט פון מיר, *
ווי די וואָגנס עמינדיבס!(33

32) צווישן דער און דער שפּעטערער סטראָף וואָלט געפּאַסט די ערשטע פון זיבן.
33) אַזוי לייכט און באַוועגט.

15 (34 (*

קער זיך אום,
ווענד זיך אום,
אָ, שולמית! (35

קער דיך, ווענד דיך,
לאָז דיך זען!

— וואָס זעט איר דען,
וואָס געפעלט אייך אין שולמית,
ווען זי גייט דעם קריגער־טאַנץ? (36

— ווי שיין עס זענען דיינע טריט,
נדיבם טאָכטער, (37 אין די שיך!
די רונדן פון די היפטן ־ ביין —
רינגען פון א מייסטער־האַנט!
און דער נאַפּל גלייך דעם בעקן
פון מאַנד, דעם פולן, אָן א פעל!
* און דער לייב — א ווייצן־גארב!
* מיט דער רויזן־שנור געגורט!

די בריסטן־דיין, א רייען־פּאָר,
א יונגער הירשן ־ צווילינג־פּאָר!
און די אויגן, ווי די קוואַלן
וואָס ביי חשבון! —
ביי דעם טויער פון בת רבים!
די נאָז — דער טורעם פון לבנון,
* דער, וואָס אויף דמשק קוקט!

און א כרמל־בארג דער קאָפּ,
די פריזור אין פורפור־בענדער —

---

*) די באַמערקונגען 34, 35 און 36 זענען אין דער אויסגאַבע פון שיר-השירים אונטער פינסקים רעדאַקציע, דורך א דרוק פעלער ארויס-געפאלן — רעד.

37) מעגלעך: פירסטן־טאָכטער.

א קעניג,
אין רענאַליען געשנירט!

אַך, ווי שיין,
ווי זיס דו ביסט,
די פאַרייניקונג
פון ליבשאַפט און גענוס! 38)

דיין געשטאַלט — דער פאַלמען־בוים,
און די בריסטן — טרויבן־גינטער!
גליסט מיך שטייגן אויף מיין פאַלמע,
זאָלן דיינע בריסטן זיין,
ווי די טרויבן־שטראַנגען!
דיין אָטעם־דופט — עפל־דופט!

(שולמית:)

איך געהער מיין פריינט,
און איך בין זיין באַגער!

אָ, קום, פריינט,
לאָמיר גיין אין פעלד אריין!
נאַכטן אין די דערפער!

און זיך פעדערן באַגינען
צו די וויינבערג.
* זען, צי דער וויינשטאָק בליט,
און דאָס גרינס האָט אויפגעשפּראָצט
און עס קנאָספּן די גראַנאַטן, —

דאָרט גיב איך מיין
ליבשאַפט דיר!

---

38) קונסט־געניס.

אויפגעדופט דער ליבעס־עפל 39)
אויף אַלע טירן — זיסע פרוכטן,
אַלט און ניי; פאַר דיר, מיין פריינט,
אויפגעוואַכט!

---

16 (40

* וואַלט מיר דיך ווער
* פאַר אַ ברודער געמאַכט,
וואָס געזויגן האָט
פון מיין מוטערס ברוסט!

און באַגעגן איך דיך אין גאַס,
קוש איך דיך,
מען שענדט מיך נישט!

* פיר איך דיך,
* ברענג איך דיך
אין מיין (מוטערס *) הויז,
לערנט די מוטער מיך,
ווי צו לאָבן דיך
מיט וויין געקאָכטן
מיט מיין מילגרוים־זאַפט!

און אונטער מיין קאָפּ
איז זיין לינקע האַנט, —
מיט זיין רעכטער האַנט
האַלדזט ער מיך אַרום!

איך באַשווער אייך,
ירושלימס טעכטער,

39) דודאים — מזלדיק צו ליבע, ווי אויך צו קינדער, ווי ווייבער.
40) יונגפרוילעכע בענקשאַפט, טרוימען, גלוסטונגען.
*) די קלאַמערן פון פרצן — רעד.

* וועקט זי נישט,
* וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט
אויף אליין!

אך, ווער שטייגט עס
אויף פון מידבר
און זי שמיגט זיך
צו איר ליבסטן?

„אונטערן עפּל האָב איך דיך געוועקט,
ווו דיין מוטער האָט אין ווייען
דיך געהאַט”...

נעם מיך צו דיין האַרצן צו,
ווי אַ זיגל!
ווי אַ זיגל צו דיין אָרעם דריק!
דען שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע,
ווי דער אָפּגרונט איז איר אייפער!

* וואַסערן פיל
וועלן די ליבע נישט פאַרגיסן,
טייכן נישט פאַרפלייצן!
און זאָל אַ מאַן
זיין גאַנץ פאַרמעג פון הויז
פאַר ליבע ביטן, —
מען לאַכט אים אויס!

17 (41

„אַ שוועסטער אַ קליינע האָבן מיר
* און קיין בריסטן האָט זי נישט! (42

(41 שפּאַסיקער ווערבונגס־ליד.
(42 דאָס טראַכטן אירע ברידער, וואָס צירנען איר.

וואס טו'מיר מיט דער שוועסטער, דאן
ווען עס ווע(ר)ט פון איר גערעדט? 43)

איז זי א מויער, 44) בוי'מיר אויף איר
פון זילבער א טורעם! 45) —
אויב א טיר — אן אפענע 46)
פארקלאפ'מיר זי
מיט א צעדער־טאוול! 47)

* — איך בין א מויער,
בריסטן האב איך,
ווי די טורמען!

* זע איך אין זיינע אויגן אויס
* ווי די שטיפ(ט)ערין פון פרידן! 48)

א וויינבערג אין בעל־המון האט
שלומה געהאט!
דעם וויינבערג־היטער אפגעגעבן!
ברענגט אים יעדער פאר זיין פרוכט
* טויזנט זילבער־שטיק!

דער וויינבערג מיין איז מיר פריי!
און די טויזנט, שלומה — דיין!
הונדערטער צוויי —
פאר די היטער פון זיין פרוכט! 49)

---

43) מען וועט פארלאנגען זי.
44) גאנץ — נאך יונגפרוי, די „וויינבערג־היטערן".
45) כלה־שמוק אויפן קאפ, ווי די קרוין חתן־שמוק.
46) „דלת" — די טיר — עפענונג.
47) שליסן מיר זי אפ, פיליכט אויך ווירקלעכער געברויך אין אזא פאל, אלס שאנד־סימבאל.
48) גליק־אנזאגנדיקע.
49) פאראבאל. זי זאגט זיך אפ פון איר כלה־אפצאל, נאר צוויי הונדערט פאר די ברידער, אויסקויף־געלט.

18 (50

— **א**, דו, וואָס אין די גערטנער זינגסט,
קאַמעראַדן הערן זיך צו,
לאָזן דיך הערן!

— אַנטלויף, פריינט!
זיי די רעה,
דער יונגער הירש
איבער די ווייַרויך־בערג.

---

50) עפּילאָג.

צווייטער וואַריאַנט

שיר השירים אשר לשלומה
שלומהס ליד דער לידער

פאָרוואָרט.

דאָס בוך, ווי די לעגענדע פאַרציילט, האָט געזאָלט „באהאלטן" — פאַרניכטעט ווערן. אין געפאַנגענשאַפט אריין דאַרף דאָס פאָלק מיטנעמען זיינע הייליקע ביכער, זיין ביבל; דאָס ווערק פּאַסט אין דער ביבל נישט אריין...

איז אָבער ארוים אַ בת־קול:

— אל תגעו במשיחי!

„רירט נישט מיינע געזאַלבטע!"

האָט מען דאָס ווערק געלאָזט; די פאַרשידענע טעקסטן רעדאַקטירט, פיליי̈כט דאָך עפּעס געמינדערט, געשטראָכן דאָס גאַנצע, פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, אומעגלעכע, און מ י ר ה אָ ב ן דאָס בוך.

מען האָט עס נאָר פאַרשלייערט אין רעליגיעז־סימבאָלישן שלייער: — מיר נעמען אים אראָפּ און עס פאַלט אַ רעטראָספּעקטיווע פלאַם אויף אַ גאַנץ אונדז אומבאַקאַנט ווינקל פון אַלט־העברעאישן לעבן.

אַ לעבן פון נאַטור, און די נאַטור ווערט נישט געשילדערט מיטן ברכו־נפשי־סטיל, אַלס אַ לויב פאַר גאָט און אַ דאַנק פאַר זיינע ווונדער. די נאַטור — „אַן און פאַר זיך"! אָבער אויך נישט געצנדינעריש־אונטערטעניק, נישט פאַרגעטערט — דער מענטש שטייט א י ב ע ר דער נאַטור און געניסט זי, אירע שיינהייטן, אירע טייערע אין פעלד, בלומען אין גאָרטן, דעם ווייַן פון איר ווייַנבערג, און די זיסע פרוכט פון איר גאָרטן. און עס איז די געגנט פון חרמון. איבער גערטנער — די ווייַנבערג, איבער די ווייַנבערג — דער נאַסעטער פעלדז (דער מידבר). די געגנט פון בעל־המון, ווו

שלומה האָט זיינע וויינבערג, וועלכע ער באַזוכט און ווו ער טרעפט שולמית...

דאָס איז אַ לעבן פון וויין, ווייב, געזאַנג און טאַנץ; שולמית זינגט, שולמית טאַנצט. אַנטציקט רופט שלומה: ווי שיין דו ביסט, ווי זיס דו ביסט, דו ליבע מיט פאַרוויילונג...

און די ליבע וועקט זיך גלייך מיט דער נאַטור, מיטן פרילינג, ווען דאָס גרינס שפּראָצט, דער פייגנבוים קנאָספּט, דער וויינשטאָק גרינט, די טורקלטויב לאָזט זיך הערן — די „צייט פון געזאַנג", שפּיל (די שטעלע: כאַפּט אונדז די פּיקסלעך איז אָן צווייפל אַ ברוך פון אַ גאָרטן־שפּיל) און — ליבע.

און געליבט ווערט דער לייב. דער מענער־לייב אין זיין שיינקייט, געזונטקייט, ליבלעכקייט און ריינקייט. אין דעם לעצטן זין איז זי די טויב — „יונתי תמתי". —

דער לייב איז קנאַפּ באַקליידט; דערמאָנט ווערט נאָר: כתונת — דאָס קלייד, פּילייכט נאַכט־קלייד, אין שמלות — די טיכער, דער קאָפּ ווערט געציערט און דער האַלדז מיט שפּאַנגען, געהענגען און בענדער מיט שנירלעך. דער גאַנ־צער לייב געריייניקט מיט איילן און געווירצן, די תמרוקי הנשים, וואָס שפּילן אין מגילת־אסתר אַזאַ גרויסע ראָלע; די מענער זאַלבן זיך — דאָס פאַרלאַנגט דער אָריענט מיט זיינע היצן. —

און די יוגנט (פּילייכט נאָר די קעניגלעכע?) ווילט זיך יעדן אָוונט אין געשלעכטלעך־געמישטער געזעלשאַפט, „זין", „טעכטער" און אַזוי יונגפרויען. יעדער יונגער־הער קלייבט זיך זיין געזעלשאַפטערן. אַלס צייכן, אַז ער ווילט זי, פלאַנצט ער איבער איר זיין פאָן, מיט דער אויפשריפט „ליבע", ווערט צוזאַמען זיך געווילט, געשפּילט, געטאַנצט, געזונגען.

עס איז דאָך נאָר פריינטשאַפטלעכקייט, דער אָריענטאַ־לישער פלירט. מען באַשווערט ביי רעהען און הירשן אין פעלד, (ליבעס פּראָטעקטאָרן, ווי חולדה ובור, די היטער פון טרייהייט), מען זאָל די ליבע פריצייטיק נישט וועקן... און

אזוי גייט עס ביז שפּעט, ביז־מען געזעגנט זיך אויף איבערן טאָג, וואָס טרייבט מיט זיין זון די יונגפרויען אין די פאַר־גיטערטע הייזער אַריין, און די הערן צו די שאָטן פון די בערג, דער אָפּשיד־רעפרען: „עד שיפוח היום״... ביז דער טאָג וועט (צומאָרגנס) נישט קילן.

די פּאָעמע לאָזט זיך טיילן אין 9 טייל מיט אַ צוויי־סטראָפיקן עפּילאָג.

די פאבולא: שולמית, נדיבס טאָכטער, (פיליכט עמי נדיבס, דער קינסטלער פון וועגן) ברענגט אויף זיך דעם צאָרן פון אירע ברידער, וואָס הערשן, אין דער פּאָליגאמי־שער אָרדענונג, אין מוטערהויז און זיי „מאַכן זי״ פאַר אַ היטערן פון וויינבערג, זי פאַרלאָזט זיך און איר שיינקייט די זון ברוינט זי. זי איז דאָך נאַטור־שיין, און שלומה, קו־מענדיק אין איינעם פון זיינע וויינבערג, אין באַגלייט פון הערן און „ירושלימס טעכטער״, וואַרפט אויף איר אַן אויג. ערדרייסט דערקלערט זי אים איר פריינטשאַפט. בעט, ער זאָל זי נעמען צו זיך, אין זיינע קאַמערן. עס געשעט, וויין־אויפנאַמע ביי שלומה, אין די וויינבערג־קאַמערן, פאַר שול־מית און אירע געזעלינען, אין קעגנוואַרט פון שלומהס באַ־גלייט. שולמית גייט אָפּ זיך שיין מאַכן, איילן אוןווירצן מיט „תמרוקי הנשים״ און קומט זיך צוזאַמען מיט שלומה ביים וויין־טיש, אויפן טרינק־לאַגער. נייע דערקלערונגען. — דאַן קומט ווינטער. שולמית אין פאַרגיטערטן מוטערהויז בענקט, טרוימט פון שלומה, באַזוכט אים אין ירושלים, טאַנצט פאַר אים. שלומה קריגט זי ווירקלעך ליב. ער פאַרלאַנגט זי. זי רופט אים צו זיך אין די דערפער אַריין, דאָרט קען דער־פילט ווערן זיין פאַרלאַנג. איר איינלאַדונג ווערט אָנגענומען. זיי טרעפן זיך, הייסע דערקלערונג אין ליבע, — שלומה קומט זי אָפּקויפן ביי די ברידער. די ברידער, וואָס האָבן זי פאַר אַ היטערן געמאַכט, ווייסן נישט, צי זי איז רייף צו ליבע און צי זי איז ריין; צי קען מען זי געבן אַלס „טאָכטער״ פאַר אַ פרוי אָדער ווען זי (איז) שוין נישט אומשולדיק, פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַפן. שולמית רופט אויס: „איך בין רייף און איך

בין רײַן״! — און זאָגט זיך אָפּ פֿון כּלה־גאָב, פֿאַרלאַנגענדיק נאָר אויסקויף־געלט ביי די ברידער.

דאָס אַלץ אָבער ווערט געזונגען אין ווײַנהויז, פֿון דער „גאָרטן־זיצערן״ — פֿון אַן אַרט אַלט־העברעאישער „געישא״. דער עפּילאָג: מען פֿאַרלאַנגט פֿון איר נאָך לידער, זי זאָגט זיך אָפּ, געזעגנט מיט דער פּאָעטישער פֿאָרעם: ברח דודי ודמה לך לצבי.

פראַגמענט פון אַ צווייטן פאַרברייטערטן פאָרוואָרט

דאָס בוך האָט געזאָלט, ווי אין תלמוד ווערט פאַרציילט — „באַהאַלטן“, אייגנטלעך — פאַרניכטעט ווערן. דאָס פאָלק דאַרף מיטנעמען מיט זיך אין געפאַנגענשאַפט די הייליקע ספרים — די ביבל; דאָס ווערק פּאַסט נישט דערצו, עס פּאַסט אויך נישט פאַר דער עקסטערמינענטער טראַגישער שטימונג — עס האָט געהאַלטן ביי פאַרשווערן זיך קעגן געשלעכטלעכע באַציונגען. אָן ציון און זיינע הייליקייט, נאָך וואָס לעבן, נאָך וואָס מערן און פרוכפּערן זיך? קען פּאַסן צו ד ע ר שטימונג דאָס בוך פון ליבע?

האָט אָבער געזאָלט אַרויס אַ בת-קול:

„רירט נישט מיינע געזאַלבטע“ — אַל תגעו במשיחי...

עס איז דאָך שיר-השירים אַשר לשלמה!

איז נאָר געקומען די הייליקייט און האָט דאָס קוים גערע-טעטע בוך פאַרהילט מיט אַ סימבאָליש-רעליגיעזן שלייער; עס איז אַ משל צו דער ליבע פון כנסת-ישראל צום ריבונו-של-עולם. צווישן זיי אַ דועט. די קירכע האָט עס איבערגעמאַכט אויף קריסטוס-ליבע.

נעמט אָבער אויף אַ ווײַלע דעם שלייער אַראָפּ, באַווייזט זיך אַ פלאַמיק ליכט, אַ רעטראָספּעקטיווע פלאַם-ליכט אויף אַ גאַנץ פאַר-געסן ווינקל פון אַלט-העברעישן לעבן... פּיליוכט נאָר פון לעבן אין הויף, אין שלומהס הויף, וואָס איז באַרימט מיט זיין רייכטום, „טויזנט“ ווייבער און פאַרשווענדערישן הויף. דער טעקסט דערמאָנט אָן „זעכציק קעניגנס, אַכציק קעפּס-ווייבער און „יונגפרויען“ אָן אַ צאָל... אַ „ווײַנהויז“, וויין-אויפנאַמען: וויין, עפּל און זיסע, געטריקנטע, ווי פרישע זיסע פרוכטן... 1) פון געמישטער געזעל-

---

1) תפוחים: פרי מגדים; חדשים, גם ישנים, אַזוי ווי „לחם“— ברויט, איז אין דער ביבל די באַציכענונג פון דעם מאַלציוט, איז יין — וויין, ענלעך צו אונדזער טיי, די באַציכענונג פאַר דער גאַנצער אויפנאַמע ביים וויין.

שאַפּט אין וויינהויז 2), טרינק-לאַגער 3)׳ געזאַנג 4), שפּיל 5) און טאַנץ 6)...

דאָס איז אַ בוך: „שיר-השירים” — דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, ליד דער לידער... און געזונגען ווערט עס, קענטיק׳ פון אַן אַלט-העברעישער „געישאַ” — פון דער גאָרטן-זיצערן, וואָס שלומה מיט זיינע קאַמעראַדן ווערן נישט מיד הערנדיק און פאַרלאַנגען נאָך... עס טאָגט אָבער, דער הייסער אָריענט צעטרייבט די פריילעכע געסט אין די שאָטן אַריין, אין צעלטן אָדער בערג... די געישאַ געזעגנט זיי אָפּ: „קער דיך אום׳ פריינט, זיי גלייך דעם הירש׳ אָדער דעם יונגן רעה אויף די קליפן אין די בערג”...

די זון-צייט, וואָס ווערט באַצייכנט מיט די אָנזעעוודיקע שאָטן, וואָס לייגן זיך אויף דער זון, איז נישט ליבע-צייט... די געליבטע געזעגענען זיך —

ביז דער טאָג ווערט אָפּגעקילט
און די שאָטן וועלן וויכן...

ביז דער אָוונט קומט, וואָס זייגט די שאָטן איין און קילט דעם טאָג...

עס איז אַ פריילעך נאַטור-לעבן...

און די נאַטור ווערט געשילדערט מילד ליבלעך און פאַר זיך אַליין, פאַר איר שיינקייט און ליבלעכקייט, נישט אין סטיל פון „ברכי נפשי” און אַנדערע תהילים-שטעלן, אַלס אַנטפּלעקונג פון גאָטס וווּנדער אָדער זיין געוואַלטיקער הערשאַפט... אָבער אויך נישט גריכיש, געצנדינעריש-אונטערטעניק. דער מענטש איז איבער דער נאַטור, געניסט זי, איר שיינקייט, אירע פרוכטן...

מיט דער נאַטור צוזאַמען וועקט זיך די ליבע; מיטן פרילינג, ווען דאָס גרינס הייבט אָן צו שפּראָצן, קנאָספּן — דער פייגנבוים; ווען דער וויינשטאָק גרינט און די טורקלטויב לאָזט זיך הערן איבערן לאַנד...

און די ליבע איז די געזונטע, ערלעכע, די ליבע פון שיינעם געזונטן לייב. — ער ווערט געליבט פאַר זיין שיינהייט און מענ-

---

עד שהמלך במסבו... עלמות את בנות ירושלים... 3) אין פרייען. אַף ערשנו רענה — דאָ איז ערש דאָס זעלבע, ווי מטות אין מגילת־אסתר — טרינק-לאַגער; הסבה־בעטן — „העסע-בעטן”... 4) שעפער-לידער, ווי „אני חבצלת השרון”, א. ד. ג. 5) אחזו לנו שועלים... 6) שולמית־טאַנץ.

לעכער קראַפט, זי — פאַר איר געזונטער ריינער שיינקייט פון ליוב און אַלע זיינע גלידער...

עס איז דאָך דער קנאַפּ־באַקליידעטער, היים־זוניקער אָריענט... מענער־קליידונג ווערט גאַרנישט דערמאָנט, נאַקעט ווערט ער גע־מאָלט: פון פרויען־קליידער — דאָס קלייד (וואַרשיינלעך נאַכט־קלייד — כתונת) און די טיכער (שמלות)... אַלס שמוק־בענדער, געהענגען, קייטעלעך און שנירן און „צמה" — וואַרשיינלעך פון „צום", זאַמלען — דער האָר־זאַמלער, קענטיק אַ שלייער, וואָס פאַרדעקט די אויגן, ווייל פון אַלע גלידער ווערן נאָר די אויערן נישט געשילדערט; ביי'ן אַזויפיל פאַרב פאַר די אויגן און זאָגאַר פאַר דער נאָז...

ווייכטיקער פאַר קליידער זענען די זאַלבן, די אייל, אַזוי ביים „געליבטן", וואָס זיין נאָמען — זיין ליוב צעגייט זיך ווי אַ תורק־אייל קענטיק דער דעמאָלטיק בעסטער, און וואָס זיינע אייל זענען אַזוי אָנגענעם צום גערוך... ווי און נאָך מער ביי דער גע־ליבטער פאַרגלייכט מיט די תמרוקי הנשים פון מגילת־אסתר... פיל געווירצן זענען פאַראַן היימישע, און אימפּאָרטירטע דורכן טענדלער. און צום ליוב פאַר דער געליבטער ווערט פאַרצייכנט, אַז אירע היימישע זענען בעסער, פיינער...

1

באַגעגענונג

ישקני מנשיקות	* זאָל ער קושן מיך
פיהו	* קישן מיט זיין מויל!
כי טובים דודיך	דען בעסער פאַרן ווייַ
מיין!	איז דיין ליבלעכקייט!
לריח	און די אייל־דיין,
שמניך טובים.	צום גערוך ווי ליב!
שמן תורק —	* און דיין נאָמען 1) שיין
שמיך!	אייטל תורק־אייל!2)
על כן	דעריבער האָבן דיך
עלמות אהבוך.	די יונגפרויען 3) ליב!
משכני	* אָ, צי מיך, צי 4),
אחריך נרוצה!	* מיר לויפן דיר נאָך!

(איר פאַרלאַנג געשוט. שלומה פירט זי און אירע געזעלינען אין זיינע קאַמערן.
וויין־אויפנאַמע אין קעגנוואַרט פון קעניגלעכן באַגלייט פון הערן און
ירושלימס טעכטער).

שולמית

הביאני	* ברענגט דער קעניג מיך
המלך חדריו	* אין זיינע קאַמערן, —

---

1) נאָמען—לויב: „שם משמן טוב". אויסערן צופעליקן, פון דער מוטער געגעבענעם נאָמען, קומט דערנאָך מיט די יאָרן דער פאַרדינטער אָדער פאַסיקער צום לעבן (נעמי — קרה). שלומה — פרידן־קעניג. שפּעטער: — קוהלת — דער זאַמלער. שלומית — די געהעריקע צו שלומה און די שטיפטערן פון פרידן (צווישן איר און אירע ברידער) און שלומה — צופרידנהייט (מוצאת שלום).

2) אָדער צעגאָסענער.

3) יונגפרוי — עלמה. עלם, עלמה — מענלעכע און ווייבלעכע יוגנט, נאָך (בהעלם) אָן אַ נאָמען, ער — גאָרנישט געשאַפן; זי געהער צו קיינעם.

4) ציען — נעמען, „משוכה".

נגילה * וועל'מיר לוסטיק זיין,
ונשמחה בך! * פרייען זיך מיט דיר.
נזכירה דערמאנען 5) וועלן מיר,
דודיך מיין * נישט אזוי דעם וויין, 6)
מישרים ווי דיין ליבלעכקייט, —
אהבוך טרייע ליבן דיך.

(צו ירושלימס טעכטער געווענדט)

שחורה אני ונאוה * שווארץ בין איך, דאָך שיין,
בנות ירושלים * ירושלימס טעכטער!
כאהלי קדר * ווי די קדר־צעלטן,
כיריעות שלמה. * ווי די פאָרהענג שלמה(ס).

(טאָן־ענדערונג — שטאָלצער)

אל תראוני שאני שחרחורת* קוקט נישט, וואָס איך שווארצלעך בין,
שזפתני השמש. * מיך האָט אָפּגעברענט די זון!
בני אמי געצירנט האָבן מיר
נחרי בי * מיינער מוטער־זין 7)
שמוני פאָר א היטערן
נוטרה את הכרמים! צום וויינבערג מיך געשטעלט!
כרמי שלי און איך האָב מיין אייגענעם
לא נטרתי! וויינבערג 8) נישט געהיט!

(צו שלמה סימבאָליש: ווו, ליבער, טרעפט מען דיך?)

הגידה לי * — אך זאָג מיר, דו,
שאהבה נפשי * וואָס מיין זעלע ליבט!
איכה תרעה * ווו פיטערסטו,

---

5) מיט דאַנקבאַרקייט.

6) ווי „לחם” — עסן, אַזוי וויין, ענלעך צו אונדזער טיי — די אויפנאַמע, וויין און זיסיקייטן. —

7) עכטע ברידער און שוועסטער זענען ביי פאָליגאַמיע נאָר די פון איין מאַמען. צווישן אַמנון און תמר קען זיין ליבע. אזעלכע ברידער הערשן אין מוטער־הויז אויפן אָרט אָדער אינעם נאָמען פון פאָטער, איבער מוטער און שוועסטער. זיי ציכטיקן, זיי גיבן אוים די שוועסטער, באַקומענדיק אויסקויף־געלט.

8) איר פרויען־שיינהייט.

איכה תרביץ	וואָס (ווו? — רעד.) לאַגערסטו
בצהרים?	* צו מיטיק־צייט?
שלמה	עס זעט ביי לייטן אויס,
אהיה כעוטיה	איך לויף 9) די הערטן נאָך
על עדרי חבריך?	* פון דיינע קאַמעראַדן!

ש ל ו מ ה

(אין זעלבן טאָן)

אם לא תדעי לך	— אויב דו ווייסט עס נישט,
היפה בנשים	* שענסטע צווישן פרויען
צאי לך בעקבי	* גיי די צייכן נאָך
הצאן	* פון די שעפלעך־טריט,
ורעי את גדותיך	פיר דיינע ציקעלעך
על משכנות הרועים!	צו די שעפער־געלטן!

(טאָן־ענדערונג)

לסוסתי	צום פערדל מיין
ברכבי פרעה	נ'וואָגן פרעהס 10)
דמיתיך	* גלייך איך דיר,
רעיתי!	אָ, פריינדין מיין! 11)
נאוו לחייך	שיין זענען די באַקן דיין *)
בתורים	אין די קייטעלעך,
צוארך כחרוזים.	* און דיין האַלדז אין שנירן.
תורי זהב נעשה לך	* גאָלדענע קייטעלעך מאַכן מיר דיר
עם נקודות הכסף	* מיט זילבערנע פליטערלעך!

9) עוטיה — עטה אל השלל.

10 דאָס עלעגאַנטסטע שענסטע איז דאַן פערד-און-וואָגן. שלומה ברענגט זיך פרעהס וועגן פון מיצרים. באַרימט זענען עמינ־דיבס וועגן (ווי שפּעטער), פיליכט שולמית'ס פאָטער (בת־נדיב). מען מוז זיך דערמאָנען אָן „אָבי אָבי רכב ישראל ופרשיו".

11) רעיה — שעפערן, פריינדין; ווי רועה — שעפער, פריינט, געליבטער. פאַרגלייכונג פון שעפער-ליבע, וואָס האָבן קענ־טיק די זעלבע ראָלע געשפּילט און מוסטער געווען, ווי ביי אונדז אין מיטלאַלטער.

*) (ווי—אויסג.) שיין די באַקן דיינע (זענען אויסג.).

(ביי די שעפער־צעלטן. אין פריעס. שולמית וואַרט דעם קעניג. נאָך דער רייניקונג פון לייב (תמרוקי הנשים אין מגילת אסתר).)

**)

ש ו ל מ י ת

עד	ווילט דער קעניג נאָך
שהמלך במסבו	* מיט זיין באַגלייט,
נרדי	און אויפגעדופט
נתן ריחו.	האָט מיין מירא שוין!
צרור המור	אַ בינטל מירא איז ער מיר
דודי לי —	דער געליבטער מיין,
בין שדי ילין.	* וואָס צווישן מיינע בריסטן רוט! 12)
אשכול הכופר דודי לי	* אַ באַלזאַם־שטענגל איז ער מיר
בכרמי עין־גדי.	* פון עין־גדים וויינבערג.

ש ל ו מ ה

(אָנגעקומען)

הנך יפה, רעיתי,	* שיין ביסטו, פריינדין מיין,
הנך יפה!	* שיין!
עיניך — יונים!	די אויגן — טויבן *)

ש ו ל מ י ת

הנך יפה, דודי׳	* שיין ביסטו, פריינד דו מיין,
אף נעים	* און זיס!
אף ערשנו רעננה.	פריש־גרין איז אונדזער בעט 13 **).

**) דאָ קומט אין מאַנוסקריפּט אַ פּאַרמעקטער לאַטיין. צי־פּער 2, וואָס באַציכנט דעם קאַפּ. — רעד.

12) דאָס מיראַ־בינטל!

*) די אויגן—טויבן (גלייך אויסג.).

13) טרינק־לאַגער, ווי די מטות זהב וכסף פון מגילת־אסתר.

**) און פריש־גרין איז אונדזער בעט.

קורות בתינו — און די באַלקן פון געהויז
ארזים, זענען צעדער,
רהיטנו ברותים! גאַלעריען פון ציפּרעסן! 14)

*)

(אין ווייַנהויז)

(שולמית — שלומה)

(טיש-ליד; דועט)

שולמית

אני חבצלת השרון * — איך בין די ליליע פון שרון!
שושנת העמקים. * איך בין די רויז פון טאָל!

שלומה

כשושנה בין החוחים * — וואָס די רויז איז צווישן דערנער,
כן רעיתי בין הבנות. * איז מיין פריינדין צווישן טעכטער 15)

כתפוח בעצי היער * וואָס דער אַפּלבוים16) אין וואַלד,
כן דודי בין הבנים. איז דער פריינד־מיין צווישן די זין!17)

בצלו חמדתי וישבתי * גליסט זיך רוען אין זיין שאָטן,
ופריו מתוק לחכי! שמעקן זים די פרוכטן18) זיינע!

---

14) דאָס פּרויע.

*) דאָ קומט אין מאַנוסקריפּט אַ פאַרמעקטער לאַטייַנישער ציפער 3, אַלס באַצייכענונג פון קאַפּיטל. — רעד.

15) די „יונגפרוי" איז די ליידיקע, די „טאָכטער" — די אַדעליקע, פּאַטריציערן. „אַ טאַטנס אַ קינד".

16) פרויען־שיינהייט געגליכנט צום וויינבערג, דעם מאַן — צום בוים, דער אַפּל — דער סימבאָל פון ליבע. אַפּל־בוים — דער ליבער מאַן.

17) אין דער זעלבער באַדייטונג, וואָס טעכטער, גוט־געבוירענע. דער קעגנזאַץ: „בן בלי שם" — אָן אַ נאָמען, מען ווייסט נישט פון וואַנען ער שטאַמט. אינדערמיט שטייט „עלם", נאָך זיך קיין נאָמען נישט דערוואָרבן.

18) דער מאַן — דער בוים, זיין ליבלעכקייט, זיין ליבקייזן (לאַסקע). זיין פּרוכט.

שולמית

(ליד)

הביאני	האָט צום וויינהויז
אל בית היין	ער געפירט מיך,
ודגלו עלי אהבה.	זיין ליבשאַפט מיר געפּאַנט.19)
סמכוני באשישות	* אָ, קרעפטיקט מיך מיט טרויבן־זאַפט
רפדוני בתפוחים	* און מיט עפּל לענט מיך אונטער, —
כי חולת אהבה אני.	* איך בין ליבעס־קראַנק!
שמאלו תחת לראשי	אונטער מיין קאָפּ זיין לינקע האַנט,
וימינו תחבקני!	און מיך האַלדזט אַרום זיין רעכטע.
השבעתי אתכם, בנות ירושלים	* באַשווער איך אייך, ירושלימס טעכטער!
בצבאות או באילות השדה	* ביי דעם הירש * און רעה אין פעלד 20)
אם תעירו,	זייט נאָר שטיל,
אם תעוררו את האהבה	* וועקט די ליבע נישט,
עד שתחפץ.	ביז זי וואַכט אויף אַליין 21)

(אויף דער פעלדזן־הייך, איבער די וויינבערג, געבאָרגן צווישן בערג־געשטאַפּל, ווינטערט שולמית אין מוטער־הויז, הינטער פענצטער מיט קראַטן, פון פרילינג, פון גאַרטן־שפּילן, פון געליבטן...)

2

שולמית

(בענקשאַפט)

(פון פרילינג געוועקט)

קול דודי	די שטים פון מיין פריינד!
הנה זה בא	אַט קומט ער דאָך,

---

19) קענטיק, אַלס סימבאָלישע אויסצייכענונג פלאַנצט אויף דער הער זיין פאָן „ליבע" איבער דער געוויילטער. דערפון קען שטאַמען דאָס צוואַרפן פון טוך אין האַרעם — די פאָן אָן דעם שטאַק. דגל (דאַגעל) איז דערפאַר הייכן, ווילן, אויסצייכענען.

20) פאַראַגליכט מיט „חולדה ובור".

21) ערה — אַנטדעקן, אויסזאָגן, ערור — וועקן. חפץ — אויפשטיין (יחפוץ (זנבו) אויפשטעלן).

מדלג על ההרים, שפרינגענדיק איבער בערג,
מקפץ על הגבעות! איבער היגל היפּפּענדיק!

געגליכנט איז מיין פריינט צום רעה,
צום יונגן הירש!
אָט שטייט ער שוין
אונטער דער וואַנט!

* דורך די פענצטער קוקט ער אַריין,
* דורך די גראַטן בליקט ער!

* רופט זיך אָן מיין פריינט
און זאָגט מיר:
שטיין אויף!

מיין פריינדין, מיין שיינע,
* קום אַרויס!
* דען דער ווינטער איז פאַרביי,
* און די רעגן־צייט געוויכן!
ס'שפּראָצט דאָס גרינס, און געקומען
פון געזאַנגען איז די צייט,
די טורקלטויב,
זי לאָזט זיך הערן
* אין אונדזער לאַנד!

און עס קנאָספּט דער פייגנבוים!
און דער וויינשטאָק גרינט און ניסט
זיין דופט אַרום!

שטיי אויף, מיין פריינדין,
* שיינע־מיין
אינעם פרייע גיי.

אָ, דו טויב אין פעלדזן־שפּאַלטן,
* אין פאַרבאָרגענעם געשטאַפּל!
קום, באַווייז מיר דיין געשטאַלט,

HEBREW EDUCATIONAL ALLIANCE
LIBRARY
DENVER, COLORADO

* לאָז דיין שטימע הערן,
דען דיין שטים איז זיס,
* הערלעך דיין געשטאַלט!

(אַרויסגעקומען)

* כאַפּט אונדז די פיקסלעך,
* די פיקסלעך די קליינע,
די וויינבערג־פאַרדערבער,
אונדזער וויינבערג גרינט!
מיין פריינט צו מיר!
איך — צו מיין פריינט!
צו דעם, וואָס פּיטערט צווישן רויזן!

ביז עס קילט זיך אָפּ דער טאָג, 22)
און די שאָטן וויכן 23)
גיי דיר אום, גלייך דיר, פריינט,
צום הירש, צום יונגן רעה
איבער קליפן פון געבירגן!

5 *)

(בענקשאַפט)

* אויף מיין געלעגער
* אין די נעכט
* זוך איך דעם, —
* וואָס מיין זעלע ליבט, —
זוך איך און געפין אים נישט!

שטיי איך מיר אויף
און וואַנדער אין שטאָט,

22) דער טאָג איז צו היים, מען באַהאַלט זיך אין צימער, אָדער אין שאָטן פון בערג־שפּאַלטן.
23) די שאָטן אויף דער זון.
*) די באַצייכענונג פון די קאַפּיטלען 3 און 4 פעלן אינגאַנצן.—רעד.

און מערק אין די גאַסן,
זוך איך דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט, —
און געפין אים נישט!
* באַגעגענען די היטער מיך,
* די וואָס קרייזלען אין דער שטאָט, —
— האָט איר געטראָפן דעם,
* וואָס מיין זעלע ליבט?

קוים אַוועק פון זיי,
טרעף איך אים,
* דעם, וואָס מיין זעלע ליבט!

האַלט איך אים און לאָז נישט אָפּ,
צום מוטער־הויז ברענג איך אים,
אין מוטער־צימער פיר איך אים!

* באַשווער איך אייך,
* ירושלימס טעכטער,
* ביי דעם הירש
* און רעה אין פעלד!
זייט נאָר שטיל,
* וועקט די ליבע נישט,
ביז זי וואכט נישט אויף אליין!

6

(טרוימערייען)

(זעט זיך אַלס ברויט, פון פעלדזן הייך, פון וויסטן,
צו שלומה שטייגנדיק).

* אַך, ווער שטייגט פון וויסטעניי,
* גלייך אין רויכיקע זיילן,

ארומגעדאַמפּט ווייִרויך און מירא
און אַלע פּולווערס
פונעם טענדלער?! 24)

און אָט איז שלומהס בעט!
* זעכציק העלדן אַרום,
* פון די שטאַרקסטע אין ישראל!
* אַלע זענען שווערט־געגורטע
און באַהאַווונטע אין שטרייט:
מאַן און — שווערט ביי די לענדן,
* פאַר די שרעקן פון דער נאַכט!

* און אַ זענפט 25) האָט קעניג שלומה,
זיך פון צעדערהאָלץ געמאַכט!
* און די זיילן מאַכט ער זילבער!
* און די אָנלען 26) מאַכט ער גאָלד!
און פון פּורפּור — דאָס געזעס,
* מיט דער ליבע אויסגעבעט
* פון ירושלימס טעכטער!

(שלומה — נעמט זי).

קומט, נאָר קומט, ציונס טעכטער,
קומט און זעט'ן קעניג שלומה,
אין דער קרוין, וואָס די מוטער
האָט געקריינט אים,
* צו זיין האָכציַיטס־טאָג.
צום טאָג —
פון זיין האַרציקער לוסט!

---

24) וואָס אימפּאָרטירט אויסלענדיש שמוק, געווירצן און איילן
25) טראָג־שטול.
26) רפידה — רפדוני.

7

(ער ליבט זי).

* — „שיין ביסטו, פריינדין מיין
* שיין!
די אויגן — טויבן צוגלייך,
פון אונטער דער באנד״.27)

„דיינע האָר — די געמזן־הערט,
פונעם גלעד־בערג געגליטשט!״

„דיינע ציין — די לעמער־הערט,
פון דער וואַש ערשט אויפגעשטיגן!
צווילינגער און אָן א פעל!״

* „דיינע ליפּן — פורפור־פעדים,
* דיין רעדנס־אַרט, ווי אָנגענעם!
און דיין שלייף פון אונטער דער באנד —
* א גראַנאַטן־שטיק!״

„דער דוויד־טורעם — דיין הויך און פעסט
געבויטער האַלדז,
און באַהאַנגען מיט די טויזנט,
אַלע טויזנט העלדן־שילדן!״

„דיין בריסטן־פּאָר — א רעהען־פּאָר,
א יונגער הירשן־צווילינג־פּאָר,
וואָס פּיטערט צווישן רויזן!״

(ער גייט).

* ביז עס קילט זיך אָפּ דער טאָג
און עס וויכן אָפּ די שאָטן,
* גיי איך מיר צום מירא־בערג,
און צום ווייררויך־היגל!״

27) „צמח״ — צום — זאַמלונג; צמח — די באַנד, וואָס זאַמלט די האָר.

8

(אָונט-צייט — צוריק).

— שיין ביסטו, פריינדין מיין,
אָן א פעל!

מיט מיר פון לבנון, כלה,
* מיט מיר פון לבנון קומסטו,
* קוקסט פון אמנה־שפּיץ,
* פון דעם שניר און חרמון־שפּיץ,
* פון דעם לייבן־היים,
פון לעמפערט-געבירג!

* באהארצט האָסטו מיך,
* שוועסטער־כלה,
* מיט איין אויג פון דיינע אויגן,
פון דיין האלדזבאנד מיט א שנור!

* און ווי שיין דיין ליבשאפט איז,
* שוועסטער־כלה,
ווי זי בעסער שמעקט אלס וויין,
און איבער די געווירצן אל׳ —
דיינע איילן!

זיסקייט טריפן דיינע ליפּן,
כלה!
האָניק - מילך איז אונטער דיין צונג,
* און דער דופט פון דיינע קליידער —
* דער לבנון־דופט!

(איר ריינקייט).

* א גאָרטן א פארשלאָסענער
איז מיין שוועסטער כלה!
א ברונען א געשלאָסענער,
א קוואלן א פארזיגלטער!

א פאַראַדיס — די אָרעם דיין!
גראַנאַטן־דופט, פרוכטן זיסע,
* ציפּער־בליט און נאַרד!

נאַרד, קראָקוס, קאַנאַ, שאַפראַן,
ווייררויך אַלאָע און מירטן,
און די פיינסטע פון געווירצן!

א גאָרטן־ברון׳,
* א לעבנדיקער 28) וואַסער־קוואַל
פון לבנון!

* — וועק דיך, נאָרד!
* קום, זיד! 29)
* בלאָז מיין גערטל אויף,
זאָלן זיינע געווירצן פליסן!
זאָל מיין פריינט צו זיין גערטל קומען,
* און זיין זיסע פרוכט געניסן!

(ער וועט דערנאָך צום טיש זיך זעצן און זאָגן
אין באַגלייט:)

— איך בין געווען אין מיין גערטל,
* שוועסטער כלה!
האָב מיין מירא דאָרט געקליבן!
און די דופטיקע געווירצן!
* און געלאָבט זיך מיט מיין האָניק,
* און מיין זיסן ווין געטרונקען!

* עסט, קאַמעראַדן,
* טרינקט, באַרוישט אייך,
* ליבע פריינט!

---

28) מים־חיים — נישט אָנגעזאַמלט רעגן־וואַסער.
29) די ווינטן פון נאָרד און זיד.

9

* שלומער איך,
* מיין הארץ איז וואך.
די שטים,
עס קלאפּט מיין פריינט:
* — עפן מיר,
* שוועסטער ליבע,
* ריינע טויב!
* דען מיין קאָפּ איז פול מיט טוי,
און די פלעכטן פול מיט טראָפּן
פון די נאכט!

— כ'האָב אראָפּגעצויגן מיין געוואנד,
ווי קלייד איך מיך?
* ריין געוואשן מיר די פיס,
* ווי באשמוץ איך זיי?
דורך א קראַטן־לאָך
שטעקט מיין ליבער דורך די האנט, —
* ברומט צו אים מיין אינגעווייד! 30)

שטיי איך אויף
און עפן מיין פריינט,
טריפן מירא מיינע הענט,
טריפן פון מיינע פינגער מירא
איבער גריפן פונעם ריגל!

און אז איך האָב מיין פריינט געעפנט,
מיין פריינט איז שוין אוועקגעשליכן,
פארביי געגאנגען!
* און מיין זעלע איז דאָך פארגאנגען
* פון זיין שטים!

* זוך איך אים, געפין אים נישט!
* רוף איך אים, ער ענטפערט נישט!

30) מיין אינערפלום.

* באַגעגענען די וועכטער מיך,
* די וואָס קרייזלען אין דער שטאָט,
ז׳שלאָגן מיך, זיי ביילן מיך,
* רויבן מיר דעם שלייער צו, —
* די היטער פון די מויערן.

* באַשווער איך אייך,
* ירושלימס טעכטער,
טרעפט איר מיין פריינט,
* וו אָ ס זאָגט איר אים?

(זאָגט אים:)

* — איך בין ליבעס־קראַנק!

— וואָס איז דיין פריינט צווישן פריינט 1)
* וואָס באַשווערסטו אונדז אַזוי?

* — לויטער איז מיין פריינט און ראָז,
* אונטער טויזנטער — די פאָן!
און דער קאָפּ — לויטער גאָלד!
* און די לאָקן — ראָבן שווארצע!

די אויגן זיין —
טויבן ביי דעם וואַסערקוואַל
* פולע 2)* באָדן זיך אין מילך!

* און די באַקן — ווייַרויך־בייטן!
* דופטנדיקע ווייַרויך־היגל!
* און די ליפן, ווי די רויזן!
* מירא פליסן זיינע ליפן!

און די הענט — וואַלצן, גאָלד
* מיט טאָפּאַזן אויסגעפילט!

---

*) די ציפערלעך 1 און 2, וואָס קומען דאָ אין מאַנוסקריפּט, האָבן, משמעות, געזאָלט דינען אַלס באַמערקונגען; די באַמערקונגען זענען אָבער נישטאָ. — רעד.

* די שטאטור — אַן עלפנביין,
* מיט סאַפירן אויסגעזעצט!

* אין די שענקל מאַרמאָר־זיילן,
* אויף גינגאָלדענעם געשטעלט! (געשטעל? — רעד.)
אוז דאָס אויסזען — אַ לבנון!
און דער העכסטער צווישן צעדער!

און דער גומען — זיסיקייטן!
* און אַ גלוסטונג ער אין גאַנצן!
דאָס איז מיין פריינט, דאָס (איז — אויסג.) מיין ליבער,
* אַ, ירושלימס טאָכטער!

און ווו איז דיין (פריינט? — רעד.) געגאַנגען,
* שענסטע צווישן פרויען?
* ווו האָט זיך געווענדט דיין פריינט,
מ'זאָל'מיר זוכן אים מיט דיר?

— צו זיין גערטל האָט מיין פריינט
געניִדערט,
* צו די ווייררויך־בייטן,
* אין די גערטנער וועט ער ווײדן,
רויזן וועט ער קלויבן!

---

* איך בין מיין פריינטס,
ער איז מיין,
* דער, וואָס פיטערט צווישן רויזן!

---

10 *).

שיין ביסטו, פריינדין מיינע,
* תרצה גלייך!

---

*) פון דאַנען ביזן סוף וואַריאַנט גייט באַצייכנט פון די קאַפּיטלען, לויט פּרצעס איינטיילונג, מיט אַראַבישע ציפער. — רעד.

* ווי ירושלים ליבלעך,
* און אָפּשרעקיק ווי באַוואָפנטע 31)

די אויגן־דיין ווענד אָפּ פון מיר,
דאָס האָבן מיך איבערוועלטיקט!
און די האָר — די געמזן־הערט,
וואָס גליטשט זיך אַראָפּ פון גלעד־בערג!
* און די ציין — די לעמער־הערט,
ערשט פון וואַש, און אַלע גאַנץ
און אָן אַ פעל!

און דיין שלייף פון אונטער דער באַנד
* דאָס מילגרוים־שטיק!

11

זעכציק זענען קעניגינס
און די קעבס־ווייבער אַכציק,

יונגפרויס אָן אַ שיעור!
איינע איז מיין ריינע טויב,
איינע ביי דער מוטער אויך,
ביי דער געבערן די ליבסטע! *) 1)
* זעען טעכטער לויבן זי,
* קעניגינס, בייישלעפערינס
* באַוואונדערן:

* — ווער איז זי,
וואָס זי שטראַלט, ווי מאָרגנגלאַנץ,

31) מען טויטשט — באַפאַנטע — פלעץ, ווו די קריגס-באַנער שטייען, וווּ מען לאָזט נישט צו. געקומען דערויף: דגל־פאָן, און נאָך ירושלים און תרצה. קומט אָבער דער פאַרגלייך אויך שפּעטער פאָר, נאָך פאַרגלייכונגען מיט מאָרגנגלאַנץ, זונען-שיין און מאָנדליבלעכקייט. — עס איז ריכטיקער אָנצונעמען — די געפאַנטע פרויען, די געליבטע טעכטער, די עדלע, דערהאַבענע. (אויסגעמעקט: זע זייטע... באַמערקונג)

*) די ציפער 1, וואָס קומט דאָ אין מאַנוסקריפט, האָט משמעות, געזאָלט באַצייכענען אַ באַמערקונג, וועלכע איז אָבער נישטאָ. רעד.

* און איז ליבלעך ווי דער מאָנד
* און איז לויטער ווי די זון?
און אַפּשרעקיק, ווי געפּאַנטע?

* צום ניסן־גערטל נידער איך 32)
קוקן אויפן גרינס אין טאָל,
זען, צי דער ווײנשטאָק בליט
* און די מילגרוים קנאָספּט?
נישט צו פאַרשטייען,
וואָס עס מאַכט פון מיר מיין זעל,
* ווי די וועגן עמי נדיבם! 33)
(שולמית טאַנצט)

*)

* — קער זיך אום,
* װענד דיך אום,
* — אָ, שולמית!
* קער דיך, װענד דיך,
* לאָז דיך זען! 34)
— וואָס אַנטציקט 34) אייך
אין שולמית
* אינעם „צוויי־אַרמייען"־טאַנץ?! 35)

— שיין זיינען דיינע טריט,
* נדיבס טאָכטער, אין די שיך!

דער נאָפּל דיין — דער בעכער **) רונד,
פון פאָלן מאָנד אָן א פעל!

---

32) אחשוורוש גייט אַרויס צום גינת הביתן, ערעגט פון וויין, שלומה — פון ליבע.
33) אַזוי באַוועגט!
*) דאָ קומט אין מאַנוסקריפּט נאָכאַמאָל די באַצייכענונג פון קאַפּ. 11.
34) העברעיש חזה: זען און געהויבן, און אַנטציקט זיין. חוזה — איז דער אַנטציקטער זעער, דער נביא, חזה — די געהויבענע שטעל — די ברוסט.
35) דער קריגער־טאַנץ, דער אָנהייב פון אַלע טענץ.
**) בעקן.

* און דער לייב — א ווייצן גארב
* מיט א רויזן שנור געגורט!

* די בריסטן פּאַר — א רעהען פּאָר,
* אַ יונגער הירשן־צווילינג־פּאָר.

דער האלדז א טורעם פון עלפן־ביין
* און די אויגן, ווי די קוואלן
* וואָס ביי חשבון
אינעם בת־רבים־טויער!

די נאָז — דער לבנון־טורעם,
* דער וואָס אויף דמשק קוקט!
און דער קאָפּ דיין ווי דער כרמל 36)
און זיין הייך 37) *) אינעם פּורפּור
ווי א קעניג אין די שפּאַנגען.

12

שלומה

ווי שיין דו ביסט,
ווי זיס דו ביסט,
ליבשאפט מיט פארוויילונג!

* דיין געשטאלט — דער פּאלמען־בוים,
* און די בריסטן — טרויבן־בינדן...

וויל איך שטייגן אויף מיין פּאלמען,
זאָלן מיר ווי טרויבן־שטראנגען

36) די שטאָט אויפן חרמון-באַרג?
37) דלת ראש, די הויכע האָרל־זאַמלונג איבער קאָפּ, מיט באַנד אַרומגעבונדן.
*) א. און אויפן.).
ב. און איבער אים — אויסג.).

די בריסטן זיין!
* דיין אָטעם־דופט — אַפּעל־דופט!

דער גומען דיין — דער גוטער וויין,
גראַדע פליסט ער מיר צום מויל.3) *)

13

שולמית

(צו זיך — אויסג.)

איך בין מיין פריינדס,
מיין פריינדס באַגער בין איך!
(צו שלומה — אויסג.) **
קום מיין פריינד 38),
אין די פעלדער וועלן מיר גיין,
אין די דערפער נאַכטן!

גאַנץ באַגינען וועל'מיר אויפשטיין
און זיך פעדערן צום ווינבערג
* זען, צי דער וויינשטאָק בליט ***).
צי דאָס גרינס האָט אויפגעשפּראָצט,
צי עס קנאָספּן די גראַנאַטן!
דאָרט באַקומסטו מיך!

* דאָרטן דופט דער ליבעס־אַפּעל
איבער טירן 39) זיסע פרוכט(ן),
פרישע און אויך אַלטע
פאַר דיר, מיין פריינד,
אויפבאַוואַרטע!

---

*) אין מאַנוסקריפּט קומט דאָ אַ ציפער, אַלס אָנווייזונג אויף א הערה, די הערה פעלט אָבער.
**) אין מאַנוסקריפּט קומט דאָ אַן אויסגעמעקטע ציפער 14, אַלס באַציכענונג פון דעם קאַפּיטל. — רעד.
38) אָנגעהויבן אין דער דריטער און איבערגעגאַנגען צו דער צווייטער פּערזאָן, ווי גאָר אין אָנהויב (ישקני... דודיך).
***) זען, צי דער וויינשטאָק גרינט — אויסג.
39) עפענונגען, געגנ.

14

* וואָלט מיר דיך ווער
* פאַר אַ ברודער געמאַכט,
* וואָס געזויגן האָט
* פון מיין מוטער ברוסט!
טרעף איך דיך אין גאַס,
* קוש איך דיך,
* קיינער האָט מיר נישט פאַריבל!

דאַן פיר איך דיך,
* ברענג איך דיך,
* אין מיין מוטער־הויז, —
* לערנט זי מיך,
* ווי צו לאָבן דיך
מיט וויין געקאָכטע,
* מיט מיין מילגרוים־זאַפט!

15

אונטער מיין קאָפּ
זיין לינקע האַנט,
מיט זיין רעכטער
האַלדזט ער מיך.
באַשווער איך אייך,
* ירושלים־טעכטער,
* וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
* ביז זי בליט נישט אויף אַליין!

16

אַך, ווער שטייגט פון מידבר אויף,
זיך שמיגענד צו'ן איר פריינד?

* — אונטערן אַפּל האָב איך דיך געוועקט,
ווו דיין מוטער

האָט אירע ווייען,
דיין געבערערן
דיך געהאַט!

טו מיך ווי א זיגל צו דיין האַרץ,
* ווי אַ זיגל צו דיין אָרעם דריק!
דען שטאַרקער פאַרן טויט
איז די ליבע,
ווי דער אָפּגרונט טיף
איר אייפער.

* וואַסערן פיל
* וועלן די ליבע נישט פאַרגיסן,
* טייכן נישט פאַרפּלייצן.
* און זאָל אַ מאַן
* זיין גאַנץ פאַרמעגן פון הויז
פאַר ליבע ביטן,
פאַראַכט מען אים!

17

(ברויט-וואַרב)

די ברידער

„אַ שוועסטער האָבן מיר אַ קליינע,
קיין בריסטן האָט זי נישט,
וואָס וועל'מיר מיט דער שוועסטער טון,
ווען מען רעדט פון איר? *) 40)

— ווען אַ מויער,
בויען מיר
* אויף מיר אַ זילבערנעם טורעם 41)

---

*) ווען עס ווערט פון איר גערעדט?
40) מען פאַרלאַנגט זי.
41) ברוט־שמוק, שפּעטער — שטעט — ירושלים — גיב מיר זי אַלס כלה.

אויב א טיר,
* הענגען מיר
אויף איר א צעדער־טאָוול! 42)

ש ו ל מ י ת

— איך בין א מויער,
בריסטן האָב איך, ווי די טורמען! 43)
בין אין זיינע אויגן איך
די שטיפטערן פון פרידן! 44)
* א ווייבבערג אין בעל־המון האָט
* שלומה געהאַט,
ז'ווייבבערג־היטער איבערגעגעבן!
גיט אים יעדער פאַר דער פרוכט
* טויזנט זילבער־שטיק!

* מיין ווייבבערג איז פאַר מיר 45)
שלומה,
די טויזנט 46) — דיר!
* און צוויי הונדערט פאַר די היטער! 47)

18

ש ל ו מ ה

אָ, דו, וואָס אין די גערטן ווילסט
* קאַמעראַדן הערן זיך צו,
גיב עפּעס נאָך!

די גאָרטן-זיצערן
(אָפּשיד)

42) „צום פאַרקויפן” אַלס מאַגד.
43) ריין און אַנטוויקלט.
44) (פון גליק — אויסג.), האָב איך אים ב אַ ר ו א י ק ט. דאַפון: שולמית, אויך מיט דער באַדייטונג — שלומהס.
45) פריי?
46) פאַר מיין פרוכט (כלה-גאָב) די טויזנט זילבער־שטיק.
47) פאַר די ברידער אויסקויף-געלט.

* אנטלויף, פריינד,
זיי גלייך דעם רעה,
* דעם יונגן הירש
אויף די באלזאם־בערג!

א װאריאנט, באציט זיך בלויז אויף דעם קאפ. 12 פון ענדגילטיקן טעקסט און אויף קאפ. 16 פון 1־טן און 2־טן װאריאנט.

(װער שטייגט עם אויף פון װיסטעניי,
אויף איר פריינד געלענט?

* אונטערן אפל־בוים 34).
דארטן האב איך דיך געװעקט,
דארטן האט דיין מוטער
אירע װייען באקומען,
* דיין געבערערן
* דיך געהאט. — (אויסג.).

* דריק מיך, װי א זיגל צו דיין הארץ,
* װי א זיגל צו דיין ארעם דריק!
ליב' איז שטארקער, װי דער טויט,
* װי דער אפגרונט איז איר אייפער!
* אירע פונקען — פייער־פונקען,
די געטלעכע פלאם!

* װאסערן פיל
* װעלן ליבע נישט פארלעשן,
טייכער — נישט פארפלייצן זי!
* און ביט א מאן
זיין גאנץ הויז־פארמעג פאר ליבע, —
מען לאכט אים אויס!

---

34) זע דודאים, 17.

ר ו ת

אין ווייסן פערז פארייִדישט

א.

מ'איז געווען אין די צייטן,
ווען געריכט'ט די ריכטן האָבן.

ג'וואָרן איז אין לאנד אַ הונגער. —
איז אַ מאַן ארויסגעגאנגען
פון בית-לחם 1) אין יהודה
צו שדה־מואָב; דאָרט צו וווינען, —
ער, די פרוי אוןביידע זין.

איז זיין נאָמען — אלימלך,
נעמי האָט זיין פרוי געהייסן;
די זין זיי הייסן: איינער — מחלון,
כליון איז דעם צווייטנס נאָמען, —
אַלע זענען זיי אפרתער 2),
פון בית-לחם אין יהודה.

און זיי זענען אָנגעקומען,
און פארבלייבן אין שדה־מואָב;
איז געשטאָרבן אלימלך,
נעמים מאַן, און איז געבליבן
זי מיט אירע ביידע זין.

און זיי נעמען זיך דאָרט ווייבער
מואָבס טעכטער; איינע — ערפּה
און די צווייטע — רות געהייסן!

---

1) „בית-לחם" — ברויט־הויז — קענטיק, אַ טאָל גוטע ערד.
2) דער נאָמען פון דער אָרטשאַפט, ווי שפּעטער: „יעשה חיל באפרתה".

זיצן זיי א צענדליק יאָרן,
שטאַרבט אויך מחלון, נאָך אים — כליון;
איז די פרוי אַליין געבליבן,
אָן דעם מאַן און אָן דעם זין!

און הייבט זיך אויף מיט בײדע שנירן
צוריק צו גייען פון שדה־מואָב.
דען פאַרנומען אין שדה־מואָב
האָט די פרוי שוין, דאָס דערמאָנט זיך
האָט דער אייביקער זיין פאָלק, —
און ער האָט אים ברויט געגעבן!

און — פון אָרט אַרויסגעגאַנגען,
ווו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן, —
זי באַגלייטן בײדע שנירן —
אויפן וועג צום לאַנד יהודה, —
שטעלט זיך נעמי אָפּ און זאָגט:

„—גייט צוריק אייך, שנירן מיינע,
צון איר מוטער־הויז איעדע!
זאָל דער אייביקער גענעדיק
זיין צו אייך, ווי איר — געווען
צו די טויטע און צו מיר!
זאָל דער אייביקער באַשערן
יעדערער פון אייך א רואונג
ביין איר מאַן אין הויז!"

און זי קושט זיי. און זיי הייבן
אויף די שטימען, און זיי וויינען,
און זיי זאָגן: ניין, מיר גייען
צו דיין פאָלק צוריק מיט דיר!

נעמי זאָגט זיי: טעכטער מיינע,
נאָך וואָס זאָלט איר מיט מיר גייען?

טראָג איך דען אין לייב נאָך קינדער,
איך זאָל געבן אייך פאר מענער?

קערט צוריק אייך, טעכטער מיינע,
אַלט*) איז נעמי פאַר אַ מאַן!

און לאָמיך זאָגן, דאָס איך האָב נאָך,
וואָס צו האָפן, און די נאַכט נאָך
וועל איך צון אַ מאַן געהערן,
און איך וועל אים זין געבערן,
וועט איר אויף זיי וואַרטן קענען
ביז זיי ווערן אויפגעוואַקסן?
און פארבינדן זיך, ביז דאַן
נישט צו געהערן צון אַ מאַן?

און אויך וויינט נישט, טעכטער מיינע,
דען ביטערער איז מיר פאַר אייך, —
אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסן
פון דעם אייביקן דער צאָרן!

האָבן ווידער אויפגעהויבן
זיי די שטימען און זיי וויינען,
און דאַן ערפּה קושט די שוויגער,
רות דאָך בלייבט אָן איר באַהעפט!

נעמי זאָגט איר: „טאָכטער מיינע,
ס'איז דיין שוועגערן געגאַנגען
צון איר פאָלק און גאָט צוריק, —
גיי נאָך איר!" און רות איר ענטפערט:
דרינג מיך נישט, דיך אָפּצוטרעטן!
ווו דו גייסט, איך גיי מיט דיר!
און איך נעכטיק, ווו דו נעכטיקסט,
דען דיין פאָלק איז אויך דאָס מיינע,
און דיין גאָט איז אויך מיין גאָט,

*) צו אַלט.

און ווו דו, וועל איך אויך שטארבן
און באַגראָבן זיין, ווו דו!
אַזוי דער אייביקער מיר העלפט,

אונדז צעשיידן וועט דער טויט!
און זי זעט, דאָס פעסט באַשלאָסן
האָט זיך רות מיט איר צו גייען,
הערט זי אויף זי אָפּצוריידן! —
גייען ביידע קיין בית־לחם.

קיין בית־לחם אָנגעקומען,
די גאַנצע שטאָט ווערט אויפגעטומלט!
פרעגן ווייבער: איז דאָס נעמי?

און זי זאָגט זיי: נאָך וואָס רופט איר
מיך נאָך נעמי? רופט מיך מרא,
דען פאַרביטערט האָט מיך גאָט!
פול בין איך פון אייך געגאַנגען,
און אַ ליידיקע געקומען!
קעגן מיר האָט גאָט געצייגט
און דער מעכטיקער — געשטראָפט!

אַזוי איז נעמי קריק געקומען
מיט איר שנור, די רות פון מואָב, —
און זיי זענען אָנגעקומען
קיין בית־לחם אינעם אָנהייב
פונעם גערשטן־שניט. —

ב.

געהאט האָט נעמי אַ פאַרוואַנדטן
נאָכן מאַן, אַ העלדיש־מאַן,
פון פאַרוואַנדשאַפט אלימלכס, —
בועז איז געווען זיין נאָמען.

איינמאָל זאָגט איר רות פון מואָב:
לאָז מיך גייען צו די פעלדער
זאַנגען קלויבן נאָך אַזוינעם, 1)
וואָס ער וועט מיר זיין געפעליק.
ענטפערט נעמי: גיי, מיין טאָכטער!

איז זי, רות, אַרויסגעגאַנגען,
אין אַ פעלד אַריינגעקומען
און געקליבן נאָך די שניטער.

און אַ צופאַל צו פאַרדאַנקען,
האָט זי צו דעם פעלד געטראָפן,
וואָס איז געווען דאָס טייל פון בועז,
פון פאַרוואַנדשאַפט אלימלכס.

און ס'איז בועז אָנגעקומען
פון בית־לחם; גריסט די שניטער,
זאָגט: דער אייביקער מיט אייך!

---

1) דער שניטער (מעגלעך, ווי עס זעט אויס פון טעקסט — די שניטערין) גייט פאָרויס, דערנאָך דער בינדער, הינטער ביידע דער קלייבער פון „לקט" — פון די זאַנגען, וואָס דער בינדער לאָזט אויפן פעלד. דאָס דאַרף זיין פריי פאַר אַלע אָרעמע. דאָך, זעט אויס, האָט מען געמוזט געפינען „ליטזעליקייט אין די אויגן" פון באַזיצער, ער זאָל לאָזן קלויבן. פאַרצוג האָבן, זעט אויס, געהאט היימישע אָרעמעליוט. —

און אים ענטפערן די שניטער:
זיי פון אייביקן געבענטשט!

און עס האָט געפרעגט דאן בועז
ביי זיין קנעכט, וואָס אויף די שניטער:
— און די יונגפרוי וועמעס איז?

און דער שניטער־היטער זאָגט אים:
אַ מאָביטערין, געקומען
צוריק מיט נעמי פון שדה־מואָב.

און געמאָלדן, קלויבן וויל זי
ביי די גאַרבן, נאָך די שניטער...
אַזוי שטייט זי פון באַגינען,
איצט ערשט קלויבט זי זיך אַהיים!

זאָגט איר בועז: טאָכטער מיינע,
האָסט געהערט דאָך, אַלזאָ גיי נישט
אין קיין פרעמדע פעלדער קלויבן,
און אויך דאָ זיך נישט דערווייטער!
האַלט זיך אויף ביי מיינע מענדן,
מיט די אויגן אויפן אקער,
ווו זיי גייען, נאָכגעגאַנגען!

איך האָב שוין אָנגעזאָגט די קנעכט,
ס'זאָל דיך קיינער נישט באַרירן!
און ווען דורשטיק דו וועסט ווערן,
זיך גענען צו די געפעסן,
טרינק דיך, ווו די יונגען שעפּן!

אויפן אָנגעזיכט געפאַלן
און געבוקט זיך צו דער ערד,
זאָגט אים רות: מיט וואָס געפונען
האָב איך גונסט אין דיינע אויגן,

דאָס דו מיר דיין גוטס באַוויזן, —
בינען בין איך דאָך אַ פרעמדע!

און דערויף איר ענטפערט בועז:
— אָנגעזאָגט איז מיר געוואָרן,
וואָס דו האָסט געטון דיין שוויגער,
ווען שוין טויט געווען דיין מאַן!

האָסט דיין פאָטער און דיין מוטער,
און דיין היים — דיין לאַנד פאַרלאָזן,
און צו׳ן אַ פאָלק אַ פרעמדס געגאַנגען,
וואָס דיר אומבאַקאַנט געוועזן!

זאָל דער אייביקער דיר צאָלן
פאַר דיין גוטס, און פיל באַלוינען
זאָל דיך דער, וואָס אייביק לעבט,
דער גאָט דער מעכטיקער ישראלס,
וואָס דו ביסט געקומען זוכן
אונטער זיינע פליגל שוץ!

רות אים ענטפערט: הער, געפינען
זאָל איך גונסט אין דיינע אויגן!
דען דו האָסט מיר טרייסט געגעבן,
גוטע רייד גערעדט צום האַרץ
פון דיין מאַגד,, אויבוואָל איך בין נישט
צו איינער גלייך פון דיינע מעגד!

און עס האָט געזאָגט איר בועז:
אהער דאָ קום צום צייט פון עסן
און דו וועסט פון ברויט באַקומען
און וועסט עס דיר אין עסיק טונקען!

ז׳איז געקומען און געזעצט זיך
ביי די שניטער, אָן אַ זייט,

נעמט ער, בועז, און דערלאַנגט איר
אַ הויפן אָנגעברענטע זאַנגען, —
ז'האָט געגעסן, זאַט געוואָרן
און עס איז איר נאָך געבליבן!
און אויפגעשטאַנען ווייטער קלויבן!
און צו זיינע קנעכט זאָגט בועז:
אויך פון צווישן גאַרבן קלויבן
לאָזט זי און פאַרשעמט זי נישט.

לאָזט אויך פאַלן פון די בינטן,
און פאַרלאָזט, און לאָז זי קלויבן,
און איר זאָלט זי נישט פאַרשעמען!

און זי איז *) אין פעלד געקליבן
ביז ס'איז פאַרנאַכט געוואָרן,
דאָס געקליבענע — געדראָשן,
ס'איז אַ מעסטל גערשט געווען!

אויפגעהויבן און געטראָגן,
און אין שטאָט אַריין געקומען,
און דער שוויגער עס געוויזן
און נעמט אַרויס נאָך און דערלאַנגט,
וואָס פון עסן איז געבליבן.

און עס זאָגט צו'ן איר די שוויגער:
וווּ האָסטו היינט צו טאָג געקליבן?
ביי וועמען האָסטו זיך פאַרנומען
און געבענטשט זאָל (זיין? — רעד.) דיין גענער.

און זי האָט פאַרציילט דער שוויגער
וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט
און זי זאָגט איר: און דער נאָמען
פונעם מאַן, אויף וועמעס אַקער
כ'האָב געקליבן, בועז איז!

*) און זי האָט.

צו דער שנור דאַן זאָגט די שוויגער:
זאָל דער אייביקער אים בענטשן
פאַר זיין גוטס, וואָס ער באַווייזט
די לעבעדיקע ווי די טויטע!

רות פון מואָב זאָגט דער שוויגער:
וואָס נאָך דער מאַן האָט מיר געזאָגט:
זיי צו מיינע קנעכט באַהאַפטן,
ביז זיי האָבן נישט געענדיקט
ביי מיר אין פעלד דעם גאַנצן שניט!

צו רות דער שנור דאַן נעמי זאָגט:
איז געשייט דיר, טאָכטער מיינע,
מיט זיינע מעגדן אויסצוגייען,
דאָס עס זאָל דיך קיינער האָבן
אויף אַ פרעמדן פעלד געטראָפן.

און ביי בועזס מעגדן האַלט זיך
רות ביים קלייבן, ביז געענדיקט
ס'איז דער גאַנצער שניט געוואָרן
פונעם גערשטן און פון ווייצן, —
און געזעסן — ביי דער שוויגער!

ג

איינמאָל זאָגט צו רות די שוויגער:
דאָך איך מוז פאַר דיר אַ רואונג
אויסגעפינען, ס׳זאָל דיר גוט זיין!

אָט, דער אונדז באַקאַנטער בועז,
וואָס דו ביסט צו זיינע מעגדן
באַהעפט געווען, אינעם שייער
לופטערט היינט צו נאַכט זיין גערשט.

און דו וואַש דיך אָפּ און זאַלב דיך,
און באַקלייד דיך, און אַרונטער
גיי צום שייער. גיי, עס זאָל דיך
קיינער מערקן ביז ער האָט נישט
אָפּגעגעסן און געטרונקען...

און אַז ער וועט זיך לייגן גייען,
וועסטו רעכט דאָס אָרט באַמערקן,
און וועסט צוגיין, און אַנטפּלעקן
זיין צופוסנס און זיך לייגן.

דיר וועט דאַן דער מאַן שוין זאָגן
וואָס צו טון. און רות איר ענטפערט:
ווי דו הייסט מיך, וועל איך פאָלגן.

רות צום שייער האָט גענידערט
און אויסגעפירט דער שוויגערס רייד.

אָפּגעגעסן און געטרונקען
האָט זיך בועז און געמיטלעך

זיך געוויילט, און גייט, און לייגט זיך
ביי'ן א סטירטע אָן אַן עק...

און זי שטילערהייט געגענט זיך,
און אַנטפּלעקט אים זיין צופוסנס
און זי האָט זיך צוגעלייגט.

האַלבער נאַכט, און אויפגעציטערט
ווערט דער מאַן, און בייגט זיך איבער, —
אים צופוסנס ליגט א פרוי!

פרעגט: ווער ביסטו? און זי ענטפערט:
— רות דיין מאַגד! און דו פאַרשפּרייט
אויף דיין מאַגד די פליגל דיינע,
דען דו ביסט דאָך איר דערלייזער!

און ער זאָגט איר: טאָכטער מיינע,
זיי דעם אייביקן געבענטשט,
דען די גנאָד, די לעצטע דיינע
איז נאָך גרעסער אַלס די ערשטע!
דען דו ביסט נישט נאָך די יונגען
אָרעם אָדער רייך געגאַנגען!
אַלזאָ יעצונד נישט געפאָרכט זיך,
איך וועל דיין פאַרלאַנג געווערן,
דען אין טויער ווייסן אַלע,
דאָס א בראַווע פרוי דו ביסט!
און וואָרהאַפטיק, כ'בין א לייזער, —
דאָך פאַראַנען איז נאָך איינער
און א נעענטערער פון מיר!

און די נאַכט דאָ נעכטיק איבער,
און אַנטשיידן וועט דער מאָרגן!
און פאַרלאַנגט ער, זאָל ער לייזן
און אז נישט, וועל איך עס טוען, —
ביי דעם אייביקן געשוואָרן!
ליגט דאָ אַלזאָ ביז באַגינען!

איז זי צופֿוסנס אים געלעגן
ביז צו מאָרגן, גאַנץ באַגינען,
איידער איינער זעט׳ם צווייטן,
אויפֿגעשטאַנען, דען ער זאָגט איר,

עס דאַרף קיינע גאָרנישט וויסן,
דאָס געווען אַ פֿרוי אין שייער!

און ער זאָגט: דערלאַנג דיין מאַנטל,
שפּרייט אים אויס און האַלט פֿאַר מיר.
זי טוט אַזוי, און אָנגעמאָסטן
זעקס מעסטלעך גערשטן האָט ער
און אַרויפֿגעלייגט אויף איר,
און איז אין שטאָט אַריין געגאַנגען.

צו דער שוויגער — רות געגאַנגען,
און זי פֿרעגט זי: טאָכטער מיינע,
צונד ווער ביסטו? און זי האָט איר
וואָס דער מאַן געטון פֿאַרציילט...

און זי זאָגט איר: אָט דעם גערשטן,
מעסטלעך זעקס מיר אָפּגעמאָסטן,
דען ער האָט צו מיר געשפּראָכן:
צו דיין שוויגער קום נישט ליידיק!

נעמי זאָגט איר: אַלזאָ רואיק
קענסטו, טאָכטער מיינע, וואַרטן,
ביז עס ווערט דיר קונד געגעבן,
ווי די זאַך איז אויסגעפֿאַלן, —
דען עס וועט דער מאַן נישט רוען,
היינט נאָך ענדיקט זיך די זאַך!

ד

און בועז הייבט זיך אויף צום טויער,
און עס גייט פארביי דער לייזער,
וואָס דערמאָנט ער האָט פאַר רות.
און ער זאָגט אים: קום אריין נאָר
און דאָ זעצט דיך, דער און דער.
פאָלגט דער מאַן און טרעט אריין,
און זעצט זיך צו. און בועז נעמט
צען פון ד'אַלטע לייט אין שטאָט,
זאָגט זיי: זעצט אייך! און זיי פאָלגן.
און ער זאָגט דאַן צום דערלייזער:
אונדזער ברודערס, אלימלכס,
טייל פון אקער, דאָס האָט נעמי,
וואָס געקומען פון שדה מואב
אָפּגעגע'ן אין פרעמדע הענט;
יעצונד האָב איך מיך אנטשלאָסן,
דיר צו זאָגן, זאָלסט עס קויפן
פאַר די אַלע, וואָס דאָ זיצן
און די אַלטע לייט אין שטאָט.
און ווילסטו לייזן, זאָלסטו לייזן!
אויב דו ווילסט נישט, זאָלסטו זאָגן!
כ'דאַרף עס וויסן, דען קיין לייזער
דיר צופאַר איז נישט פאַראַנען, —
קומען קום איך ערשט נאָך דיר!
יענער ענטפערט: איך וועל לייזן!
בועז זאָגט: אין טאָג, אין זעלבן,
וואָס דו האָסט געקויפט דעם אקער
ביי דער נעמי און דער וויטווע,
פונעם טויטן — רות פון מואב,

האָסטו אויך געקויפט דעם נאָמען
פון פארשטאָרבענעם צו שטעלן
אויף זיין אַקער־טייל!

זאָגט דער לייזער: כ׳קען נישט לייזן!
איך וויל מיין ארב ניר נישט פארדארבן!
קויף דאָ אַלזאָ מיין דערלייזונג,
כ׳קען נישט לייזן!

און פארצייטן
אין ישראל איז געווען
אַ געברויך אזאַ:
ביים דערלייזן און פארטוישן,
זיכער יעדע זאך צו שטעלן,
ציט אַ מאַן ארויס דעם שליסל
און דעם צווייטן אים דערלאַנגט,
און דאָס געווען די ציינעניש.

און דער לייזער זאָגט צו בועז:
קויף און צי ארויס דעם שליסל.

צו די אַלטע ווענדט זיך בועז
און צום גאַנצן פאָלק דערביי:
זייט איר אַלע היינט די צייגן,
דאָס ערוואָרבן האָב איך אַלעס,
וואָס געהערט צו אלימלך
און צו כליון און צו מחלון, —
אָפּגעקויפט פון נעמים האַנט!

און — אַלס ווייב די רות פון מואָב,
מחלונס ווייב; דעם טויטנס נאָמען
אויף זיין ערבטייל אויפצושטעלן!
דאָס ער זאָל נישט זיין פארשניטן
פון צעווישן זיינע ברידער
און פון טויער פון זיין אָרטשאפט.

און איר אַלע זייט די צייגן!
און זיי זאָגן: ס׳פאָלק אין טויער
און די אַלטע זענען צייגן!
און דער אייביקער זאָל געבן,
דאָס די פרוי, וואָס קומט יעצונדער
צו דיר אין הויז אַריין, געבענטשט*)
זאָל זיין ווי רחל און ווי לאה, **)
וואָס אויפגעבויט עס האָבןביידע
ס׳הויז ישראל; אין אפרתה
זאָלסט דו שטאַרקן זיך, און רופן ***)
אָן אַ נאָמען 1) אין בית-לחם!

זאָל זיין דיין הויז ווי ס׳הויז פּרץ, ****)
דעם זון יהודהס, וואָס פון תמר
פון דעם זאָמען, וואָס באַשערן
ס׳וועט דיר גאָט פון דיזער פרוי!

און בועז האָט זיך רות גענומען
פאַר אַ פרוי, ביי׳ן איר געוועזן,
און דער אייביקער געבענטשט
האָט זי מיט אַ שוואַנגערשאַפט, —

און צו נעמי ווייבער זאָגן:
געלויבט דער אייביקער, וואָס האָט דיר
דיין דערלייזער נישט צעשטערט!..
און זיין נאָמען אָנגערופן
וועט שוין זיין דאָ אין ישראל!
און וועט דיין זעלע דיר דערקוויקן,
אויף דער עלטער דיך פאַרזאָרגן,

---

*) צו דיר אין הויז אַריין, זאָל ווערן
**) דיר ווי רחל און ווי לאה.
***) שטאַרקן זאָלסטו דיך און רופן.
1) אַ קינד האָבן און אים אַ נאָמען געבן.
****) א. זאָל זיין דיין הויז ווי ס׳הויז פון פּרץ.
ב. און דיין הויז, ווי ס׳הויז פּרץ. — אויסג.

דען דיין ליבע שנור געבערט אים
וואָס בעסער איז אַלס זיבן זין!

און דאָס, קינד, אַז ס'איז געבוירן,
נעמי נעמט אין שויס צו זיך,
און איז זיין ווערטערן געוואָרן!

און די נאכבארינען זאָגן:
נעמין איז אַ זון געבערן!
און זיי גיבן אים דעם נאָמען,
האָבן עובד אים גערופן!

עובד איז דער פאָטער ישים
און דער ישים זון איז דוד!
און זיי שטאַמען אָפּ פון פּרץ:
פּרץ האָט געבוירן חצרון,
חצרון האָט געבוירן רם, —
דער זון פון רם איז עמינדב,
דער זון פון עמינדב — נחשון, —
נחשון האָט געבוירן שלומה,
שלומה האָט געבוירן בועז,
דערנאָכטן: עובד, ישי, דוד!

איכה

אין ווייסן פערז פאַריידישט

א

1 ווי עלנט איז זיצן געבליבן די שטאָט,
די פיל־באַפעלקערטע!
ווי אַ וויטווע וויסט געוואָרן!

די גרויסע צווישן פעלקער,
צווישן לענדער די הערשערן, —
צו צינדז איז זי געוואָרן!

2 וויינען וויינט זי ביי דער נאַכט,
אויף די באַקן אירע טרערן
און קיין טרייסטער 1) פון די אַלע,
וואָס זי האָט ליב געהאַט!
דען עס האָבן געפעלשט אָן איר
די פריינט אירע, אַלע!
זיי זענען איר צו פיינט געוואָרן!

3 וואַנדערט אוים יהודה
פאַר פיין און פאַר אַרבעט שווערע...
צווישן פעלקער זיך באַזעצט,
און קיין רואיקונג געפונען!
צווישן די גרענעצן דעריאָגן
אַלע זיינע יעגער אים!

4 ציונס וועגן ליגן אין טרויער,
קיין פעסט־טעג־וואַנדערער נישטאָ!

---

1) „מנחם” — דער טרייסטער, דאָס איז דער כאָנטער, וואָס קומט צו הילף און זיך צו רעכן אָן זיין פריינדס באַדרענגער. דערמיט ווערט מען געטרייסט, פאַרגעסט מען דאָס געשעענע אומגליק. דערפון — וינחם על הרעה. דער „מנחם” איז נאָענט צום „גואל” — צום דערלייזער.

אַלע טויערן אירע — וויסט, —
זיפצן אירע פּריסטער,
די יונגפרויען — אין אומעט
און זי אַליין — פאַרביטערט!

5 אירע באַדרענגער — גרויס געוואָרן!
און באַרואיקט 1) אירע פיינט!
זי האָט אָפּגערוימט 2) דער אייביקער
פאַר אירע גרויסע זינד!
אין געפאַנגענשאַפט געגאַנגען איז איר יוגנט
פאַרן באַדרענגער! 3)

6 אַרויס פון ציון איז איר פּראַכט!
אירע הערן — ווידער אָן אַ ווייד, 4)
וואָס גייען מאַכטלאָז פאַרן יעגער! 5)

7 און ירושלים טראַכט
אין די טעג פון פּיין און ווי
אַלע אירע גליקסטיקייטן 6) פון אַמאָל...
אין באַדרענגער־האַנט געפאַלן
איז איר פאָלק און קיינער קומט צו הילף, —
קוקן די באַדרענגער אויף איר

און לאַכן פון איר אונטערגאַנג!
8 זינד באַגאַנגען — ירושלים, —
ווי פון אַ פרוי, פון נישט קיין ריינער

טרעטן אַלע אָפּ פון איר!
די פאַרערער אַלע שענדן, —

1) „שליה” דער פּועל עומד — אויפן אָרט — רואיק בלייבן. דער פּועל יוצא (שול תשולו) אַרויסוואַרפן. ז
2) הוגה ווי „הגה מן המסלה”, אָפּטרייבן, אויסרוימען פון וועג, — פאַרטרייבן, פאַריאָגן. —
3) פון באַדרענגער געטריבן.
4) פאַרהונגערטע.
5) ווי 3) (פּסוק 5 — רעד.); פון יענער געטריבן.
6) קאָסטבאַרקייטן, טייערע זאַכן. געמיינט: די בעסטע און שענסטע פון פאָלק.

זיי האָבן איר שאַנד געזעען!
זי זיפצט אויך אָפּ און טרעט צוריק!

9 דאָס אומריינע — אין די זוימען, 1)
האָט אָן פאָלגן נישט געדאַכט!
און איז וווּנדערלעך געפאַלן
און קיין טרייסטער נישט פאַראַנען!

זע, דו אייביקער, מיין פּיין, —
צו גרוים איז שוין דער פיינט!

10 אויף אַלע אירע גליסטיקייט לייגט
דער באַדרענגער זיין האַנט!
זי האָט אויך געזען אין טעמפּל אירן קומען
די פעלקער, וואָס פאַרזאָגט האָסטו זיי
אין דיין געמיינדע אַריין צו קומען! 2)

11 פאַרזיפצט — די גאַנצע פעלקערשאַפט,
עסן זוכן זיי!
די גליסטיקייט אָפּגעגע'ן פאַר עסנוואַרג
דאָס לעבן צו דערהאַלטן!
זע און קוק, דו אייביקער —
איך 3) בין אַ פרעסערן געוואָרן!

12 נישט אויף אייך געדאַכט, וועג־פאַסאַנטן!
זעט און קוקט, צי איז פאַראַנען
נאָך אַ ווייטיק, ווי מיין ווייטיק,
וואָס מיר איז געטון געוואָרן,
און וואָס עס האָט פאַר מיר
אויסגעטראַכט דער אייביקער
אין טאָג פון גרימיקן צאָרן!

---

1) פון קלייד. —
2) עמון ומואב.
3) די שטאָט ציון.

13 פון דער הייך אַ פייער געשיקט
אין מיין געביין!
צעדריקט האָט ער עס!
אַ נעץ פאַר מיינע פיס געשפרייט
און צוריקגעצויגן!
פון מיר אַן עלנטע געמאַכט,
אַ צעוויימיקטע אויף אימער!

14 מיט אייגענע הענט דעם זינדיקן יאָך
לייגט ער אויף מיר!
פאַרצוויינגט געוואָרן איבער מיין נאַקן
(זענען די שטריק!)
אָפּגעמאַטערט האָט ער מיך, —
און אין הענט געגעבן,
וואָס נישט אויסצושטיין!

15 אַלץ, וואָס שטאַרק אין מיר, צעטרעטן
האָט מיין הער!
אַ פאַרזאַמלונג פון (פיינט) גערופן
האָט ער אויף מיר!

וואָס יונג און קרעפטיק צו צערברעכן!
אַ קעלטער האָט מיין הער געטרעטן
פאַר דער יונגפרוי ציונס־טאָכטער 1)!
16 אויף דעם אַלעם איז מיין געוויין!
מיין אויג, — מיין אויג וואַסער רינט!
דערוויטערט האָט זיך מיין טרייסטער פון מיר,
דער, וואָס מיין זעלע דערקוויקט!
עלנט זענען מיינע זין געוואָרן;
דער פיינט האָט זיך געשטאַרקט!

17 שפרייט ציון אויס די הענט,
און קיין טרייסטער האָט זי נישט!

1) פון איר דעם זאַפט אויסגעדריקט.

ארום יעקב האָט דער אייביקער
אַלע זיינע באַדרענגער באַשטעלט!
צווישן זיי ירושלים —
אַן אומריינע פרוי געבליבן!1)

18 גערעכט איז ער, דער אייביקער,
ווידערגעשפעגנסטיקט האָב איך זיין מויל! 2)
הערט, איר פעלקער אַלע, זעט מיין וויי!
מיינע יונגען, מיינע יונגפער —
אין געפאַנגענשאַפט געגאַנגען!

19 צו ליבהאָבער מיינע גערופן, —
גענאַרט האָבן זיי מיך!
מיינע פריסטער, מיינע אַלטע —
גייען אין די גאַסן אויס!
אַרויסגעגאַנגען עסן זוכן,
דאָס לעבן צו דערהאַלטן!

20 זע, אייביקער, ווי מיר איז ענג!
עס ברענט אין מיר מיין איינגעווייד!
איבערגעדרייט מיין האַרץ אין מיר
אויס לויטער ביטערקייט!
פון דערויסן טרייבט די שווערט
און אין שטוב איז ווי דער טויט!

21 זיי האָבן געהערט, דאָס איך — פאַרזיפצט, —
קיין טרייסטער נישטאָ!
פון מיין בייז — אַלע מיינע פריינט געהערט —
אַ פרייד אויף זיי!
דען עס איז דיין ווערק!
דאָס האָסטו אַזוי געמאַכט!

1) פון וועלכער עס טרעט יעדער אָפּ מיט אָפּשיי.
2) זיין געבאָט. (פי מלך שמור).

וואָלסטו (אויף זיי) געבראַכט דעם טאָג 1),
וואָס דו האָסט (אויף מיר) גערופֿן,
וואָלטן זיי געוועז ווי איך!

22 *) זאָל זייער בייז קומען פאַר דיר 2)
און טוט (טו?—רעד) זיי, וואָס דו מיר געטון
פאַר מיינע זינד!
צו שטאַרק זענען מיינע זיפֿצן,
צו פאַרווייטיקט איז מיין האַרץ!

---

1) אַלץ איז אָן דער צייט. גאָט ענדערט די צייטן און בייט די טערמינען. טעג ווערן געבענטשט און געשאָלטן. —

*) אין מאַנוסקריפּט פעלט דער ציפֿער פון פּסוק 22, וואָס דאַרף דאָ קומען.

2) דערמאָן דיך אָן זיי.

ב.

1 ווי האָט, מיין הער, אין זיין צאָרן
ציונס טאָכטער פאַרוואָלקנט!
פון הימל צו דער ערד געוואָרפן
ישראלס פּראַכט!
אָן דעם שעמל 1) פון זיינע פיס
נישט געדאַכט אין טאָג פון צאָרן!

2 פאַרדאָרבן, נישט געשוינט דער הער
יעקבס שיינע שטעט
און אין גרימיקן צאָרן צערשטערט
די פעסטונגען פון יהודה,
צו דער ערד געשטרעקט
און פאַרשוועכט
דאָס קעניגרייך און זיינע פירשטן.

3 אויפגעבראַכט און אונטערגעהאַקט
יהודהס מאַכט; די רעכטע האַנט 2)
פון קעגן פיינט צוריקגעצויגן,
און אין יעקב אָנגעצונדן
ווי אַ פייער־פלאַם,
וואָס האָט אַלץ ארום פאַרצערט!

4 זיין בויגן האָט ער גלייך דעם פיינט געטרעטן,
גלייך דעם באַדרעגער פעסט געשטרעקט זיין האַנט.
און אויסגעטייט דאָס גליסטיקע פון אויג
אין ציונס טאָכטערס געלט!
ווי אַ פייער זיין גרים זיך שפּרייט!

---

1) בענקל.
2) וואָס שפּאַנט דעם בויגן צום שיסן.

5 דער הער געוואָרן גליך צום פיינט!
פאַרדאָרבן ישראל,
פאַרדאָרבן זיינע פּאַלאַצן,
זיינע פעסטונגען צעריסן,
אין יהודה אָנגעמערט
קלאָג און ווייגעשריי.

6 דאָס ארומגעצוימטע באַרויבט ער,
גליך א גאָרטן (אַ פרייעם)!
זיינע פעסט־שטעט פאַרדאַרבט ער...
פאַרגעסן מאַכט דער אייביקער אין ציון
פעסט־ און רוע־טעג און צו שאַנד
און גרימיקן צאָרן פריסטער און קעניג.

7 מיין הער האָט פאַרלאָזט זיין אלטאַר,
זיין הייליקטום געשענדט,
אין פיינטלעכע (הענט? — רעד.) איבערגעענטפערט
האָט ער די מויערן פון זיינע פּאַלאַצן...
אַ געשריי אין אייביקנס הויז געמאַכט
ווי׳ן אַ פעסט־טאָג האָבן זיי!

8 באַשלאָסן האָט דער אייביקער צו פאַרדאַרבן
די מויערן פון ציונס טאָכטער,
אַ שנור געצייגט,
די האנט נישט צוריקגעצויגן פון פאַרדאַרבן
און געבויגן פּאָרוואַר און מויער.

9 אין דער ערד געזונקען — אירע טויערן,
איבערגעפּירט און צעבראָכן אירע ריגלען.
איר קעניג און אירע הערן — צווישן פעלקער,
אָן לערע,
אויך אירע פּראָפעטן
האָבן פון עוויגן קיין זעאונג באַקומען.

10 צו דער ערד זיך געזעצט און פאַרשוויגן געוואָרן

די אלטע פון ציונס טאָכטער,
אַש אויף זייערע קעפּ געשטרייט,
זיך מיט זעק אַרומגעגורט, —
די קעפּ צו דער ערד בייגן
די יונגפרויען ירושלימס.

11 מיינע אויגן האָב איך אין טרערן אויסגעוויינט,
עס ברענט מיין אינגעווייד,
עס גיסט זיך מיין לעבער צו דער ערד
אויפן ברוך פון מיין פאָלקס טאָכטער —
קינד און זייגלינג פאַרשמאַכטן אין די גאַסן
פון שטאָט.

12 מוטער 1) פרעגן זיי: ווו איז ברויט און וויין?
זיך וואַלגערנדיק ווי דערשלאָגענע אין די גאַסן
פון שטאָט,
אויסהויכנדיק זייער זעעל אין דער שויס פון
דער מוטער.

13 וואָס זאָל צייגן וועגן 2) דיר
און צו וועמען ענלעך 3) מאַכן ירושלימס טאָכטער?
צו וועמען גלייכן אום צו טרייסטן דיך,
יונגפרוי ציונס טאָכטער!
דען גרויס ווי דאָס מעער איז דיין וווּנד 4),
ווער וועט דיר לייכטער מאַכן? 5)

14 דיינע פּראָפעטן האָבן דיר פאַלש און טרוג(עריש?)*)
אויף דיינע זינד דיר נישט אָנגעוויזן
דיינע געפאַנגענשאַפט אָפּצווענדן,

1) (די—אויסג.) מוטער.
2) אויף.—אויסג.
3) פאַרגלייכן.—אויסג.
4) בראָך.—אויסג.
5) (היילן).
*) די קלאַמערן מיטן פראַגע-צייכן — פון פרצן.

פאַלשע זעאוננגען האָבן זיי דיר פּראָפעציים
און פאַרפירערישע.

15 אַלע פאַרבייגייער שלאָגן צוזאַמען די הענט וועגן דיר,
זיי שמוצירן און שאָקלען מיט די קעפּ
אויף ציונס טאָכטער:
איז דאָס די שטאָט, וואָס מען 1)
זאָגט: 2) פאָלקאָמענע שיינהייט, די פרייד פון
גאנצן לאנד? 3)

16 די מיילער עפענען אויף דיר אַלע דיינע פיינט,
פייפן און קריצן מיט די ציין.
זאָגן: פאַרדאָרבן האָבן מיר זי!
אָט דער טאָג, וואָס מיר האָבן געהאָפן,
דערגרייכט, 4) דערזעען!

17 געטון האָט דער אייביקער, וואָס ער האָט פאַרטראַכט 5)
אויסגעפירט זיין וואָרט, זיין אָנזאָג פון אַלטע צייטן.
צעשטערט און נישט דערבאַרמט.
פרייד 6) געמאַכט מיט דיין אומגליק דיינע פיינט,
געהויבן דעם האָרן פון דיינע באַדרענגער!

18 געשריען האָט זייער הערץ צו גאָט,
ציונס מויער, גיס טרערן ווי א טייך
טאָג ווי נאַכט!
נעב דיר נישט קיין אויפהער,
דיין אויגאַפּל זאָל נישט שווייגן.

19 שטיי אויף און רוף ביי דער נאַכט
צום באַגין פון די וואַכן,

---

1) איז דאָס די שטאָט, וואָס מען (האָט אויף איר.—אויסג.)
2) געזאָגט.—אויסג.
3) די פרייד פון (לאַנד. — אויסג.)
4) דערלעבט.—אויסג.
5) צוגעדאַכט.
6) פריילעך.—אויסג.

גים דיין הארץ ווי וואסער אוים קעגן גאָט,
הייב צו אים די הענט
בעט פאַר דער זעל פון דיינע קליינע קינדער,
וואָס חלשן פאַר הונגער אין אַלע גאַסן.

20 זע, עווינער, קוק זיך צו,
וועמען האָסטו דאָס געטון (עוללת),
אַז פרויען עסן זייער פרוכט,
זייער קליינע קינדער 1),
אַז אין טעמפּל ווערט געטייט פּריסטער און
פּראָפעט.

21 צו ערד אויסגעצויגן
אויף די גאַסן יונג און אַלט,
מיינע מעדכען און יונגען דורך דער שווערט געפאַלן
האָסט אין דיין צאָרן־טאָג געטייט,
קיין דערבאַרמען געהאַט.

22 האָסט צוזאַמענגערופן ווי אויף אַ פעסט־טאָג
אַלע מיינע שרעקן אַרום.
אין טאָג פון דיין צאָרן קיין איבערגעבליבענער,
קיין אַנטרונענער.
וואָס איך האָב געצויגן און געגרויסט
האָט דער פיינט פאַרלענדט!

---

1) 1 קינדער קליינע.
2 אירע קינדער.—אויסג.

ג. *)

איך בין דער מאַן, וואָס האָט די פּיין פאַרזוכט
פון זיין צאָרניקע רוט.

מיך האָט ער געטריבן, אין פינצטערניש, אָן ליכט
געפירט.

אויף מיר ווענד זיין האנט און קערט זי אום
צו מיר נישט אויפגעהערט.

צעפוילט מיר מיין לייב און מיין הויט;
מיינע ביינער צעבראָכן.

ארום מיך געבויט, ארומגערינגלט
מיט ביטערקייט 1) און מאַטערניש.

אין פינצטערקייטן מיך אריינגעשטעלט
ווי וועלט-געשטאָרבענע.

ארומגעצוימט, נישט ארויסצוגיין,
שווערע קעטע אויפגעזעצט.

און לאָמיר שרייען און געוואלדן,
מיין געבעט נישט צוגעלאָזט! (שתם 2)

מיינע וועגן מיט קוואָדערן פאַרצוימט,
מיינע שטעגן אויסגעקרימט.

---

*) פון קאפּ. ג ביז סוף פון איכה זענען די פּסוקים אין מאַנוס-
קריפּט נישט באַצייכנט מיט ציפער.—רעד.

1) גיפט.

2) פאַרהאַלטן. — אויסג.

אַ לויער 1)-בער איז ער פאַר מיר
אַ לייב אַ באַהאַלטענער.

דרייט אוים מיינע גענג, און ליימט מיך,
מאַכט מיך דול!

ער שפאַנט זיין בויגן און צו דער פייל
מיך אַלס ציל געשטעלט.

אין מיינע נירן צילט ער 2)
זיינע פיילן.

בין, מיין פאָלק, צום געלעכטער געוואָרן,
זיי זינגען פון מיר אומאויפגעהערט.

מיט ביטערקרויט 3) שטאָפּט ער מיך,
זעטיקט מיך מיט ווערמוט 4)

מיט שאָבער ברעכט ער מיר די ציין,
אין אַש וועלגערט ער מיך!

מיין זעעל האָט שוין די רו פאַרגעסן,
איך געדענק שוין נישט קיין גוטס.

און געטראַכט: 5) פאַרלוירן מיין לעבן (נצחי)
און מיין האָפענונג אָן אייביקן.

דורכגענומען פון מיין אומגליק
ווערמוט און גיפט.

דאָס אַלץ געדענקען געדענקט מיין זעעל
און בויגט זיך איבער מיר.

---

1) אַ לאָקער. — אויסג.
2) אין מיינע (אינגעווייד טרעפן). — אויסג.
3) ביטערפילן. — אוים.
4) זעטיקט מיך מיט (גאַל און גיפט. — אויסג.
5) א. זאָל איך זאָגן.
ב. כ'קלער. — אויסג.

דאָך אָט דאָס טראַכט איך איבער
און פאַרוואָס איך האָף:

גאָטס גענאָד ווערט נישט פאַרניכטעט,
זיין בארמהארציקייט לאָזט זיך נישט אויס.

טאָג אויף טאָג באַנייערט,
גרויס איז זיין טריישאַפט.

דיר, עווינער, איז מיין טייל, זאָגט מיין זעעל,
דאַרום האָף איך צו אים.

גענעדיק איז דער עווינער
צו די וואָס טרויען אים,
צו דער זעעל, וואָס פאָרשט נאָך אים.

גוט און ציטעריק און שווייגנדיק
צו דער הילף פון אייביקן.

טוב דעם מאַן, וואָס טראָגט די יאָך
אין זיין יוגנטשאַפט.

זיצט ער איינזאַם שווייגנדיק,
אויף אים די לאַסט געלייגט.

צו שטויב צוגעלייגט דאָס מויל,
פיליכט האָפענונג פאַראַן.

שטעלט אויף די באַק צום שלעגער,
זעטיקט זיך אָן מיט שאַנד.

דען נישט אויף אייביק דער הער פאַרלאָזט.

צעוואַרפט ער, דערבאַרעמט ער זיך אין זיין גענאָד *)

*) דען טרייבט ער, דערבאַרמט ער זיך אין זיין גענאָד.

נישט אויס גוטן ווילן פייניקט ער און טרייבט
די מענטשן־קינדער, ער זאָל מיט די פיס צו־
דריקן די ערד־געפאנגענע, פאַרקרימען אַ מענטש
אין זיין רעכט (בריבו) מיין הער זעט עס נישט!
ווער זאָגט און ס'זאָל געשען און מיין הער —
נישט געבאָטן? נישט פון זיין מויל גייט ארויס
דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע.
וואָס קלאָגט זיך אַ לעבעדיקער מענטש?
אַ מאַן — אויף זיינע זינד!

לאָמיר איבערזוכן אונדזערע גענג,
פאָרשן און צוריק צום אייביקן קערן.

הייבן די הערצער מיט די הענט
צום שטארקן אין הימל!

מיר האָבן געזינדיקט, ווידערשפעניקט,
דו — נישט פאַרציית!

פאַרהילט, 1) זיך אין צאָרן און אונדז געיאָגט.
געטייט און זיך נישט דערבאַרעמט.

האָסט דיך מיט אַ וואָלקן פאַרהילט,
עס זאָל נישט דורך קיין געבעט.

האָסט פון אונדז עקל 2) און אָפּשיי צווישן די
פעלקער געמאַכט

אַלע אונדזערע פיינט — די מיילער אויף אונדז
געעפנט.

אונדז צו טייל איז געוואָרן שרעק און געפאַנ־
גענשאַפט, 3) פאַרוויסטונג און אונטערגאַנג.

1) א. פאַרצוימט.
ב. פאַרבאָרגן.
2) שמוץ — אויסג.
3) געצן. — אויסג.

בוכן טרערן רינט מיין אויג אויפן ברוך פון
מיין פאַלק...

עס פליסט מיין אויג, נישט אָפּגעשטעלט, נישט
אויפגעהערט.

ביז קוקן עס וועט דער אייביקער און פון הימל
דערזעען.

מיין אויג האָט מער געטון מיין זעעלע,
אַלס אַלע טעכטער פון שטאָט (?) *).

זיי האָבן מיך ווי א פויגל געפאנגען
מיינע אומזיכטיקע פיינט.

מיינע יאָרן אין גרוב פאַרקירצט; שטיינער
אין מיר געוואָרפן.

וואַסער איז איבער מיין קאָפּ געשווומען,
געטראַכט איך בין פארביי. 1)

איך האָב, אייביקער, דיין נאָמען גערופן
פון טיפסטן גרוב.

האָסט מיין שטים געהערט, בייג דיינע אויערן
נישט אָפּ פון מיין שווער עטעמען, צו מיין
געשריי. 2)

גענענט האָסטו זיך, ווען איך האָב דיך גערופן,
געזאָגט: שרעק דיך נישט!

האָסט זיך אָנגענומען פאַר די שמעלונגען פון
מיין זעעל,

*) דער פראַגע־צייכן — פון פרצן — רעד.
1) א. פאַרלוירן.
ב. פאַרניכטעט.
2) הילף.

מיין לעבן אויסגעקויפט.
האָסט מיין שמעלונג געזען, ריכט מיין געריכט.

דו זעסט זייער ראכע, זייער נאָכטראכטן אויף מיר, —

האָסט זייער שענדן, אייביקער, געהערט,
אַלע זייערע פּלענער 1) וועגן מיר.

די ליפּן פון מיינע קעגנער (קמי), וואָס טראכטן נאָר וועגן מיר.

ווו זיי זיצן און שטייען, זע, זייער שפּאָטליד בין איך.

פאַרגיטיק זיי, 2) אייביקער, לויט די ווערק פון זייערע הענט —
גיב זיי האַרץ־ווייי, דיין פלוך אויף זיי.

יאָג זיי מיט דיין צאָרן פון אונטער די הימלען לען פאַרטיליק. —

---

1) געדאַנקען. — אויסג.
2) צאָל זיי.

4.*)

ווי ווערט פאַרטונקלט גאָלד?
פאַרענדערט דער גוטער ערץ 1)
אויסגעשיט 2) די הייליקע שטיינער אין אַלע גאַסן.

די זין פון ציון די טייערע, מיט גינגאָלד גע־
וואָגענע
ווי גלייך געוואָרן זיי זענען צו ערדערנעם
געפעס 3) פון טעפּפערס האַנט?

4) דערלאַנגען די ברוסט, נערן זייערע יונגע,
מיין פאָלקס טאָכטער אומדערבאַרמלעך,
ווי דער שטרויס אין דער וויסטעניי.

דעם זייגלינגס צונג פאַר דורשט — צום גומען
צוגעקלעפּט,
קליינוואַרג בעט ברויט, קיינער דערלאַנגט...
פיינשמעקער 5) פאַרוויסט
אין די גאַסן; אויף זייד דערצויגענע
דריקן זיך צו מיסט 6)

גרעסער איז אויסגעקומען די זינד פון מיין פאָלק
אַלס די זינד פון סדום, וואָס אומשטונד 7) איז

---

*) דער פערטער קאַפּ. איז אין מאַנוסקריפּט באַצייכנט מיט אַ ציפער און נישט מיט קיין אות — רעד.

1) (גינגאָלד? גוטגאָלד? רויטגאָלד?)

2) א. פאַרשיט.
ב. צעוואָרפן.
ג. צעשפּריט.

3) (קרוגן, שערבן).

4) וועלף, אומגעהייער, שלאַנג, שאַקאַלע זעעהונט.

5) (לעקערביסן-עסער).

6) (נעמען אַרום).

7) (פּלעצלעך).

אין דער סעקונדע געוואָרן, אָן פרעמדע הענט דערביי.1)

אירע אָפּגעזאָנדערטע זענען לויטערער געוועזן אַלס שניי, ווייסער אַלס מילך, — גערייטלעכער דאָס לייב אַלס קרעלן, סאַפּירן דער שניט 2) פינצטע־רער אַלס שוואַרץ, נישט צום דערקענען אין גאַס, די הויט צום געביין 3) געשרומפּן, 4) אויסגע־טריקנט ווי האָלץ.
בעסער שווערד אַלס הונגער געפאַלענע,
שהם יזובו מדוקרים מתנובות שדי.
די הענט פון באַרעמהאַרציקע פרויען קאָכן זייער(ע) קינדער, און עסן פאַר זיי אין גרויסן אומגליק פון פאָלק.

אויסגעשעפּט האָט דער א.*) זיין גאַנצן צאָרן, זיין גרים אויסגעגאָסן. אָנגעצונדן אַ פייער אין ציון און אירע פונדאַמענטן.

נישט געגלויבט האָבן די קעניגע פון לענדער און די וועלט באַוואָען (באַוווינער?—רעד.) דאָס אַ באַדרענגער און אַ פיינט וועלן קומען אין די טויערן ירושלימס.

פון דער זינד פון אירע פּראָפעטן, פאַר שולדן פון אירע פּריסטער, וואָס פאַרגיסן בלוט פון גע־רעכטע אין איר.

בלינדע וואָגלען אין די גאַסן, איינגעשמירט אין בלוט, קענען אירע קליידער נישט באַרירן.

1) (נישט צוגעלייגט).
2) (די געשטאַלט).
3) אויפן לייב. — אויסג.
4) א. איינגעשרומפּן.
ב. איינגעצויגן.
*) פאַרקירצט פון אייביקער. — רעד.

טרעט אָפּ, אומרייַנער! רופט מען צו זיי, טרעט אָפּ, טרעט אָפּ! רירט נישט אָן!
כי נצו גם נעו, אמרו בגוים לא יוסיפו לגור.
פני ה׳ חלקם, לא יוסיף להביטם...
פני כהנים לא נשאו, זקנים לא חננו!

עס גייען אונדז נאָך די אויגן אויס צו אונדזער נישטיקער הילף, אויסקוקנדיק אויף אַ פֿאָלק, וואָס גיט קיין הילף.

זיי פֿאַרפֿאָלגן אונדז טריט אויף טריט, נישט צו גייען אין די גאַסן. גענענט זיך אונדזער ענד, פֿול געוואָרן די מאָס פֿון אונדזערע טעג, דען געקומען אונדזער ענד.

פֿלינקער זענען אונדזערע יעגער געווען, אַלס די אָדלער אונטערן הימל. אויף 1) די בערג אונדז געיאָגט, אין סטעפּ אויף אונדז געלויערט.

אונדזער אָטעם (רוח אפינו) דעם עוויגנס געזאַלב־טער איז געפֿאַנגען אין זייערע גריבער, — דער, וואָס מיר האָבן גערעכנט מיר וועלן לעבן אין זיין שוץ צווישן פֿעלקער.

זיי פֿראָ און פֿריי דיך, אדומס טאָכטער, די באַ־וווינערן אין לאַנד עוץ, איבער דיר וועט אויך פֿאַרבייגיין דער בעכער, ווערסטו זיך באַרוישן און (שענדלעך) אַנטפּלעקן, (אויסגעוואָרצלט, אויסגע־ריסן ווערן).

ציונס טאָכטער — אויסגעלאָזט דיין זינד, מער טרייבט ער דיך נישט. אָן דיינע אומרעכט דאַכט, אדומס טאָכטער, אַנטפּלעקט דיינע זינד.

---

1) איבער. — אויסג.

*)

גערענקט, אייביקער, וואָס אונדז איז געשען, קוק און זע אונדזער שאַנד.

אונדזער אַרב איבערגעגאַנגען צו פרעמדע, אונדזערע הייזער פאַרפרעמדט!

ווייזן זענען מיר געוואָרן אָן אַ פאָטער, אונדזער מוטער ווי די ווימוון.

אונדזער וואַסער — פאַר זילבער געטרונקען, אונדזער האָלץ קומט צו אונדז פאַר באַלוינונג 1)

אויפן האַלדז געיאָגטע, מיר געוואָרן, מען לאָזט נישט אָפּ.

צו מצרים אויסגעשטרעקט די האַנט; צו אשור — ברויט באַקומען.

אונדזערע פעטער האָבן געזינדיקט און זע־נען נישטאָ; מיר לײַדן פאַר זייערע זינד.

קנעכט רעגירן מיט אונדז, קיין באַפרייען פון זיי.

מיטן לעבן ברענגען מיר אונדזער ברויט, פון דער שווערד אין סטעפּ.

אונדזער הויט ברענט אויף אונדז 1) ווי דער אויוון, אוים הונגער־גלות.

געפּייניקט פרויען אין ציון, יונגפרויען אין די שטעט יהודה, פירשטן אויף די הענט געהאָנ־

*) דאָ דאַרף קומען קאַפּיטל ה׳ וואָס איז אין מאַנוסקריפּט אינ־גאַנצן נישט באַצייכנט.

1) (פרייז).

1) אונדזער הוים (שוואַרץ — אויסג.) ווי דער אויוון.

נען; אַלטע נישט געשוינט. יונגע טראָגן מיל־שטיינער, קנאָבן פאַלן איבער די העלדזער.

אַלטע קומען נישט צום טויער, יונגע — פאַרשטערט זייער געזאַנג.

פאַרשטערט אונדזער הארציקע פרייד, אונ־דזער טאַנץ צום טרויער געוואָרן.

אונדזער קרוין פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, ווי צו אונדז, גענזינדיקט האָבן מיר!

דערויף האָט ווי געטון דאָס הארץ, דערויף פאַרפינצטערן זיך אונדזער אויגן.

אויף ציונס באַרג וואָס וויסט געוואָרן,
פיקסן שפּאַצירן 1) ארויס. —

דו, אייביקער, וועסט אייביק באַשטיין, דיין טראָן — פון געשלעכט צו געשלעכט!

פאַרוואָס האָסטו אונדז אויף אייביק פאַר־געסן, אויף לאַנגע יאָרן פאַרלאָזט?

פיר אונדז צוריק, לאָמיר קומען צו דיר! באַניי אונדז די יאָרן פון אַמאָל!

נייערט דו האָסט אונדז פאַרעקלט, צו צאָרנ־דיק ביסטו אויף אונדז.

---

1) גייען דאָרט — אויסג.

װאַריאַנט

א.

1 ווי עלנט איז זיצן געבליבן
די פּיל באַפעלקערטע שטאָט,
ווי אַ וויטווע וויסט!

די גרויסע צווישן די פעלקער,
איבער לענדער די הערשערן, —
געוואָרן צו צינדז.

2 זי וויינט ביי דער נאַכט,
אירע טרערן אויף די באַקן, —
פּון אַלע געליבטע אירע
קיינער טרייסט!

געפעלשט אָן איר האָבן
אַלע פריינט!
צו פּינט געוואָרן!

3 * וואַנדערט אוים יהודה
אוים פּיין,
אוים אַרבעט שווערע.

* צווישן פעלקער זיך באַזעצט, —
קיין רואיקייט געפּונען!

צווישן די גרענעצן דערגרייכן
אים אַלע יעגער.

4 טרויערן די וועגן פּון ציון,
צו פּעסט־טעג קיינער גייט;
די טויערן אירע — וויסט.

אירע פריסטער זיפצן,
אירע יונגפרויען — אין אומעט,
און איר איז ביטער, ביטער!

5 געגרייסט זענען אירע באַצווינגער,
אירע פיינט — פאַרגעניגט...
פאַר אירע זינד!
* זי האָט אָפּגערוימט דער אייביקער
פאַר אירע זינד!

גייט איר יוגנט איר (אין?—) געפאַנגענשאַפט,
פון באַצווינגער געטריבן!

6 איז פון ציון אַראָפּ דער גלאַנץ,
אירע פערשטן, ווי די ווייבער,
וואָס פאַרהונגערט גייען
מאַכטלאָז פאַרן יעגער.

7 טראַכט יעצט ירושלים,
* אין די טעג פון פיין און וויי,
אָן אירע קאָסטבאַרקייטן
פון אַמאָל!

אין באַצווינגערס מאַכט געפאַלן
איז איר פאָלק און קיינער העלפט!
זאַמלען זיך די פיינט אַרום
און לאַכן אויף איר אונטערגאַנג!

8 געזינדיקט האָט ירושלים,
ווי אַן אומריינע פרוי געבליבן,
אַלע טרעטן זי אָפּ!

אַלע פאַרערער אירע — שענדן, —
זיי האָבן איר שאַנד געזען!
און זי זיפצט אָפּ און טרעט צוריק!

9 דער שמוץ נאָך אין די זוימען...
די פאַלגן נישט פאַרגעזען!
און וואונדערלעך געפאַלן,
און קיינער טרייסט!
זע, אייביקער, מיין פיין,
וואָס אָנגעמאַכט עס האָט דער פיינט!

10 אויף אַלע אירע קאָסטבאַרקייט
ליגט זיין האַנט ער, דער באַצווינגער!
פעלקער, וואָס פאַרווערט דו האָסט
אין דיין געמיינדע אריין צו קומען! *
טרעטן אין דיין הייליקטום!

און איר פעלקערשאַפט פאַראומערט,
עסן ווערט געבעטן,
פאַר עסן ווערט דאָס טייערע געגעבן,
דאָס לעבן צו דערהאַלטן! *
זע, אייביקער, קוק, —
איך בין אַ פרעסערן געוואָרן; *

12 נישט אויף אייך, איר וועג־פאַסאַנטן,
זעט, קוקט, צי איז פאַראַנען
נאָך אַ ווײ ווי מיין ווייטיק,
וואָס אין גרימיק־צאָרניקן טאָג
מיר דער אייביקער האָט צוגעטראַכט!

ק ו ה ל ת

א

1 די רייד פון קוהלת, 1)
דווידס זון,
קעניג אין ירושלים —

2 קוהלת קינדיקט איטלקייט,
אייטל נישטיקייט,
אַלץ איז נישטיק נישט! 2)

3 דען וואָס פאַר אַ גוטס דערווישט
און וואָס האָט דער מענטש דערפון,
וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?

4 אַ געשלעכט קומט, אַ געשלעכט גייט, —
און די ערד אויף אייביק שטייט!
און אויף־ די זון און אונטער־גייט,
און שטרעבט צוריק צום זעלבן אָרט,
און ווידער אויפגעשיינט פון דאָרט!

6 גייט קיין זיד, קערט קיין נאָרד,
קרייזלט דער ווינט אין זיין גערעג: —

---

1) דער זאַמלער — נאָך זיין געבורט האָט דוויד געשיקט צו נתן־הנביא, מען זאָל אים אַ נאָמען געבן ידידיה (דער פריינט פון גאָט), אַלס קעניג הייסט ער שלומה — דער קעניג פון פרידן. קוהלת אין דער נאָמען פון אויטאָר און פון בוך — דער זאַמלער און די זאַמלונג. דאָרט (קאַפּיטל י״ב, 9 אָמר הקהלת און פריער (קאַפּיטל ז׳ 27) אמרה קהלת — געזאָגט האָט די זאַמלונג. און פיליכט דאַרף דאָ אויך זיין: אָמר הקהלת.

2) אין טעקסט: הבל — אַ געגעראַל־וואָרט פאַר פיל באַגריפן: ווינט, אָטעם, הויך, פאַרגענגלעד (ווינטיק), אָן אַ האַפט און דאַרום אויך: נישט קלוג ווייל נישט צילמעסיק און אויך — אומרעכט, ווייל נאָר דאָס גערעכטע איז צילמעסיק און האַלטבאַר. כאַראַקטעריסטיש איז, דאָס כסיל איז אַ בייזער און זאָגלייך אַ נאַר.

און אויפן זעלבן קרייזל־וועג
קומט דער ווינט צוריקגעקערט!

7 צום מעער גייען אַלע טייכן, —
נישט פול דאָס מעער קיין אויגנבליק!
ווו אַנגעקומען, דאָרטן ווייכן
די וואסערן און גיי'ן צוריק!

8 און ווי אַלע זאכן — פאַריאָגט, —
דערויף דער מענטש קיין שפּראַך פאַרמאָגט!
דאָס אויג פון זעען זאט נישט ווערט,
עס האָט קיין אויער זיך פול געהערט!

9 און וואָס ס'איז געשען, דאָס ווע ט געשען!
וואָס לאַנג געמאַכט, דאָס ווערט געטון!
נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון!

10 און רופן לייט אַ נייס צו זען,
לאַנג שוין אויף דער וועלט געווען,
און פאַרשוווּנדן אָן אַ צייכן...

11 פאַרגעסן געוואָרן די ערשטע צייטן,3)
און די לעצטע, וואָס אונדז פאַרבייטן,
וועלן קומען און וועלן ווייכן
און זייער געדעכעניש דערגרייכן,
צו די נאָך לעצטערע אמאָל
וועט אויך אַזוי ווייניק!

3) אין טעקסט: ראשונים און אַחרונים — די ערשטע און די לעצטע, אָבער דערמיט ווערט באַצייכנט נישט מער ווי: דער אַמאָליקער, לאַנג-געוועזענער און — דער ערשט געקומענער, דער יעצטיקער, דער וואָס איז ערשט געבוירן. אין קאַפּיטל ה', 15 און 17 זענען די אַחרונים די החיים המהלכים תחת השמש — דאָס ערשט-געבוירענע געשלעכט — די יוגנט. עס איז דער זעלבער באַגריף פון ראשון און אַחרון, וואָס אין דער רבנישער ליטעראַטור.

12 איך קוהלת בין געווען קעניג
אין ירושלים איבער ישראל 4).

13 די ערד געלייגט און מיט פארשטענדיקייט
נאכגעפארשט און איבערגעקלערט
וואס אונטערן הימל געטון דא ווערט?
כ'מיין דעם מענטשנס טעטיקייט,
אים פון מעכטיקן געגעבן,
אלס באשעפטיקונג אין לעבן! 5)

14 איך האב די אלע ווערק באטראכט, —
וואס אונטער דער זון עס ווערט געמאכט, —
נישטיק אלץ און ווינט געזייט! 6)

15 און וואס קרום איז, גלייך נישט ווערט,
און וואס עס פעלט,
נישט צוגעציילט!

16 טראכט איך ביי מיר אין הארצן און קלער,
נון ווייס איך מער, און קען אויך מער
אלס די אלע, וואס זענען דא ביז אהער
אין ירושלים פאר מיר געווען!
און האב פיל וויסן און קלוגשאפט געזען!

17 און נעם מיר צום הארץ, און וויל דערגיין,
וואס איז פארשטענדיק און געשייט,
און וואס נאריש, און פארשייט?
און זע: א נישטיקער געדאנק!
וואס מער וויסן, אלץ מער לייד,
דאס פילע וויסן מאכט נאר קראנק!

4) ווארשיינלעך — ווערטלעך, און די שטעלן געהערן צו דער חדיוט-צייט פון שלומה (זע די פארעדע). אזוי טייטשט אויס דער מדרש.

5) אין טעקסט — איז לענות (לאאנוים, נישט לייאנוים) — געפייניקט ווערן.

6) „רעות רוח" — רעי האליל (זכריה י"א, 17) מות ירעם (תהילים מ"ט, 15) — דער טויט וועט צעטרייבן. אפרים רעה רוח (הושע י"ב, 2). „רועה" איז אויך ווארשיינלעך דער וואס טרייבט די שאף.

ב.

1 טראַכט מיין האַרץ נאָך לוסטיקייט,
גוטס געניסן! אויך צו נישט!

2 דעם לאַכער זאָג איך: ביסט צעמישט!
און וואָס טוט די פריילעכקייט?

3 טראַכט מיין האַרץ און ס׳פאַלט מיר איין:
באָדן וועל איך מיך אין וויין,
און פירן מיט פאַרשטענדיקייט,
איך וועל דאָס נאַרישע געניסן,
ביז איך וועל מיך נישט דערוויסן,
וואָס אונטערן הימל עס איז געשייט?
צו וואָס עס האָט דער מענטש צו שטרעבן
אין זיינע געציילטע טעג פון לעבן?

4 און איך האָב *) זיך מיט ווערק אַרומגעשאַנצט!
הייזער געבויט, וויינבערג געפלאַנצט!

5 גערטנער און סעדער, און אויסגעזוכט,
אוןביימער געזעצט פאַר יעדע פרוכט!

6 ציסטערנען געמאַכט, וואַסער צו לענקען,
דעם ביימער־שפּראָציקן וואַלד צו טרענקען.

7 און פון ביידערליי געשלעכט
האָב איך זיך איינגעהאַנדלט קנעכט,
און אויפגעצויגן אַ הויזגעזינד
און הערטן מער פון שאָף און רינד

---

*) און האָב זיך.

געהאַט אַלס אַלע, וואָס זענען פריער
אין ירושלים געוועזן פאַר מיר!

8 און זאַמל זילבער אָן און גאָלד
און אויפגעזאַמלט * אַלערהאַנט
קאָסטבאַרקייט פון קעניג און לאַנד
און אַלץ וואָס מענטשן האָבן האָלט!
צום געגוס און צייט־פאַרטרייב,
זינגער, קינצלער מאַן און ווייב!

9 און אַלע וואָס זענען געווען דאָ ביז דאַנען
האָב איך אין אַלעם איבערגעשטיגן!
און מיין קלוגשאַפט איז מיר בייגעשטאַנען,
פאַרשאַף מיר יעדעם פאַרגעניגן!

10 און נישט פאַרוויינערט פון מיר ווערט,
וואָס ס'האַרץ געלוסט, דאָס אויג באַגערט!
און האָב מיך מיט מיין מי געפרייט!
און דאָס איז געוועזן איבער דער צייט
פאַר מיין גאַנצער מי מיין טייל! 7)

11 און האָב איך אָפגעשטעלט אַ וויל
און באַטראַכט די אַלע זאַכן,
וואָס כ'האָב זיך אָנגעמיט צו מאַכן,
און אַלץ איז נישטיק, ווינט געיאָגט!
וואָס אונטער דער זון, — קיין ווערט פאַרמאָגט!

12 און צו דערגיין האָב איך באַגערט,
וואָס אַלזאָ איז פאַרשטענדיקייט,
און וואָס איז נאַריש און פאַרשייט?
דען דער מאַן וואָס וועט זיין ווערט,
וואָס וועט נאָכן קעניג קומען,
און דאָס אַלעם גרייט באַקומען?

*) און אויך געזאַמלט.
7) „חלק" — וואָס דעם מענטש פון גאָט איז צו־ אָדער אויסגע־טיילט, דאָס (איינציקע) וואָס אים באַשערט איז.

13 און אַט וואָס איינגעזען איך האָב:
פון דום און קלוג דער אונטערשייד —
פינצטערניש און ליכטיקייט!

14 דער קלוגער האָט זיין אויג אין קאָפּ
און זעט אויף קלאָר!
עס טאַפּט דער נאַר אין פינצטערקייט!
אָבער אויך נישט מינדער וואָר,
דאָס איין געשיק פאַר אַלע גרייט!

15 און האָב געטראַכט אין האַרץ ביי זיך:
וואָס ס'טרעפט דעם נאַר, דאָס טרעפט אויך מיך!
וואָס האָט מיין וויסן 'מיר געלוינט?
און זע, — די זעלבע נישטיקייט:

16 דום צי קלוג, ווערט נישט געשוינט!
און עס ווערט אויף אייביקייט
קיין געדעכעניש פאַראַרבט! *)
און — ווי שטאַרבט
גלייך אַ קלוגער מיטן נאַר?!

17 און איך פאַרהאַס דאָס לעבן דערפאַר!
דען עס מאַכט אַ בייז געמיט,
וואָס אונטער דער זון געשיט,
ס'איז נאַר אַ נישטיק ווינט־געפאַנג!

18 און עס טוט מיר הערצלעך באַנג,
וואָס אונטער דער זון כ'האָב אָנגעמיט,
נאָך מיר זאָל עס ווער געניסן
און זיין דערויף דער אייבער־האַר!

19 און וואָס וועט ער — ווער קען וויסן? —
זיין אַ קלוגער צי אַ נאַר?

---

*) קיין געדעכעניש פאַראַרבן!
און ווי קען עס שטאַרבן
(גלייך) דער קלוגער מאַן גלייך צום נאַר.

20 עס איז נישט רעכט! און אָפּגעטון
האָב איך מיין האָרץ, און זאָג זיך אָפּ
פון מיין גאַנצן האָב און גאָב,
וואָס אָנגעמיט אונטער דער זון!

21 וואָס ס'מיט זיך איינער מיט פאַרשטאַנד 8)
מיט וויסן און מיט פעיקייטן,
צו פאַראַרבן אַלץ אַ צווייטן,
וואָס וועט געפינען אַלעס גרייט,
איין אומרעכט און אַ בייזע לייד!

22 און וואָס פאַר אַ גוטס דעם מענטש געשיט,
וואָס האָט זיך אונטער דער זון געמיט?
אַלץ געפלייסט זיך און געטראַכט,
פאַרברענגט די טעג אין פּיין און לייד,
און נישט גערוט — דאָס האַרץ ביינאַכט, —
אויך די זעלבע נישטיקייט!

23 איז אַ גוטס נאָר איינס פאַראַן, —
עסן, טרינקען זאָל דער מאַן,
לאָזן וויל זיך גיין!
איז עס אָבער, ווי כ'האָב געזען,
ביי גאָט אין דער האַנט!

24 ווער איז אויסער מיר אימשטאַנד
נאָך צו געניסן און צו צערן?
וועמען ער וויליקט, טוט ער באַשערן
פרייד און קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד, —
און פאַרנעמט דעם זינדיקערס טעג
נאָר מיט זאַמלען און מיט שטרעבן,
דעם גאָט־געפעליקן איבערצוגעבן, —
אויך אַ נישטיק ווינט־געיעג.

———

8) זיך געמיינט, פאַרגלייך קאַפּיטל ד„ 8: ולמי אני עמל?

ג.

1 צייט פאַר יעדעס דינג באַשערט! 9)
אַלץ, וואָס אונטער דער זון פּאַסירט,
צו דער צייט ווערט אויסגעפירט!

2 פאַראַן אַ צייט ווען מען געבערט
און צום שטאַרבן — אויך אַ צייט!
און אויף פּלאַנצן — דאָ אַ צייט
און ווען אויסגעוואָרצלט ווערט!

3 און ווען געהיילט
און ווען געטייט!
און אויף בויען און צעשטערן,

4 אויף געלעכטער און אויף טרערן,
צום קלאָגן צייט, צום טאַנצן צייט!

5 שטיינער ווען צוזאַמענפירן,
און ווען שטיינער ווערן צעשטרייט!
און ווען געהאַלדזט און אָפּגעווענדט!

6 און אויף זוכן און פאַרלירן,
און ווען געהיט און ווען פאַרשווענדט!

7 און ווען געניית און אויפגעטרענט
און אויף שווייגן און אויף רייד!

---

9) אַלץ איז איינגעשטעלט און עס קומט אַליין אַרויס צו דער צייט. (זע ווייטער 11.) דער מענטש נאָר מיינט, אַז ער טוט עפּעס מיט זיין ווילן, צו זיין ציל. דאָס איז נאָר די מי פון גאָט געגעבן, ער זאָל באַשעפטיקט זיין מיט איר.

8 אויף ליבן צייט, אויף האַסן צייט!
און אויף פרידן און אויף שלאַכט!

9 און דער פלייסיקער, וואָס מאַכט
מיט זיין מיען און באַשטרעבן?

10 די גאַנצע זאַך, ווי איך זע איין,
איז דעם מענטש פון גאָט געגעבן,
ער זאָל דערמיט באַשעפטיקט זיין!

11 און אַלעם האָט ער אין דער צייט
אריינגעפּאַסט און אָפּגעשטעלט!
אין האַרץ אריין געגע׳ן אַ וועלט, 10)
נאָר נישט געגע׳ן די מעגלעכקייט
וואָס ער טוט צו האָבן דערקענט,
ס׳גאַנצע ווערק ביז אָנהייב ביז ענד!

12 און זע, קיין אַנדער גוטס פאַראַן:
עס זאָל לוסטיק זיין דער מאַן
און זיך גוטס טון אינעם לעבן!

13 און יעדער מאַן 11), וואָס עסט און טרינקט,
און גוטס צו זען אים געלינגט
פאַר דעם וואָס ער דאָ מיט זיך אָפּ, —
עס איז פון מעכטיקן אַ גאָב!

14 און איך וויים: וואָס באַשערן,
ס׳וועט דער מעכטיקער, וועט זיין!
און ס׳וועט אויך אייביקלעך געווערן,
מאַכסט נישט מינער און נישט מיין!
און דאָס דער מעכטיקער באַצוועקט,
דאָס דער מענטש זיך פאַר אים שרעקט!

---

10) צו ידערקענען, נאָך נאָך אַ קורצע צייט, דען די צייטן פון פאַרן מענטש ווערן פאַרגעסן און וואָס שפּעטער נאָך אים וועט זיין, אָדער „ווען ער וועט שוין זיין ביי די טויטע", קען דער מענטש נישט וויסן, עס וועט אים קיינער נישט קומען צו זאָגן.

11) נישט נאָר אַ קיניג ווי ער.

15 וואָס ס'איז געשען — איז שוין געשען!
וואָס קומען וועט, איז אויך געווען, —
און דעם געיאָגטן גאָט באוואכט!

16 און זע איך נאָך, ווי אונטער דער זון,
וו רעכט דאַרף זיין, ווערט בייז געטון! 12)
און יעדע שלעכטיקייט געמאכט,
ווו הערשן דאַרף גערעכטיקייט, —

17 זאָג איך: דער מעכטיקער וועט רעכטן
אי דעם בייזן, אי דעם שלעכטן!
אומרעכט ווער און רעכט געהאַט!
דען אויף אַלץ, פאַר יעדע טאַט
קומט דאָרט אַ צייט!

18 און איך טראַכט וועגן גערייד, —
דאָס פון מעכטיקן אויסגעשיידט 13)
זאָל זיין דער מענטש, און וואַרף אַ בליק, —
זיי זענען אויך דאָס זעלבע פי!

19 דען איבער אַלע — איין געשיק!
עס שטאַרבן יענע גלייך ווי די!
דער זעלבער גייסט 14) פאַר פי און לייט,
און דער מענטש האָט אויך נישט מער!
דען אַלץ די זעלבע נישטיקייט!

20 אויך איין גאַנג פאַר אַלע גלייך!
אַלע — פון דער ערד געקומען,
און פון דער ערד צוריקגענומען!

---

12) אין טעקסט: במקום — אין דער אַנשטאַלט.

13) צייט און רעכט איז פאַר אַלע גלייך, ווי עס איז פּאַסיק פאַר אַ קולטור, וואָס ציט צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויך אַ שור נגח.

14) רוח — גייסט, אָטעם, וואָס באַוועגט זיך אינעם מענטש אין איינגעווייט (י"א, 5) און באַוועגט אים אָפּט צום בייזן און וועלכן דער מענטש קען נישט באַהערשן (ח', 8).

21 ווער ווייסט, דאָס צו דער הייך
דער גייסט פון מענטש געהויבן ווערט,
און געגידערט צו דער ערד —
דער גייסט פון פֿי?

22 איך זע, עס בלייבט דעם מענטש נישט מער,
נאָר זיך צו פֿרייען מיט זיין מי!
דאָס איז זיין טייל און זיין באַשער!
קיינער ברענגט אים, ער זאָל זען,
וואָס נאָך אים עס וועט געשען!

———

ד.

1 ווידער האָב איך דעם רויב 15) באַטראַכט,
וואָס אונטער דער זון דאָ ווערט געמאַכט!
די טרערן, וואָס רינען!
פון געשמעלטע
און זיי ווען קיין טרייסט געפינען!
און פון איבערמאַכט געקוועלטע, —
קיין דערבאַרמונג אין דער נויט!

2 טראַכט איך, בעסער לאַנג שוין טויט,
אַלס די, וואָס לעבן צווישן די ליידן!

3 און נאָך בעסער איז פאַרביידן
איז דעם, וואָס איז נאָך גאָרנישט געווען
און דאָס בייזע נישט געזען,
וואָס דאָ אונטער דער זון געשעט!

4 און וואָס מענטש נאָך יאָגט זיך און מיט, *)
דאָס **) פאַרנעם, די טעטיקייט, —
איז נאָר ווייל איינער דעם צווייטן באַניידט!

5 און דער נאַר די הענט פאַרפרעסט
און זיין אייגן לייב זיך פרעסט!

6 בעסער אַ ווייניק שטילקייט פאַרמאָגט
אַלס פיל געמאַטערט און ווינט געיאָגט!

---

15) עשק — נענטער צו אונדזער עקספּלאָטאַציע — דאָס יאָגע-ניש, דאָס איינרייסעניש נישט אָפּגעהאַלטן פון געוויסן און ערלעכקייט און די קריגערייען דעריבער. פון עשק שטאַמט אויך דער עסק, מיט די עסקים ווערט אויך מיטגעריסן דער קלוגער מאַן (ז', 7) און „קלוג" איז דער קעגנזאַץ פון שכל און כסיל, אַלזאָ אויך — דער גערעכטער. גערעכ-טיקייט איז צילמעסיקייט.

*) און וואָס דער מענטש זיך יאָגט און מיט.

**) דער.

7 און נאָך אַ שלימערע נישטיקייט
האָב איך דאָ אונטער דער זון געזען! 16)

8 עס לעבט אַ מאַן מיט איינזאַמקייט,
לעבן זיך ער האָט נישט קיינעם! —
ער האָט קיין זון, קיין ברודער געהאַט
און ער מיט זיך מיד און מאַט,
פון רייכטום ווערט זיין אויג נישט זאַט!
און פאַר וועמען אַלץ איינער
איך זיך מי און קוועל אָן אַ נוץ,
און זאָג מיך אָפּ פון יעדן גוטס, —
אויך אַ נישטיק בייזע זאַך!

9 איז צוויי שוין בעסער אַ סך
אַלס איינעם!
זיי קען גוטער לוין באַגלייטן,
פאַלט מען, איינער העלפט דעם צווייטן!

10 איינער האָט קיין הילף פון קיינעם —
ווי אים, אויב ער פאַלט!

11 און וואַרעם, ליגן צוויי אינייִנעם,
דעם איינציקן איז — קאַלט!

12 און ווען עמעץ באַפאַלט, —
אין צווייען ווערט לייכטער געפאָכטן!
און אַ זייל אין דרייען געפלאָכטן,
רייסט זיך נישט געשווינט!

16) זעלבסטבאַטראַכטונג פון פאַרלאָזטן (פּיליכט געוועזענעם) קעניג שלומה, וואָס בענקט צו אַ פריינט, נאָך מער צום הויז-גליק אין דרייען — מאַן, פרוי און קינד (זע ווייטער)· ער איז אַלט, פאַרלאָזט און עס איז אים קאַלט ווי דעם קעניג דוויד (ווייטער 11). עס שטייט אים פאַר די געפאַר קעגנטיק פון הדד, וואָס איז געקומען פון מיצרים און איז אים געווען אַ „שטערעניש" פאַר זיין גאַנצער רעגירונגס-צייט (מלכים א' י"א, 14).

13 בעסער דעם אָרעמען קלוגן קינד, 17)
אַלס דעם אַלטן קעניג דעם נאַר,
וואָס זעט נישט קיין געפאַר,
וואָס האָט שוין יעדע פאָרזיכט פארלוירן 18)

14 רעגירן איז ער געקומען ארויס
פון אַפּקער־הויז! 19)
אין זיין קעניגרייך 20) געמיין געבוירן!

15 און כ'האָב געזען, ווי אָנגעשוועבט
קומט אונטער דער זון אַלץ וואָס לעבט,
און זיך מיטן צווייטן קינד געגעגנט, 21)
קעגן ערשטן אויפגעלעגנט!...

16 נאָך גרעסער איז דאָס פאָלק אין גאַנג,
נאָך אומצייליקער די רייען!
און וועלן זיך אויך מיט אים נישט פרייען, —
אַ נישטיקער ווינט־געדאַנק!

17) געמיינט הדד (מלכים א' י"א, 17).

18) אַלס אַ מאַן פון פרעהס טאָכטער איז אים ליכט געווען דעם הדד, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי פרעה, ווען ער איז פון אדום אַנטלאָפן, צו באַזייטיקן; ער האָט דאָס נישט געטון ווייל אַלץ הענגט אָפּ אין דער צייט (ג', 1)• וואָס גאָט וועט באַשערן דאָס וועט זיין (14) און „דעם געיאָגטן גאָט באַוואַכט" (15)•

19) אין טעקסט „הסורים", נישט „האסירים" און נישט „הסירים" — מיט א „ויו" נישט קיין „יוד" און אָן אַן „אלף" — אַלזאָ נישט געבונדענע און נישט טעפּ. עס שטאַמט פון „סרה" — מיאוסקייט: (הכל סר) אויך אַן אָרט, ווו מען קערט אָפּ. הדד, אויבוואָל פון קעניגלעכער פאַמיליע, איז אַ שלעכט געבוירענער, ווייל נישט פון גראָדער ליניע און פּיליוכט פון אַ קעפּסווייב•

20) אין אדום•

21) ווער דער צווייטער הדד האָט געזאָלט זיין, פאַר דער כראָניק פאַרשוויגן. עס האָט געקענט זיין אַזוינער, וואָס פיגורירט אין דער לעגענדע אַלס אַשמדאי, וואָס האָט דעם קעניג שלומה פאַרטריבן, וויניקסטנס אויף אַ צייט. מעגלעך איז אָבער אויך, אַז די סענטענצן פון דעם קאַפּיטל האָבן אויך אַ באַציאונג צום פאָטער דוויד, וואָס זאָגט אויף זיך: „ואני איש רש ונקלה" (שמואל א' (ח, 24) און שמואל אויף אים — הלא יום קטן אתה בעיניך (שמואל א' ט"ו, 17), וואָס האָט זיך אויף דער עלטער נישט אָפּגעהיטן פאַר זיין זון אבישלום און שפּעטער פאַרן צווייטן זון, אבישלומס יינגערן ברודער אדניה.

17 גייסט צו גאָט אין הויז אריין,
זע, אויף דיינע פיס געאַכט! 22)
און ליבער פיל־געהאָרזאַם זיין
אַלס ווי נאַרן פיל געשלאַכט!
דען עס ווייסן נישט די לייט
ווי אַ זינד ווערט גוט געמאַכט *)! 23)

---

22) איינפאַך — ריין צו האַלטן.
*) צו מאַכן גוט אַ שלעכטע זאַך!
23) „עשה" איז טון, אויך פאַרבעסערן, פאַרגיטיקן (כה יעשה לי האלהים) און אויך — רייניקן (ואת הבקר אשר יעשה אַברהם)...

ה.

1 און פאַר גאָט דאָס מויל באוואַכט! *)
און נישט פאַרכאַפּט זיך אין די רייד!
גאָט איז אין הימל, דו — אויף דר'ערד,
דאַרום פאַר גאָט קיין רייד געמערט!

2 דען קומט דער טרוים מיט פילערליי, —
אַזוי דער נאַר מיט פּלוידעריי!

3 און האָסטו אַ געליבּע געמאַכט,
נישט געצעגערט, אָפּגעבראַכט!
דען מען האָט קיין נאַרן ליב, —
וואָס דו האָסט פאַרשפּראָכן — גיב!

4 שוין פיל ליבער נישט פאַרשפּראָכן!
אַלס געזאָגט און וואָרט געבראָכן!

5 און אַ זינדיק וואָרט פאַרמייד:
זאָג נישט דעם, וואָס קומט דערמאַנען,
דאָס מען האָט דיך שלעכט פאַרשטאַנען,
עס וועט דער מעכטיקער הערן די רייד,
און ער זאָל בייז צאָרנדיק ווערן,
און דיין האַנטווערק דיר צעשטערן!

6 און ווער ס'איז פיל *) מיט טרוימעריי,
שווערמעריי, געניאַרעריי,
דער אויך די פילע ווערטער האָט, —
ליבער זיך געפאָרכט פאַר גאָט!

---

*) און פאַר גאָט דיין מויל — באוואַך!
*) און איז ווער פול.

7 און זעסטו רויב אין לאַנד פאַרשפּרייט,
דער אָרעמאַן ווערט אויסגענוצט
פון רעכט באַרויבט די שוואַכע לייט
און פון יעדן גערעכטיקייט!
נישט וואונדער זיך, דאָס ווערט געשיצט
פון דעם, וואָס הויך און העכער זיצט,
און וואָס נאָך איבער זיי געשטעלט!

8 און אין יעדן פאַך, די ערד
איז איבער אַלעם; איך אַ קעניג
איז דעם אַקער אונטערטעניק!

9 ווער זילבער ליבט, זילבער זאַט נישט ווערט!
און די מענגע ליבן האָט קיין ציל!

10 דען דאָס גוטע וואַקסט צומאָל,
נישט מינדער וואַקסט די עסער־צאָל!
נאָר די אויגן זעען פיל!

11 און זיס — דער שלאָף פון אַרבעטס־לייט,
ווייניק אָדער פיל פאַרצערט, —
און דעם רייכנס שלאָף צעשטערט
די זעטיקייט!

12 איז נאָך פאַראַן אַ בייזע לייד.
וואָס ד אָאונטער דער זון געשיט
צום באַזיצערס שווער געמיט
ווערט אַ רייכטום צוגעגרייט!

14 אַ שלעכט געשעפט און נאָך אַ צייט,
און דאָס רייכטום גייט פאַרלוירן,
און אים ווערט אַ זון געבוירן
איז שוין דערפון אַלעם בלויז!

15 און ווי פון מוטערס־לייב אַרויס
גייט ער צוריק, ווי ר'איז געקומען!

און פון דער מי, וואָס ער דאָ טרייבט,
אין דער האַנט אים גאָרנישט בלייבט,
און האָט גאָרנישט מיטגענומען!
און דאָס איז זי אויך די בייזע ליד,
דאָס אַ מאַן קומט און — פאַרשווינדט!

16 און וואָס דערלעבט ער איבער דער צייט
וואָס אויפן ווינט ער האָט זיך געמיט? *)
געגעסן אין אַ פינצטערקייט,
אין זאָרג און פּיין, **) און צאָרן!

17 און עס איז מיר נאָך קלאָרער געוואָרן,
דאָס דעם מענטשנס איינציק פאַרמעג
איז עסן און טרינקען און גוטס זיך טון
פאַר זיין גאַנץ באַמיען זיך אונטער דער זון,
אין די געציילטע לעבנס־טעג,
פון מעכטיקן, וואָס איז אים געגעבן, —
דאָס איז זיין איינציק טייל אין לעבן!

18 און ווענען ער גיטער און רייכטום באַשערט,
און דערפון צו עסן אים נישט פאַרווערט,
און ס'מיט זיך דער מאַן מיט לוסטיקייט,
און האָט זיין טייל זיך אָפּגענומען
פון מעכטיקנס לייטזעליקייט
האָט ער אַ געשאַנק באַקומען!
און טראַכט אויך נישט אין זיין לעבנס־צייט,
דען דער מעכטיקער האָט אים פאַרנומען
מיט האַרציקער פרייד!

---

*) וואָס ר'האָט געמיט זיך אויפן ווינט.
**) און אין זאָרג, אין פּיין.

ו.

1 און נאָך אַ בייזע לייד דערקענט,
וואָס ווערט אונטער דער זון געשיקט
אויף אַ מענטש און שווער אים דריקט!

2 ווערט אַ מאַן פון גאָט געגענט
רייכטום, גיטער און אויך ערן,
און ער קען זיך לייכט באַשערן
וואָס אַ האַרץ קען באַגערן,
נאָר פון דעם, וואָס ער פאַרמאָגט
אים צו עסן איז פאַרזאָגט!
עס איז אַ פרעמדן צוגעגרייט, —
אויך אַ נישטיק בייזע לייד!

3 ווען הונדערט זין דער מאַן געבערט
און ער לעבט אַ לאַנגע צייט,
און וואָס די יאָרן־צאָל איז גרעסער
און נישט געווען פון גוטן געהאַט
און קיין באַגרעבעניש געהאַט, —
זאָג איך, דעם מפּיל־קינד איז בעסער!

4 ער קומט דער מאַן אין נישטיקייט
און — צו פינצטערניש געווענדט!
זיין נאָמען דעקט די פינצטערקייט.

5 קיין זון געזען און נישט געקענט, —
פיל שוין ליבער דעם אַבאָרט.

6 און העט ער טויזנט יאָר געלעבט,
טאָפּלט, — און קיין גוטס דערלעבט, —
גייט דאָך אַלץ צום זעלבן אָרט!

7 די גאַנצע מי איז פאַר דער קעל,
און נישט זאט ווערט אויך די זעל, —

8 וואָס איז דעם קלוגסטן מער געגעבן?
און דעם אָרעמאַן, וואָס טויג,
וואָס ער קליגט זיך קעגן לעבן? 24)

9 ליבער, וואָס עס זעט דאָס אויג,
אַלס דער קלוגער שנעלן־גאַנג, —
אויך אַ נישטיק ווינט־געפאַנג!

10 און וואָס געקומען — 25)
אָנגערופן איז זיין נאָמען
און ער אַלס מענטש באַקאַנט!
און דער מענטש איז נישט אימשטאַנד
מיטן שטאַרקן צו שטרייטן!
און די מענטשן האָבן רייד.

11 רייד ,וואָס מערן נאַרישקייטן,
וואָס פאַרן מענטש עס איז געשייט?

12 און ווער קען אים ריכטיק ראָטן,
וואָס פאַר אים איז גוט אין לעבן,
און די טעג, וואָס דורכצושוועבן
אים באַשערט איז, ווי אַ שאָטן!
און קיינער וועט אים נאָכריכט געבן,
וואָס נאָך אים עס וועט זיך טון
אונטער דער זון!

---

24) הלך — נײַן — אַרויסטרעטן; ידע להלך — וויסן אַרויס־צוטרעטן; הלך נפש — דער געדאַנקענגאַנג; דערפון שפּעטער הלכה, כגנד החיים — קעגן דער ווירקלעכקייט — פאַנטאַזירן. אויף דער שטעל — וועגן העכערע צילן פון מענטש אין שפּעטערן לעבן. ער האַלט עס פאַר נישט ריכטיק: „עסן און טרינקען זאָל דער מאַן, דער מענטש מיט זיך פאַר דער קעל״.

25) דאָס ניי־געבוירענע מענטשן־קינד.

ז.

1 ליבער אַ נאָמען 26) אַלס גוטע איילן,
און פון געבורט דער טאָג פון טויט!

2 און ליבער אין הויז פון טרויער צו איילן
אַלס אין טרינקער־הויז צו ווײלן
דען אַלעס ענדיקט מיטן טויט
נעמט זיך דער, וואָס לעבט, צום האַרץ!

3 און ליבער אומעט אַלס געלעכטער!
דען דאָס אַנגעזיכט ווערט שלעכטער,
און געבעסערט ווערט דאָס האַרץ!

4 אין הויז פון טרויער ס'קלונגט געדאַנק;
צום טרינקער־הויז דעם נאַרס פאַרלאַנג!

5 און בעסער פון קלוגן — אַן אָנגעשריי,
איידער פון נאַרן צו הערן געזאַנג!

6 דען איינערליי:
צי קנאַקן דערנער אונטער אַ טאָפּ,
אָדער עס זינגט אַ נאַרישער קאָפּ!

7 און נישט*) איז דאָס אַלץ מיטאַנאַנד
דעם קליגסטן מאַן צעמישט דער רויב
און מאַכט דאָס בעסטע האַרץ27) צו שאַנד!

---

26) אַ גוטן, איבערגעלאָזט.
*) און נישטיק.
27) לב מתנה — פון גאָט געשענקט.

8 און נישט אין אָנהייב די זאַכן לויב,
וואַרט נאָר, וואָס צו ענד געשיט!
און בעסער לאַנג־ אַלס הויך־געמיט!

9 און לייכט אין צאָרן ברעך נישט אויס;
צאָרן רוט אין נאַרן־שויס!

10 און נישט געזאָגט אויך: וואָס באַדייט,
בעסער געווען דאָך פריער די צייט?

11 נישט אויס קלוגשאַפט טוסט עס פרעגן!
גוט איז וויסן, ווען פאַרמעגן!

12 דערהויפּט פאַר די, וואָס זון געניסן 28)
אין טאָפּלטן שאָטן 29) פון זילבער און וויסן!
דער פאָרצוג פון וויסן: די וויסנשאַפט
גיט איר באַזיצער לעבנס־קראַפט!

13 און דאָס ווערק פון גאָט נעם ווי ס'איז.
וואָס פון אים איז קרום אַרויס, —
דו גלייכסט נישט אויס!

14 האָסטו העלע טעג, געניס!
און נעם פאַר ליב
אויך די צייטן וואָס זענען טריב!
דען עס זענען ביידערליי צייטן
פון גאָט געמאַכט און טוט זיי בייטן,

28) דאָס וויל־געמיטיקסטע פאַרן אָריענטאַלישן מענטש צו זיצן אין שאָטן אונטער אַ דאַך פון אַן אָפענער געביידע און צו זען און צו געניסן די זון. „ראה" האָט דעם באַגריף פון געניסן; „ראה חיים" — געניסן דאָס לעבן; „ראה שמש" — געניסן די זון — פיין און רואיק לעבן; די שטילקייט וואָס איז בעסער פון פיל מאַטערניש און ווינט־געיעג (ד, 5). אונטער דעם אויפדאַך ווערן אויפגענומען געסט: „אחרי כי באת בצל קורתי"; דער שאָטן אונטערן דאַך איז דער שוץ וואָס ווערט געגעבן.
29) שוץ (זע פריער 28).

דאָס הינטער אים דאָס מענטשן־קינד
קיין שפּור געפינט! 30)

15 און האָבן האָב איך אַלץ שוין געזען
אין מיין נישטיקער לעבנס־צייט!
דעם גערעכטן — אונטערגיין
און צוליב גערעכטיקייט!
און דאַקעגן — אויפגערעכט
דעם שלעכטן אין זיין שלעכטיקייט!

16 זיי נישט צו קלוג, נישט צו גערעכט, 31)
נאָך וואָס זאָלסטו זיך פאַרדאַרבן?

17 און ווילסטו פאַר דער צייט נישט שטאַרבן,
נישט צו דום און נישט צו שלעכט!

18 אָן דעם זיך האַלט און יענץ נעם מיט,
ווער גאָט זיך פאָרכט גייט דורך די מיט!

19 און דער מאַן, וואָס קלוגשאַפט באַזיצט 32)
ווערט פון זיין קלוגשאַפט בעסער געשיצט
אַלס פון שילדן־טרעגער צען, 33)
וואָס זענען דאָ אין שטאָט געווען!

30) גליין עמעץ גייט אָפּ און פאַרשווינדט, פאַרניכטנדיק נאָך זיך יעדן צייכן. עס איז גאָט נישט צו זען, נאָך אים קיין צייכן צו געפינען און נישט נאָר די צוקונפט איז פאַרשטעלט (דער ווייס קיינמאָל נישט, וואָס נאָך אים וועט זיין, און געשיט וואָס, קומט קיינער נישט אַראָפּ צו די טויטע זיי אָנצוזאָגן), נאָר אויך די פאַרגאַנגענהייט: די אַלטע צייכן ווערן פאַרגעסן. גאָט האָט אַזוי זיין ווערק געמאַכט, מען זאָל עס נישט דערקענען פון אָנהייב ביז צו ענד (ג׳, 11) און צוואַר דאַרום, מען זאָל זיך פאָרכטען פאַר גאָט (דאָרטן, 14). אַלזאָ ווערט גאָט נישט געזען אין זיין אָנקומען (די צוקונפט) און נישט אין זיין אַפּגיין (די פאַרגאַנגענהייט). פון איין משה ווערט דערציילט, דאָס ער האָט געזען גאָט פון הינטן; די צוקונפט איז פאַר אים אויך פאַרבאָרגן געווען.

31) קעניג־פּאָליטיק.

32) פון זיך גערעדט.

33) באַצייט זיך אויף אַ געשעעניש.

20 און קיינער אין לאנד איז לויטער גערעכט,
וואָס זאָל נישט האָבן קיין פעלער געמאַכט...

21 און אויף זייערע רייד נישט אַכט!
הער נישט, אויב דיך שילט דיין קנעכט...

22 ווען אין גערעכעניש געזוכט, —
האָסטו אַנדערע אויך געפלוכט!

— — — — — — — — — — —

23 אויסגעפאָרשט דאָס אַלעס קלוג
און געמיינט, איך וויים גענוג, —
און עס איז נאָך ווייט פון מיר,

24 און נאָך ווייטער פיל אַלס פריער,
און — אין אַ טיפעניש פאַרשטעקט,
דאָס עס קיינער נישט אַנטפּלעקט...

25 כ'האָב אַלץ אַרום געפאָרשט גענוג:
וואָס איז באַרעכנקייט און קלוג
און וואָס איז נאַריש ווילד און בייז?

26 און אָט דאָס איינע, וואָס איך וויים:
שלימער אַלס דער טויט דאָס ווייב!
זי האָט נעצן און פאַלן אין לייב,
און ווי מיט שטריק בינדן די הענט,
אַנטרינט נאָר דער, וואָס פאָרכט זיך פאַר גאָט,
דער זינדיקער קיין רעטונג האָט!

27 קוהלת זאָגט: מי פאַרשווענדט 34)
די גרויסע ווייבער־צאָל דערקענט
איינס אים איינס געפאָרשט גענוי,
און נאָך געזוכט, — קיין רעכטס פאַראַן!

34) פון טעקסט זענען אַרויסגעלאָזט איניקע ווערטער.

28 צווישן טויזנטער — געפין איך א מאַן,
צווישן די אַלע — קיין איינציקע פרוי!

29 און אויסער דעם, וואָס איך נאָך געפין
גאָט דעם מענטש האָט גראָד געמאַכט 35), —
און זיי האָבן פיל אין זין,
רעכנשאַפטן פיל געמאַכט 36)!

---

35) לעבן, עסן, טרינקען און געניסן.
36) אידעען וועגן צוקונפטיקן לעבן, אויסגעטראַכט פון די וואָס קענען דאָס לעבן נישט געניסן און גייען דאַרום קעגן דער ווירקלעכקייט (ו׳, 7 און 8).

ח.

1 צו דעם קלוגן 37) ווער זיך גלייכט?
און אין געריכט
ווער צום זאַך־באַשייד דערגרייכט?
מענטשן־קענגערשאַפט באַלייכט
זיין אָנגעזיכט,
זיין אָנבליק צייכנט אויס די מאַכט!

2 ראָט איך, קעניגס מויל געהיט!
און וועגן שוווּר ביי גאָט געטראַכט! 38)

3 ווענדסט זיך אָפּ, — געציילט די טריט!
און צו קיין בייז זיך צוגעשטעלט;
דער קעניג טוט, וואָס אים געפעלט!

4 דעם קעניגס וואָרט איז רעגימענט!
ער טוט, פון קיינעם אָפּגעווענדט!

5 און דער מאַן, וואָס היט געבאָט 39)
פאַר קיין בייז צו פאַרכטן האָט!

6 ווייל צייט און רעכט דער קלוגער היט!
און ריכטיק צו דער צייט פאַרגעלטיקט
ווערט יעדע זאַך, ווייל איבערוועלטיקט
פון בייזן איז דעם מענטשנס געמיט!

---

37) גערעדט פון זיך, פון „החכם מכל אדם”.
38) דוויד, איבערגעבנדיק שלומהן דאָס קעניגרייך, האָט פאַר־זאַמלט דאָס פאָלק און האָט געהייסן צו שווערן שלומהן, וואָס דאָס פאָלק האָט אויך געטון.
39) פון קעניג.

7 ווייל וואָס קומען וועט דער מענטש נישט ווייסט
און קומט עס, קיינער מאכט באקאַנט!

8 עס באהערשט קיין מענטש דעם גייסט,
איז אים צווינגען נישט אימשטאַנד!
אין טאָג פון טויט דאָך העלפט קיין מאַכט,
און קיין געשיקטקייט אין דער שלאַכט,
דאָס בייזע העלפט נישט צום אַנטרינען!

9 דאָס אַלעס האָב איך אויסגעפונען, —
דען כ'האָב געפאָרשט און דורכגעטראַכט
וואָס נאָר געשען איז אונטער דער זון,
צייט דעם צווייטן שלעכטס צו טון
עס האָט זיך באַנוצט דער מענטש מיט מאַכט!

10 און וואָרהאַפּטיק דאָס איך האָב געזען,
זינדיקע לייט, באַהאַלטן געווען[40]
און — געקומען!
און פון אַ הייליק אָרט געוואַנדלט,[41]
און אין שטאָט זיך איבערגענומען,
דאָס זיי האָבן רעכט געהאַנדלט!
אויך אַן אומגערעכטיקייט!

11 ווייל נאָך דער זינד נישט צו דער צייט
דער שטראָף־באַשייד ווערט אויסגעפירט,
ווערט דאָס האַרץ פון מענטש פאַרפירט
צו אַלדעס בייז! ווייל מען זעט,
דאָס הונדערט זינד אַ מאַן באַגערט
און עס ווערט אים פּראָלאָנגירט!

12 אויבוווייל איך ווייס, דאָס (גוט?) וועט זיין
דעם גאָטספאָרכטיקן אַליין
וואָס טוט ערפילן זיין געבאָט

40) קבר — באַהאַלטן, וואַרשיינלעך אין דער ערד באַהאַלטן.
41) פון „קרנות המיזבח” אָדער פּיליוכט 'עיר מקלט”, וואָס זיי זענען געשיצט געווען פאַרן אויספירן די שטראָף. שלומה האָט נישט געקוקט דערויף (זע מלכים א ב', 28).

13 און נישט גוט דעם מאַן פון זינד,
וואָס ווי אַ שאָטן ער פאַרשווינדט,
ווייל ער קיין לאַנג לעבן האָט,
ווייל ער פאָרכט זיך נישט פאַר גאָט!

14 איז אַ נישטיקייט פאַראַן,
וואָס ווערט געמאַכט דאָ אויף דער ערד,
וואָס דעם גערעכטן איז באַשערט
אָפּט דער לוין פון בייזן מאַן!
און וואָס דעם גוטן צוגעהערט
דאָס באַקומט דער בייזער מאַן!
זאָג איך: אויך אַ נישטיקייט

15 און די פרייד געלויבט זאָל זיין!
דען קיין בעסערס האָט צו טון
דאָס מענטשן־קינד אונטער דער זון,
נאָר עסן, טרינקען און לוסטיק זיין!
און זאָל עס זיין אויך זיין באַגלייט
איבער זיין נישטיק מיאיקער צייט,
וואָס אונטער דער זון באַקומען ער האָט
געשענקט פון גאָט!

16 איך האָב דערויף מיין האַרץ געווענדט,
איך זאָל האָבן די קלוגשאַפט דערקענט,
צו וויסן, וואָס טוט זיך דאָס אויף דער ערד,
וואָס שלאָפן נישט לאָזט טאָג אַזוי נאַכט!

17 און ס'גאַנצע ווערק פון גאָט באַטראַכט,
און איינגעזען —
דאָס עס וועט קיין מענטש דערגיין,
וואָס אונטער דער זון עס ווערט געמאַכט
און זאָל ער מיען און זוכן, ער וועט נישט געפינען
וואָס עס שטעקט דערינען!
און מיינען צו געפינען דער קלוגסטער מאַן, —
עס איז קיין מעגלעכקייט פאַראַן!

ט.

1 דען איך האָב דאָס אַלעס צום האַרצן גענומען!
און ס'איז פון דעם אַלעם אַרויסצובאַקומען,
דאָס װען איך קלוג און װען גערעכט,
אַזוי זיי, ווי זייערע קנעכט —
זענען ביי גאָט אין דער האַנט!
איך נישט באַגרייפט דעם מענטשנס פאַרשטאַנד
נישט זיין האַסן, נישט זיין ליבן!
אַלס פון פאַר אים — פאָרגעשריבן!

2 און אַן ענד פאַר אַלץ מיטאַנאַנד:
פאַרן גערעכטן און נישט גערעכטן,
און װער אומריין איז און ריין,
און צי געאָפּפּערט װערט צי ניין,
און פאַרן גוטן און פאַרן שלעכטן!
און צי שווערט דער מאַן צי נישט!
איין צופאַל אַלע דערווישט!

3 און דאָס איז דאָס שלימסטע אונטער דער זון
פון אַלעם, וואָס װערט דאָ אָפּגעטון,
דאָס פאַר אַלע די זעלבע גאָב!
און דער מענטש אין זיין לעבנס־צייט
איז פול בייז און צעלאָזנקייט,
און צו די טויטע אַראָפּ! 42)

4 דען װעמען מען זאָגט נאָך: בלייב!
האָט נאָך צו האָפן אַ גרונט!

---

42) די אונטערוועלט: בור, דומה א. אַנדערש — (ז. ישעיה י"ד, פון 9 און ווייטער) און אין תהילים: נישט די טויטע לויבן גאָט און נישט די יורדי דומה (קט"ו 71).

דען בעסער אַלס דעם טויטן לייב,
איז דעם לעבעדיקן הונט!

5 ווייסט דאָך פון טויט דער וואָס לעבט,
פון אַלעם וויסן אויסגעוועבט
איז דער טויטער שוין!
און נישט פאַראַן פאַר אים קיין לוין,
עס ווערט זיין נאָמען נישט געוועקט!

6 און מיט אים צוזאַמען — אויסגעמעקט
זיין ליבשאַפט, האַס און נייד!
און אויף אייביקער צייט
דער טויטער מאַן זיין טייל פאַרלירט
אין דעם, וואָס אונטער דער זון פּאַסירט!

7 גיי 43), עס דיין ברויט מיט פרייד!
ווילגעמיט דיין ווין געניס!
פון גאָט דיין ווערק געוויליקט איז!

8 און שטענדיק ווייס זאָל זיין דיין קלייד!
און נישט געקאַרגט צום קאָפּ דאָס אייל!

9 און זע אַ לעבן אויף דער וועלט
מיט דעם ווייב, וואָס דיר געפעלט!
דאָס איז אונטער דער זון דיין טייל,
וואָס איז דיר, אין דעם נישטיק לעבן,
פאַר דיין פליים און מי געגעבן!

10 און וואָס דו קענסט, זיך צוגעשאַנצט,
צו וואָס נאָר עס געניגט דיין קראַפט!
דען אין גרוב, וווהין דו שפּאַנסט —
קיין וויסן און קיין רעכנשאַפט,
קיין קלוגהייט און קיין ווערק!

---

43) צו זיך געווענדט.

11 וואָס נאָך איך אונטער דער זון באַמערק,
דאָס נישט דער פלינקער נעמט ס׳געיעג,
נישט דער העלד די שלאַכט געווינט!
אַ קלוגער מאַן און הונגער־טעג,
און פאַרשטאַנד בלייבט אָן פאַרמעג,
און אין די אויגן נישט געפינט
דער ווויסנדער לייטזעליקייט!
דען צייט און צופאַל מיט אַלעם רעגירט!
און קיינער קען וויסן, ווען עס פאַסירט.

12 עס זעט קיין מענטש פאַרויס זיין צייט!
און ווי די פיש אין נעצן פאַרכאַפּט
ווי פייגל אין דער פויגל־פאַנג, —
אַזוי ווערט אויך דער מענטש דערטאַפּט,
פּלוצלינג קומט זיין אונטערגאַנג!

13 האָב איך אונטער דער זון געזען 44)
אַ קלוגע זאַך און שאַץ נישט גרינג.

14 איז אַ קליינע שטאָט געווען
און פון מאַנשאַפט האָט זי ווייניק
און זי באַפאַלט אַ גרויסער קעניג
און בויט אַרום דער שטאָט אַ רינג

15 פון הויכע טורמען. איז דערינען
גראָדע אין דער שטאָט פאַראַן
אַ נויטבאַדערפטיק קלוגער מאַן,
און ער האָט אַ ראָט געפונען
און די מאַנשאַפט איז אַנטרונען —
קיינער דאָך באַהאַלט אין זינען
און געדענקט דעם אָרעמאַן!

---

44) זעלבסטפאַרטיידיקונג, פאַרוואָס ער פירט נישט קיין קריג און זעט אַלץ דורכצופירן מיט קלוגשאַפט (פּאָליטישע מיטלען), ווי דאָס נעמען אַלס פרויען די טעכטער פון די אַרומיקע קעניגע

16 און איך האָב געזאָגט דעריבער;
קלוגשאפט ליבער
אַלס העלדישקייט!
דעם אָרעמאַנס פאַרשטענדיקייט
ווערט פאַראַכט!
און קיינער אַכט
אויף זיינע רייד!

17 און ליבער איז, וואָס קלוגע לייט
ריידן אין דער שטיל,
אַלס דאָס געבריל
וואָס דער נאַרן־הערשער *) מאַכט!

18 און בעסער קלוגשאפט אָן אַ שלאַכט!
און ס'איז איין זינדיקער אימשטאַנד
צו מאַכן פיל פון גוטן צו שאַנד!

*) באַהערשער.

י. 45)

1 אַ טויטע פליג צו שאַנדן מאַכט
דעם ווירצנס אייל, און יערט זי אויף;
אַ קלוגער מאַן איז אויך געאַכט, —
ס׳ביסל דומהייט קוועלט אַרויף 46)!

2 דעם קלוגנס האַרץ — זיין רעכטער האַנט,
דער לינקער האַנט באַפעלט דער נאַר 47)!

3 און אויך אין וועג און אָן פאַרשטאַנד
מאַכט ער אַלעמען באַקאַנט,
אַז ר׳איז אַ נאַר!

4 האָסט דיין קעניג אויפגעבראַכט
פון אַנטרינען נישט געטראַכט;
אויסגעהאַלטן, מאַכסטו לינד
די שווערסטע זינד!

5 אונטער דער זון אַ בייז דערקענט!
גלייך אַן אירטום פון רעגענט! 48) *)

6 ווערט דער נאַר הויכגעשעצט;
דער רייכער מאַן 49) — אַראָפּגעזעצט!

---

45) באַטראַכטונגען וועגן זיין דינערשאַפט, הויפּליט און זיינע דיספּאַטאַנטן, וואָס גייען (קעגן לעבן) — קעגן דערווירקלעכקייט; און קעגן הויף-אינטריגן.

46) „יקר" — דער עתיד פון „קור". —

47) דער נאַר איז לינקיש אָדער געלינקט.

48) גאָט געמיינט.

*) (מאַכט) ן אירטום דער רעגענט.

49) רייך אין פאַרידנסטן — דער פירשט.

EDUCATIONAL ALLIANCE
LIBRARY
DENVER, COLORADO

7 האָב איך רייטן *) קנעכט געזען,
ווי די פערשטן אויף די פערד!
און דאקעגן — פערשטן גייען
ווי די קנעכט **) צו פוס אויף דר'ערד ***)!

8 ווער עס אונטערגראָבט, דער פאַלט אַליין
אין געמאַכטן גרוב אַריין.
און פון שלאַנגען ווערט געביסן
ווער אין צוים זיך איינגעריסן!

9 ווער שטיינער רוקט, אויף שטיינער פאַלט,
און האָלץ ווער ס'שפּאַלט
באַקומט מיט א שייט!

10 און אז שטומפיק איז דאָס אייזן
און עס שאַרפט קיין שנייד צומאָל
און קרעפטיקט זיך אן איבעריק מאָל
אָלץ זיין קלוגשאַפט צו באווייזן!

11 אָן א קלאַנג:
בייסט די שלאַנג, —
וואָס די מער מיט צונגמאַן?

12 מיט פיינע רייד דער קלוגער קוויקט,
זיך אַליין מיט רייד פאַרשטריקט
נארישמאַן!

13 אין אָנהייב — דום, צו ענד — געמיין
און ווילד־פאַרשייט!

*) רייטן האָב איך.
**) גלייך ווי קנעכט.
***) רייטן די קנעכט
ווי הערן אויף פערד;
און הערן ווי קנעכט —
צו פוס אויף דער ערד!

14 און ס'האָט דער נאַר אַזוי פיל רייד!
און וואָס שפּעטער עס וועט זיין
ווייסט קיין מענטש און אים פאַרציילט
קיינער, וואָס נאָך אים געשעט.

15 און דער נאַר זיך מיט און קוועלט,
און ווייס אַליין נישט ווו ער גייט!

16 נישט צום באַנײדן איז דאָס לאַנד
פון יונגן קעניגס לייכטער האַנט[50]
רעגירט,
ווו ביים אַדל־שטאַנד
ווערט באַגינען טיש געפירט!

17 ווויל דעם לאַנד, ווו עס שאַפט
דער פרייער קעניג. צו דער צייט
עסן זיינע אַדל־לייט
און צוליב באַקומען קראַפט
און נישט בלויז צום טרינקען!

18 אין פוילקייט וועט דער באַלקן זינקען;
און ביי אָפּגעלאָזטע הענט
רעגנט פון די ווענט!

19 צוליב געלעכטער ווערט געטישט!
דער וויין דאָס לעבן דערפרישט!
מיט זילבער אַלץ פאַרענטפערט ווערט!

20 און אויך אין געהיים ביי זיך
קיין קעניג פליך!
קיין רייכן שעלט אין שלאָף־געמאַך!
דען פויגל פון הימל הערט
און פליגלמאַן צעטראָגט די זאַך.

50) זאָל דאָס זיין הדר?

יא.

1 איבערן וואַסער דיין ברויט צעשפּרייט,
דו וועסט עס געפינען איבער דער צייט!

2 און זיבן און אַכט מייל דיין ברויט, —
וואָס אויפן לאַנד עס קומט פאַר אַ נויט,
קענסטו נישט וויסן!
ווערט דער וואָלקן פול מיט רעגן
אויף דער ערד וועט ער גיסן!
און פאַלט אַ בוים, נישט געלעגן

3 אין אַסט צי נאָרד, —
בלייבט ער דאָרט!

4 עס זייעט נישט ווער ווינטן היט 51),
וואָלקן־קוקער זעט קיין שניט!

5 ווי דו ווייסט נישט דעם גייסט־באַטרייב
צווישן די ביינער אין פולן לייב 52),
דאָס זעלבע ביסטו נישט אימשטאַנד
אין ווערק פון גאָט קלאָר צו ווערן,
וואָס ער האָט און וועט באַשערן,
אַלץ מיטאַנאַנד!

6 און באַגינען דיין זאָמען שפּרייט,
נישט אָפּגעלאָזט אויף אָוונט־צייט 53)!

---

51) די ווינטן וואָס ברענגען רעגן.
52) אויסערן בלוט, וואָס איז דאָס לעבן (כי הדם הוא הנפש), ווייסט מען שוין דאָן פון דעם אָטעם (דער גייסט), וואָס באַוועגט זיך אין פולער טראַכט און באַוועגט דעם מענטש.
53) דער אַלטער מאַן דאַרף אויך נישט רוען.

דו ווייסט דען, וועלכע בעסער איז?
מעגלעך, דאָס די בײדע טויגן!

7 און ווי דאָס ליכט איז זיס!
און ווי די זון איז גוט פאַר ד'אויגן!

8 און דער מענטש, מען זאָל אים שענקען
יאָרן אומצײיליקע רײען, —
מיט אַלע וועט ער זיך פרייען,
אויך די טריבע טעג געדענקען, —
נישט ווייניק האָט זיי דאָס מענטשן־קינד
און אַלץ וואָס קומט — פאַרשווינדט!

9 פריי דיך, יונגע, מיט דיין יוגנטשאַפט!
און גענים דיין יוגנט־קראַפט
און לויט דיין אויג דיין לעבן לענק,
און אין וועג פון האַרץ געגאַנגען
נאָר דער מעכטיקער, געדענק!
וועט רעכנשאַפט אויף אַלץ פאַרלאַנגען!

10 און לאָז נישט צו קיין בייז צום האַרץ
און וויט פון לייב די זאָרגן האַלט!
דען יוגנטשאַפט און לאָקן־שוואַרץ
פאַרשווונדן *) באַלד!

---

*) פאַרשווינדן.

יב.

1 און דיין באַשעפער אין זיכרון
האָב יונגערהייט!
איידער עס קומט די שלעכטע צייט,
איידער עס דערגרייכן די יאָרן,
וואָס דו טוסט שוין נישט באַגערן!

2 איידער די זון וועט פינצטער ווערן 54) ·
און דאָס ליכט, מאָנד און שטערן
און צוריקקערן
די וואָלקן נאָכן רעגן 55)!

3 ווען זיך וואַקלען די וועכטער פון הויז 56)
און די קריגסלייט קרומען זיך אויס 57)!
און די מילנער 58) קיין אַרבעט דערוועגן.
די קליינע צאָל געניגט נישט מער
און פאַרשוואַרצט די שפּאַלטן־זעער 59)!

4 און ביידע טירן 60) פון מאַרק 61) געשפּערט!
קוים *) ס׳גערויש פון מאָלן געהערט 62)!
צום פויגל־פּיפּץ זיך אויפגעשטערקט 63)!

---

54) די אויגן ווערן פאַרדאַרבן
55) פאַר געזינטערע אויגן ווערט ליכטיקער נאָכן רעגן.
56) די פאָרנטיקע ציין.
57) די זייטיקע ציין, וואָס שנײַדן.
58) די באַקציין.
59) די וואָרצלען און די צאָן־לעכער.
60) דער אונטערדאַרם און דער אָרגאַן פאַר אורין.
61) דער אונטערלייב.
*) ס׳ווערט קוים.
62) שלעכט פאַרדייען.
63) דער אַלטער מאַן שטעלט זיך אויף און שטרענגט זיך אָן ביים רײדן און לאָזט נאָר אַרויס אַ דינעם קלאַנג אַ ווייל.

די זיננערלעך — טיף פארשטעקט 64)
און וואָס עס איז נאָך העכער שרעקט 65) *)
. . . . **)

5 און די מאַנדל 66) — אָפּגעבליט,
דער היישעריק 67) געבויגן מיד!
די קאַפּער־בעער 68), די העלפט שוין ניט!
עס גייט דער מענטש צום אייביקן הויז
און עס קומען די קלאָגער אַרויס
אין מאַרק אַרום, זאַמלען זיך גרייט!

6 און איידער זיך קניפּט די זילבערנע קייט 69)
און איידער די גאָלדענע קויל צעפּליט
און עס פּלאַצט דער קרוג ביים קוואַלן,
ס׳ראָד אין ברונען אַריינגעפאַלן!

7 און דער שטויב ווערט צוריקגעקערט
ווו ר׳איז געוועזן — צו דער ערד!
און צוריק טוט שוועבן
דער גייסט פון גאָט, וואָס האָט׳ם געגעבן!

8 און אַלץ — קוהלת זאָגט — אין אייטלקייט,
אייטל נישטיקייט!

---

64) די שטוב־זייטן זענען אַראָפּגעלאָזט.
65) שוואַכע פּיס.
*) און וואָס נאָך העכער שרעקט.
**) און לעבער פול אויף יעדן שריט.
66) דאָס איי.
67) דאָס מענער־גליד.
68) מענער־קראַפט.
69) די צעשטערונג פון מענטש פאַרגלייכן צו אַ צעשטערונג פון אַ ציסטערנע.

שפּעטערע צושריפט

9 און אויסער דעם וואָס דער זאַמלער איז אַ קלוגער געווען,
האָט ער נאָך דאָס פאָלק דערקענטעניש געלערנט,
און פאַרפאַסט און געפאָרשט און רעדיגירט
פיל גלייכענישן.

10 געזוכט האָט דער זאַמלער צו געפינען זאַכן
פון ווערט, ערלעך פאַרצייכנטע ווערטער וואָרע.

11 די רייד פון קלוגע לייט זענען ווי שטאַכעטן
און אַריינגעזעצטע פלעקער, די מענער פון
פאַרזאַמלונגען, פון איין שעפער געגעבן.

12 און מער פאַר זיי, זיי געוואָרנט, מיין זון,
פון פילן ביכער־מאַכן; פיל גערייד מאַכט
מיד דעם לייב.

13 און צו ענד — שוין אַלץ געהערט! פאָרכט זיך
פאַר גאָט, היט זיין געבאָט, דערויף איז
דער גאַנצער מענטש.

14 ווייל יעדעם ווערק פירט גאָט רעכנשאַפט
איבערן פאַרהוילענעם, איבער גוט און בייז.

הויפּט־וואַריאַנט

א.

1.

1 * די רייד פון קוהלת
דעם זון דווידס,
* קעניג אין ירושלים.

2 דום — זאָגט קוהלת, דום!
אַלץ אַרום
איז אייטל נישטיקייט,
נאָר פאַרגענגלעכקייט.

3 מיט זיך דער מענטש אונטער דער זון, —
וואָס האָט ער דערפון? 1)

4 עס גייט אַ געשלעכט, —
עס קומט אַ געשלעכט, —
שטייען שטייט אייביק די ערד!

5 די זון איז אויפגעגאַנגען;
די זון איז אונטערגעגאַנגען,
גישט אויפגעהערט,
שטרעבט זי צוריק צום זעלביקן אָרט
און שיינט פון דאָרט
אויפ'ם ניי!

6 גייט קיין נאָרד,
קערט קיין זיד, —
עס קרייזלט פאַרביי

דער ווינט אין זיינע געיעגן, —
אויף די זעלבע געקרייזלטע וועגן
קערט ער צוריק!

7 עס יאָגן ,עס איילן
צום מעער די פלאָסן;
* נישט פול דאָס מעער קיין אויגנבליק!
קיין רגע פאַרווײַלן, —
ווו אַריינגעגאָסן,
פון דאָרט פליסט מען צוריק! 2)

8 און אַלץ פאַרהאַוועט, נישט צום פאַרציילן!
און דאָס אויג ווערט נישט זאַט פון זען.

9 און דאָך ווערן
וועט נאָר דאָס,
וואָס איז שוין געווען,
געשען — וואָס שוין לאַנג געשען.
ס'איז אונטער דער זון קיין ניי'ס פאַראַן!

10 עס זאָגט אַמאָל אַ מאַן:
אָט, אַ נייע זאַך!
געווען! שוין פאַר יאָרן און יאָרן אַ סך,
און פאַרשוואונדן אָן אַ צייכן!

2.

11 אויך אונדזער געדעכעניש וועט בלייבן:
נישט דערגרייכן,
נישט דערלאַנגען
די שפּעטערע צייטן!
און אויך יענע וועלן גיין פון דאַנען,
און די וואָס וועלן יענע פאַרבייטן,
וועלן ז י י נישט דערמאַנען...3)

12 * איך — קוהלת — בין געווען קעניג!
אונטערטעניק
איז ישראל מיר געווען 4)!

13 און האָב געפאָרשט 5) און נאָכגעשפּירט
אַלץ, וואָס א ו נ ט ע ר ד ע ר ז ו ן פּאַסירט, —
כ׳וויל אַלץ וויסן און פאַרשטיין!
דאָס אומגליקלעכע 6) באַשטרעבן,
וואָס גאָט האָט איינגעגעבן
אין האַרץ פון מענטשן־קינד,
אים צו באַשעפטיקן דערמיט! 7)

14 אַלץ, וואָס אונטער דער זון געשיט,
איז דום, אייטל יאָגעניש נאָך ווינט, 8)
עס איז דאָ גאָרנישט צו דערגרייכן!

15 דען די אַלע 9) זאַכן
זענען קרום נישט אויסצוגלייכן.
פעל, נישט בעסער צו מאַכן. 10)

3.

16 איך האָב אין האַרץ ביי מיר געטראַכט:
איך ווייס מער און קען מער,
איך האָב עס ווייטער געבראַכט,
ווי אַלע, וואָס זענען ביז אַהער
אין ירושלים דאָ געווען.

17 נון מעכט
איך וויסן און דערגיין,
וואָס ווילד איז, וואָס שלעכט,
וואָס קלוג און געשייט...
אויך אַ נאַריש־נאַרישקייט,
וואָס מער קענען, אַלץ מער לייד,
וואָס מער וויסן, מער פאַרדרוס... 11)

ב.

1 געפרוווט גענוס,
לוסטבארקייט;
ס'האט מיין הארץ מיך נישט געשטילט! 12)

2 צו פארווײַלונג זאג איך: ווילד! 13)
און פרעג ביי דער פרייד:
וואס איז די מער?

. . . .

3 טראכט איך און קלער:
איך וועל באדן זיך אין ווײַן,
איך אליין
בין קלוג און וויל נאריש געניסן;
ביז איך וועל זיך נישט דערוויסן,
וואס פארן מענטש איז גוט אונטער דער זון...
ווי ער זאל זיך פירן, וואס ער זאל טון
אין זיין קורצער לעבנס-צייט, וואס אים איז באשערט 14).

4 האב איך מיינע ווערק געמערט,
זיך מיט זיי ארומגעשאנצט:
* הייזער געבויט, ווייַנבערג געפלאנצט,

5 * גערטנער און סעדער, און אויסגעזוכט
און ביימער געפלאנצט פון יעדער פרוכט.

6 * ציסטערנען געבויט וואסער צו לענקען.
* דעם ביימער-שפראציקן וואלד צו טרענקען.

7 און איינגעהאנדלט קנעכט
פון ביידערליי געשלעכט,
און געמערט מיין הויז-געזינד!
און הערטן פיל, און שאף און רינד, —
פיל, פיל מער

אַלס אַלע, וואָס זענען ביז אַהער
* אין ירושלים געווען פאַר מיר.

8 און געזאַמלט זילבער אַן און גאָלד,
אַלץ, וואָס קאָסטבאַרקייט און ציר, 15)
שאַצן פון קעניג און לאַנד
אַלץ, וואָס מענטשן האָבן האָלט,
זינגער, קונצנמאַכער אַלערהאַנט,
צום צייטפאַרטרייב, —
מאַן און ווייב!

9 און אַלע איבערגעשטיגן
וואָס זענען דאָ געווען ביז דאַנען!
מיין וויסן איז מיר בייגעשטאַנען,
און זאָג זיך נישט אָפּ פון קיין פאַרגעניגן.

10 עס ווערט באַשערט 16),
וואָס נאָר דאָס אויג באַגערט
און דאָס האַרץ געליסט.
זאָל דען זיין מיין מי אומזיסט?
דאָס איז דאָך מיין גאַנצער פּראָפיט 17!

11 און שטעל זיך אָפּ און באַטראַכט
מיינע ווערק, וואָס כ'האָב מיט מיינע הענט געמאַכט, —
אומזיסט זיך געמיט,
ווינט געיאָגט און ווינט געשאַפט 18, —
אונטער דער זון האָט גאָרנישט קיין האַפט.

12 (נישטאָ אין הויפט־וואַריאַנט).

13 קלוג און דום — דער אונטערשייד 19)
ווי צווישן ליכט און פינצטערקייט!

14 דאָס אויג אין קאָפּ, — דער קלוגער זעט
אין פינצטערניש דער דומער גייט!
דאָס איז קלאָר!

אָבער ס'איז נישט מינדער וואָר:
פאַראַן איין טראַף פאַר אַלע גליַיך!
עס ווערט קיינער נישט געשווינט!

15 איך בין קלוג און וויסנריַיך
און ענדיק מיטן נאַר צוגליַיך.
וואָס האָט דאָס וויסן מיר געלוינט?
און איך טראַכט אין האַרץ דערום:
וויסן איז נישט מינדער דום!

16 וויַיל ס'איז אין באַשטענדיקייט
קיין גערעכעניש פאַראַן...
קוים פאַרעלטערט זיך די ציַיט,
— אַ קלוגער מאַן, אַ דומער מאַן, —
זינקט מען אין פאַרגעסנקייט!
ס'איז קיין אויסנאַם נישט פאַראַן... (20
ס'שטאַרבט דער קלוגער ווי דער נאַר, —
דאָס איז שלעכט.

17 פאַרהאַס דאָס לעבן דערפאַר,
וויַיל עס פירט זיך דאָ נישט רעכט.
וואָס אונטער דער זון עס ווערט געשפּינט —
איז דום און יאָגעניש נאָך ווינט! (21

18 און אויף דער מי הייבט אָן פאַרדריסן,
אויסגעקליגט, צונויפגענומען,
און נאָך מיר וועט דאָ עמעץ קומען,
וועט מיין האָב און גוטס געניסן
און זיין דערויף דער אויבערהאַר! *

19 און וואָס וועט ער — ווער קאָן וויסן? — *
זיין אַ קלוגער, צי אַ נאַר? *

20 דאָס איז דום! און ס'קערט זיך אָפּ
פון פליים מיין האַרץ, פון האָב און גאָב

21 פון אונטער דער זון! קוים געשיט,
דאָס אַ קלוגער זיך באַמיט
מיט פעיקייטן
און מיט וויסן, און פאַרשטאַנד,
צו פאַראַרבן עס אַ צווייטן,
וואָס קומט, גאָר אָן מי צום גרייטן,
וואָס האָט נישט צוגעלייגט קיין האַנט, —
דאָס איז דום, דאָס איז בייז!

22 און וואָס האָט ער געהאַט פון פלייס
אונטער דער זון? וואָס פאַר אַ גענוס
פון דעם, וואָס ס'האַרץ האָט אויסגעטראַכט?
פאַרגאַנגען די טעג מיט שמערץ און פאַרדרוס,
נישט גערוט דאָס האַרץ ביינאַכט — —
אָט דאָס איז דאָס נאַרישקייט!

23 ווייל איז דעם, וואָס טרינקט און עסט,
און געניסט זיין מי מיט פרייד, —
אָבער נישט פאַרגעסט:
דאָס אַלץ ביי גאָט אין דער האַנט!

24 דען ווער22) איז אויסער מיר אימשטאַנד
צו פאַרצערן, צו געניסן?
דעם, וואָס אים געפעלט, גיט ער פאַרשטאַנד
און קלוגשאַפט און פרייד!
דעם זינדיקן באַשעפטיקט ער
מיט קלויבן צונויף און זאַמלען, וואָס מער23)
צו פאַראַרבן ד ע ם , וואָס געפעליקט
אין זיינע אויגן געפינט...
איז דאָס אַלץ נאָר אייטלקייט
און אַ יאָגעניש נאָך ווינט!

ג.

4.

1 אַלץ איז טערמינירט!
אַלץ, וואָס אונטערן הימל פּאַסירט,
האָט זיין צייט!

2 צו געבוירן צייט, צו שטאַרבן צייט!
זעצן און אויסצורייסן פּלאַנצן!

3 און ווען געהיילט ווערט, און ווען געטייט,
אויף ברעכן צייט און אויף בויען צייט,

4 אויף וויינען, ווי לאַכן; אויף קלאָגן און טאַנצן.

5 שטיינער צו צעוואַרפן און צונויפצופירן.
און ווען זיך געהאַלדזט, און ווען אָפּגעווענדט. —

6 און צייט אויף זוכן, צייט צום פאַרלירן.
ווען עס ווערט געקאַרגט און ווען — פאַרשווענדט.

7 און צערייסן און צונויפגענייט,
* און אויף שווייגן און אויף רייד;

8 אויף ליבן און אויף האַסן צייט,
און אויף פרידן און אויף שטרייט!

9 און דער טוער וואָס האָט
פון זיין פלייס און באַשטרעבן?

10 דאָס האָט נאָר גאָט
דעם מענטשן געגעבן

11 אַלס באַשעפטיקונג 24), און אין דער צייט
אַליין אַלץ פיין און פעסטגעשטעלט
און אין האַרץ אריין געגעב'ן אַ וועלט,

נאָר אָן דער מעגלעכקייט
זיין ווערק צו געפינען
און צו האָבן דערקענט
פון באַגינען
ביז צו ענד...

12 דאָס איינציקע, וואָס קאָן באַפרידיקונג געבן:
לאָזן זיך ווילגיין, גוטס טון אין לעבן 25).

13 דאָס איז דער מענטש! שפייז און געטראַנק,
און גאָטס געשאַנק —
דערביי דאָס ביסל פרייד!

14 דען גאָטס ווערק איז אויף אייביקייט,
נישט צו מינדערן, נישט צו מערן!
און ער וויל, מען זאָל אים ערן
און שרעק איז זיין פאַרלאַנג!

5.

15 וואָס געווען, — איז פאַראַן!
וואָס גרייט זיך קומען — לאַנג געווען!
זוכט גאָט דעם געיאָגטן מאַן?

16 אונטער דער זון האָב איך געזען,
ווו רעכט דאַרף צו שפּרעכן,
רעגירט פאַרברעכן;
אויפן אָרט פון גערעכטיקייט —
שלעכטיקייט!

17 טראַכט איך: דעם גערעכטן,
ווי דעם אומגערעכטן,
אויף ס'ניי וועט גאָט ערשט רעכטן
און אָנטשיידן וועט זיין וואָרט
דאָרט,
ווו אויף אַלעם קומט אַ צייט

18 מענטשן - גערייד... 26)
גאָט האָט זיי אויסגעשיידט,
פאַר זיי אַן אויסנאַם געמאַכט,
און נענטער באַטראַכט —
דאָס זעלבע פּי...

19 ס'טרעפט דאָס זעלבע יענע, ווי די,
איין טויט פאַר מענטש און טיר,
דער זעלבער דאַכט
ווערט אויסגעפּאַכט!
און איך טראַכט אין האַרץ ביי מיר
פון מענטש ביז טיר קיין אונטערשייד,
דאָס איינציקע וואָרט
איז אייטלקייט!

20 און אַלץ גייט צום זעלבן אָרט!
פון שטויב גענומען
און צום שטויב צוריקגעקומען!

21 און ווער קאַווירט און ווייסט,
דאָס דער מענטשלעכער גייסט
צו דער הייך געהויבן ווערט
און פון פי דער גייסט
נידערט צו דער ערד?!

22 זע איך איין:
עס בלייבט דעם מענטש נישט מיין,
ווי זיין ווערק מיט פרייד צו געניסן!
דאָס איז זיין טייל.
דערוויייל, —
ער וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן,
וואָס נאָך אים וועט זיין!

ד.

6 *).

1 און אויפסניי,
ווי דאָ ווערט געפירט:
דאָס רויבעריי,
וואָס אונטער דער זון פּאַסירט,

באַטראַכט —
צוואַנג און אויבערמאַכט;
און טרערן רינען, —
טרערן פון געשמעלטע,
וואָס ווען קיין טרייסט געפינען;
פון אונטערדריקטע און געקוועלטע,
קיין באַפרייאונג פון צוואַנג,
* קיין דערבאַרמונג אין דער נויט —

2 און איך טראַכט, —
בעסער די, וואָס זענען לאַנג,
לאַנג שוין טויט,
איידער, די וואָס זענען נאָך אין גאַנג.
זעען די פּיין און די ליידן!

3 און בעסער פאַר ביידן —
די וואָס זענען נאָך דאָ נישט געווען,
און אונטער דער זון נישט געזען
אַלדאָס בייז!

4 און דאָס שטרעבן, און דער פליים,
דאָס פאַרברענגען אין מי די טעג
איז נייערט די פרוכט
פון אייפערזוכט,
וואָס איינער דעם צווייטן באַניידט!

---

*) שרעק און איינזאַמקייט פון אַלטן קעניג..

5 און דער נאַר, אויס נייד,
די הענט פאַרפרעסט
און פרעסט
זיך אויף זיין אייגן לייב!

6 בעסער לוסט א ווייל און צייט־פאַרטרייב,
אַלס יאָרן אין געיעג, אין גערודער!

7 איז אונטערן זון נאָך דומערס פאַראַן:

8 לעבט אַן איינזאַמער מאַן,
אָן אַ צווייטן, אָן אַ זון, אָן אַ ברודער, —
אים דאָס זאַמלען נאָך וואָס טויג?
און ס'ווערט נישט זאַט זיין גליסטיק אויג, —
און איך וואָס לעב אין פאַרדרוס,
און זאָג מיך אָפּ פון יעדן גענוס
און מי זיך, — פאַר וועמען?
אַ נאַריש און שלעכט באַנעמען!

9 פיל שוין בעסער אין צווייען *)
די מי לוינט און קאָן געדייען:

10 איינער העלפט, ווען דער צווייטער פאַלט!
איינער אליין, — קיין הילף פון קיינעם!

11 וואַרעם — ליגן צוויי איניינעם,
איינעם אַליין איז קאַלט!

12 אין צווייען, אויב עמעץ באַפאַלט,
ווערט לייכטער געפאָכטן...
* און אַ זייל, אין דרייען געפלאָכטן,
* רייסט זיך נישט געשווינד!

13 שוין בעסער דעם אָרעמסטן קינד **)

---

*) אין פרידן צוזאַמען געלעבט.
**) ווען אַ קינד אין בונד.

* אַלס דעם אַלטן קעניג, דעם נאַר,
וואָס קאָן זיך שוין נישט היטן מער!

14 פון געפענגעניש ***) קומט ער אהער
רעגירן... דער קעניגלעכער האַר,
(וואָס האָט זיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן)
איז אויך אָרעם געבוירן!

15 און אונטער דער זון זע איך די שאַר,
די נייע לעבעדיקע רייען,
וואָס באַגלייטן
דעם צווייטן —
דעם שטעלפאַרטרעטער — דאָס קינד!

16 אַ פאָלק אָן אַ צאָל
געוועזן דאָס זעלבע ביי יענעם אַמאָל 27)
און זיי מיט אים וועלן זיך אויך נישט פרייען!
אַ נאַרישע יאָגעניש נאָך ווינט 28)

7 *).

17 קומסט צו גאָט אין הויז אריין,
היט
דיינע טריט.
און באַווייז דיין פרום געמיט.
ענדער מיט געהאָרזאַם זיין,
אַלס פאַר נאַרן אָפּפער שלאַכטן **):
ז'ווייסן פון קיין בייז צו טראַכטן! ***) 29).

**) אין הויף (אין טעקסט געדרוקט אין וואַרשעווער „פרוינט", איז נישט אָנגעוויזן, על-פי־טעות, צו וועלכן אָרט די דאָזיקע באַמערקונג באַציט זיך.—רעד.

***) אָריענטאַליש: טראַנספּאָלגער אין טורמע.

*) פרום און אַלט־קעניג־פּאָליטיק.

**) פליויש דעם פאָלק צו געבן.

***) נישט דאָס פאָלק איז דער פיינט פון אַלטן קעניג, נאַר, ווי פריער דערמאָנט, זיינס אַ קינד אין געפענגעניש.

ה.

1 און מיט דער צונג נישט איבעראיילט!
פאַר גאָט קיין ווערטער נישט געמערט!
דו ביסט אויף דר'ערד
און דער גאָט אין הימל ווילט! 30)

2 מישט אויס דער טרוים איין אַלערליי,
* אזוי דער נאַר מיט פּלוידעריי! 31)

3 און האָסט צומאָל
גאָט וואָס צוגעזאָגט — באַצאָל!

4 דען שוין ליבער נישט פאַרשפּראָכן,
* אַלס געזאָגט און וואָרט געבראָכן!

5 פאַרזינדיק נישט מיט רייד דיין לייב;
ערלעך בלייב!
און זאָג נישט דעם, וואָס קומט דערמאַנען,
אַז מע האָט דיך שלעכט פאַרשטאַנען...
זאָל גאָט אויף דיר נישט צאָרניק ווערן
* און דיין האַנט־ווערק דיר צעשטערן!

6 פאַר גאָט זיך פאַרכט, אָן טרוימעריי,
גענאַרעריי און פּלוידעריי...
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

7 הערשט אין לאַנד נאַר רויבעריי,
אונטערדריקט — דער אָרעמאַן,
קיין גערעכטיקייט פאַראַן, —
זיכער זיי:
אַז דאָס אומרעכט ווערט געשיצט
* פון דעם, וואָס הויך און העכער זיצט,
און פון העכערס איבער זיי! *) 32)

*) די אָנמאַכט פון אַלטן קעניג קעגן זיין באַאמטנשאַפט.

8 אַם־געשיידסטן אויפן לאַנד!**)
אויך דער קעניג
איז דעם אַקער אונטערטעניק...
אַ שפּייזערן די ערד! 33)

9 ווער זיך זילבער מערט,
פון זילבער זאַט נישט ווערט...
און ווער עס ליבט און זיך פאַרשאַפט
די מענגע דינערשאַפט
האָט 34) דערפון קיין נוץ! 35)

10 עס וואַקסט דאָס גוטס,
דאָס גוטס ווערט גרעסער; 36)
אויך — די צאָל פון זיינע עסער

11 *און זיס — דער שלאָף פון א ר ב ע ט ס ־ מ אַ ן ,
ווייניקער צי מער פאַרצערט;
דאָס זאַטקייט פונעם ר יי כ ן מאַן
זיין שלאָף צעשטערט.

8.

12 און נאָך אַ קרענקונג אַ בייז דערקענט,
וואָס דאָ אונטער דער זון זיך טרעפט:
אויף אַ צייט
צו זיין לייד
ווערט איינעם רייכטום געגענט...

13 און דערנאָך, אין אַ שלעכט געשעפט,
גייט דאָס גאַנצע רייכטום פאַרלוירן, —
*און אים ווערט אַ זון געבוירן,
איז שוין דער מיט ליידיקע הענט!

14 ווי פון 37) מוטער־לייב אַרויס,
גייט ער נאַקעט און בלויס

**) בענקשאַפט צום לענדלעכן שטיל־לעבן און זעלבסטבאַשעפ־
טיקונג.

אהין, פון וואנען געקומען;
פון זיין מי אים גארנישט בלייבט,
פון זיין האנטווערק, וואס ער טרייבט,
אויפן ווינט זיך געמיט,
אן צוועק און ציל...

15 דאס מאכט א שלעכט און בייז געמיט:
קיינמאל גארנישט צו דערלאנגען,
ווי געקומען, ווי געגאנגען...

16 * און געהאט — פארדרוס אזוי פיל 38),
די טעג אין דער פינצטער פארצערט,
אין קראנקייט... און צארן...

9.

17 איז מיר נאך קלארער געווארן,
אז א ווערט
אין דער קורצער לעבנס-צייט,
וואס איז אונדז פון גאט באשערט,
האט נאר עסן, טרינקען און ס'ביסל פרייד
פון באמיען זיך און שטרעבן;
דאס איז אונדזער טייל אין לעבן...

18 און האט וועמען גאט געגעבן
רייכטום און גיטער און באקרעפטיקט
פריידיק פון זיין מי צו צערן, —
דער האט
פון גאט
א געשאנק א גרויס באקומען!
ר'וועט אין זיין לעבן ווייניק וואס קלערן!

19 נאט האט אים באשעפטיקט,
מיט הארציקער פרייד פארנומען! 39)

*) די ציפער פון די פסוקים עלף-זעכצן גייען אין אנטגילטיקן טעקסט געמישט נאך דער ארדענונג.—רעד.

ו.

.10

1 איז אָבער אַ בייז פאַראַן
אונטער דער זון, וואָס טרעפט אַזוי שווער:

2 גיט גאָט אַ מאַן
רייכטום, גיטער און ער'
און קיין זעלן־באַגער,
דאַרף ער זיך נישט ווערן...
האָט אים אָבער גאָט קיין האַרץ נישט געגעבן,
צו געניסן פון לעבן,
פון זיין גוטס צו צערן...
און גאָטס געשענק
אַ מאַן אַ פרעמדער פאַרצערט!
אַ נאַריש־בייזע קרענק! (40

3 און ווען ער הונדערט זין געבערט
און לעבט לאַנג, די גרעסטע לענג,
און וואָס דאָס פאַרמעגן גרעסער,
ווייניקער — די זעלע זאַט,
* און קיין באַגרעבעניש געהאַט, —
איך דענק:
דעם פעל־געבורט שוין בעסער!

4 אין פינצטערניש געקומען, אין פינצטערניש געעקט,
זיין נאָמען פאַרדעקט
די זעלבע נאַכט... (41

5 די זון נישט געזען, פון זון נישט געטראַכט... (42
אַלץ בעסער דעם אַבאָרט!

6 אַלס יענעם, וואָס ווערט פון גוטס נישט געוואָר.
און ווען טויזנט יאָר

ער לעבט, און צווייִ,
איינערלייִ!
עס גייט דאָך אַלץ צום זעלבן אָרט!

.11

7 דעם מענטשנס מי איז פאַר דער קעל,
ווייסט אויך די זעל
פון קיין „געגוג”... 43)

8 און ס'איז קיין פּאָרצוג נישט פאַראַן —
אַלץ איינס: דום, צי קלוג... 44)
און לעבנס־קענטעניש וואָס טויג
דעם אָרעמאַן!

9 בעסער, וואָס עס זעט דאָס אויג,
אַלס דער קלינסטער זעלן־גאַנג...

.12

און דום איז אַלץ און ווינט ־ געפאַנג!

10 און וואָס געווען, איז באַקאַנט 45
אָנגערופן שוין זיין נאָמען!
מענטשן־זאָמען!
* און דער מענטש איז נישט אימשטאַנד
מיט אויבער־מאַכט צו פירן שטרייט...
ער האָט רייד! 46)

11 און וואָס מער רייד, מער נישטיקייט...
וואָס האָט ער מער? 47)

12 און קאָן דען ווער
זאָגן אויף געווים,
וואָס פאַרן מענטש אין לעבן בעסער איז,
אין זיין נישטיקער יאָרן־צאָל,
וואָס ער פּאַסירט נאָך, ווי דער שאָטן... 48)

און וועט דען וועמען ויען געראָטן
צו האָבן אַן אנונג דערפֿון,
וואָס נאָך אים אונטער דער זון
וועט זיין אַמאָל?

ז.

13.

1 * ליבער א נאָמען, אַלס גוטע אייל,
אַלס פֿון געבורט — דער טאָג פֿון טויט...

2 און ענדער אין הויז פֿון טרויער צו ווייל,
אַלס צום הויז פֿון טרינקער צו אייל,
* דען אַלעם ענדיקט מיטן טויט... 49)
* נעמט זיך דער, וואָס לעבט, צום האַרץ.

3 און איידער געלעכטער, בעסער שמאַרץ.
וואָס ערגער ס'געזיכט 50), בעסער דאָס האַרץ.

4 * אין הויז 51) פֿון טרויער — דעם קלוגס געדאַנק
* צום טרינקער־הויז — דעם נאַרס פֿאַרלאַנג...

5 בעסער פֿון קלוגן אַן אָנגעשריי,
אַלס פֿון נאַרן צו הערן געזאַנג.

6 דערנער קנאַקן פֿון אונטערן טאָפּ,
אַזוי דאָס ליד פֿון נאַרישן קאָפּ... 52)

14.

7 און אַלץ איז דום, דען רויבעריי
אויך דעם קלוגסטן מאַן פֿאַרפֿירט
און א געשענק, ווי אָפּט פּאַסירט,
אויך דאָס בעסטע האַרץ פֿאַרבלענדט...53)

8 פארן אָנהייב בעסער דאָס ענד,
און האַלט דיך בעסער קליין, אַלס גרויס,

9 און זיי צו צאָרן נישט איבעראיילט,
האָב לאַנג געמיט; דען צאָרן ווייַלט
אין נאַרן־שויס... 54)

.15

10 און זאָג נישט: אַמאָל איז בעסער געווען...
און — פאַרוואָס זענען בעסער געווען
פאַרגאַנגענע טעג?

11 זיי קלוג, נישט פרעג!
גוט איז וויסן מיט פאַרמעג

12 און דערהויפּט פאַר זונען־זעער...
ווערט אָבער געקלערט:
פאַרמעג אָדער וויסן?
וויסן איז מער,
וויסן דערנערט! 55)

13 און זע גאָטס ווערק צו געניסן,
דען איז פון זיין האַנט עפּעס קרום אַרויס,
צו גלייכן אויס
איז שוין קיינער נישט אימשטאַנד! 56)

.16

14 האָסט גוטע טעג, לעב אין גענוס,
לעב איבער שלעכטע אָן פאַרדרוס.
די גוטע צייט, די שלעכטע צייט, —
איינס קעגן צווייטן האָט גאָט געמאַכט,
דאָס דער מענטש זיך נישט דערטראַכט,
און זאָל נישט געפינען קיין באַשייד
ווען צוועק און ציל... 57)

.17

15 און געזען האָב איך פיל
אין מיין קורצער, נישטיקער צייט...
גייט אַמאָל צו גרונט דער גערעכטער
אין זיין גערעכטיקייט,
און לאַנג לעבט דער שלעכטער
אין זיין שלעכטיקייט!

16 ווילסט דיין לעבן נישט פאַרדאַרבן,
* זיי נישט צו קלוג, נישט צו גערעכט!

17 און נישט צו דום, נישט צו שלעכט,
אויב דו ווילסט נישט שטאַרבן
פאַר דיין צייט...

18—20 נישטאָ אין הויפּטוואַריאַנט—רעד. 58).

.18

21 צום האַרץ נישט גענומען קיין מענטשן-גערייד
און שעלט דיך דיין קנעכט—הער נישט צומאָל! 59)

22 וואָלסטו בעסער אין האַרץ געזוכט 60)
און דערמאָנט זיך, וויפל מאָל
דו האָסט אַנדערע געפלוכט!

.19

23 דאָס אַלץ געפּרוווט, געזוכט באַשייד,
געמיינט, כ'וועל עפּעס דערגיין —
עס איז ווייט פון מיר, נאָך ווייט,

24 נאָך ווייטער, ווי געווען!
און אַזוי טיף און פאַרבאָרגן,
נישט היינט און נישט מאָרגן
ארויסצובאַקומען! 61)

20.

25 איך האָב מיר צום האַרצן גענומען
צו שטודירן;
נאָכצופאָרשן, נאָכצושפּירן
אַלץ, איך זאָל דערינען
פּלאַץ און רעכנשאַפט געפינען... 62)
און צו דערגיין אַזוי אַרום,
וואָס בייז און נאַריש איז און ווילד און דום...

26 און אָט וואָס איך ווייס געניי:
ערגער אַלס דער טויט איז די פרוי!
אין האַרץ שלינגען געשטעלט,
אַ פאַל־שטריק זי אַליין!
נוער גאָט געפעלט,
דער ווערט אַנטרונען...
דער זינדיקער פאַלט אַריין!

27 דאָס, זאָגט קוהלת, האָב איך אויסגעפונען,
אויספּרווונדיק איינע נאָך דער צווייטער —
קיין איינציקע געשייטער!

28 צווישן טויזנט מאַן
איז איינער אַ רעכטער פאַראַן...
קיין פרוי קיין איינציקע געפונען!

— — — — — — — — — — —

29 און נאָך צו וואָס איך האָב זיך דערטראַכט:
איינפאַך האָט גאָט דעם מענטשן געמאַכט
און זיי — טויזנטער פּלענער שפּינען!

ח.

21.

1 * מיט דעם קלוגן *) ווער זיך גלייכט?
אין געריכט
דעם זאַך־באַשייד ווער טראָגט ארויס? **)
זיין אָנגעזיכט
* מענטשן־קענערשאַפט באַלייכט!
עס צייכנט זיך זיין אָנבליק אויס — ***)
מיט מוט! 63)

2 און איך ראָט:
אויף קעניגס מויל אויפגעפּאַסט ****)
ווי דו פאַר גאָט געשוואָרן האָסט!

3 און שטיל, אָן האַסט,
דיין אָרט פאַרלאָזט! 64)
צו קיין בייז זיך נישט געזעלט!
דען ער טוט, וואָס אים געפעלט!

4 * דעם קעניגס וואָרט איז רעגימענט!
* ער טוט, פון קיינעם אָפּגעווענדט!

5 און פאַר קיין בייז האָט קיין פאָרכט, —
ווער ס׳געהאָרכט!

---

*) כהחכם — מיט ה״א הידיעה — דער וועלט־באַרימטער חכם, „ויחכם מכל האדם״.

**) שלומה איז באַרימט אַלס ריכטער, וואָס דערגייט די וואַרהייט דורך וויציקע איינפאַלן.

***) ישנא — וישנה לטוב א. ד. ג.

****) געשטאַנען און אָפּגעוואַרט, וואָס ער וועט הייסן.

6 דען צייט און רעכט דער קלוגער היט *)!
קומט די צייט, ווערט אַלץ פאַרגעלטיקט 65)
ווייל פון בייזן איבערוועלטיקט
איז דאָס מענטשלעכע געמיט.

7 ווייל די פאָלגן ער נישט ווייסט;
קומט עס, טוט מען נישט צו ווייסן!

8 דאַרום באַהערשט ער נישט זיין גייסט **),
ער זאָל דעם גייסט אין זיך פאַרשליסן!
אין טאָג פון טויט, — העלפט קיין מאַכט!
קיין אָפּוועגדונג אין דער שלאַכט!
ס'העלפט קיין בייז נישט צום אַנטרינען.

9 אַט דאָס האָב אויך (איך? — רעד.) אויסגעפונען!
איך האָב געפאָרשט און נאָכגעשפּירט
וואָס אונטער דער זון עס פּאַסירט
פון זייט,
צו זיין לייד,
אַ מענטש איבער מענטשן רעגירט!

22

10 און וואָס נאָך איך האָב געזען
באַגראָבענע פאַרברעכער גייען
פריי אין שטאָט אַרום.
געקומען פון אַ הייליקער שטעל
און רימען זיך: האָבן דאָס און יענץ געטון!
דום!

11 און קומען קומט עס דערפון,
וואָס נישט אויף דער שטעל,
וואָס נישט אַזוי געשווינד

---

*) אַלץ האָט זיין צייט, ווען עס גליקט.
**) דעם בייזן ווילן.

ווערט נאָך דער זינד
דאָס אורטייל אויסגעפירט...
דאָס, וואָס מען זעט,
דאָס הונדערט זינד אַ מאָן באַגייט, —
און עס ווערט אים פּראָלאָנגירט, —
דאָס פאַרפירט.
און ערדרייסט ס'מענטשלעכע האַרץ אין זיי
צו אַלערליי
בייז. 66)

12 איך ווייס,
אַז גוט וועט זיין
נאָר דעם גאָט־פאָרכטיקן אַליין,
וואָס היט זיין געבאָט! 67)

18 און נישט לאַנג וועט געראָטן,
דאָס נישט לאַנג לעבט דער מענטש פון זינד,
דאָס ער ענדלעך פאַרשווינדט,
ווי דער שאָטן,
* ווייל ער פאָרכט זיך נישט פאַר גאָט 68).

14 שלעכט
איז אָבער דאָ אויף דער ערד,
אָפט איז אַ מאָן גערעכט
און ווערט ווי אַ זינדיקער באַלוינט
און פאַרקערט:
עס ווערט געשוינט
דער שלעכטער
און לעבט, ווי אַ גערעכטער 69).

15 דום. און פאַרן מאָן
איז אונטער דער זון פאַראַן
נ י ש ט מיין,
ווי דאָס ביסל פרייד:

עסן, טרינקען און לוסטיק זיין.
דאָס זאָל'ם...
אין... 70)*)
. . . . .71)

ט.

23.

1 דאָס אַלץ האָב איך צום האַרץ מיר גענומען,
און פון דעם אַלעם — ארויסבאַקומען,
דאָס (אויך — אויסג.) קלוג און גערעכט —
אַזוי די הערן ווי די קנעכט! —
זענען אַלע ביי גאָט אין דער האַנט!
אויך איבערן מענטשלעכן פאַרשטאַנד
איז זיין האַסן און זיין ליבן...
אַלץ פון פריער פאַרגעשריבן
איז אַלץ מיטאַנאַנד. 72)

2 און איין לאָז דערגרייכט
דעם גערעכטן ווי דעם אומגערעכטן,
אַלצאַיינס, אומריין און ריין.
* און צי געאָפּפערט ווערט צי ניין,
און דעם גוטן און דעם שלעכטן
און ווער עס איז צום שווערן לייכט
און ווער — פון שווערן אָפּגעהיט...
אַן אונטערשייד! 73)

3 פון אַלעם, וואָס אונטער דער זון פּאַסירט
די שלימסטע נייט!
און דאָס האַרץ פון מענטש איז פון בייז פאַרפירט
פול דאָס האַרץ צעלאָזנקייט
ביי דער גאַנצער לעבנס-צייט,
און דערנאָך — צום טויט! 74)

*) דאָ איז דער הויפּט-וואָר. אויסגעריסן ביז קאַפּ. ט. — רעד.

4 וועמען געזאָגט איז: בלייב!
האָפּט ביז דער לעצטער שטונד;
בעסער אַלס דעם טויטן לייב
איז דעם לעבעדיקן הונט... 75)

5 דער לעבעדיקער זעט זיין טויט פאָרויס,
דער טויט איז פון יעדן וויסן בלויז!
און קיין פאַרגעלטונג און קיין לוין
איז פאַרן טויטן נישט פאַראַן;
לאַנג פאַרגעסן שוין
איז דער טויטער מאַן.

6 און זיין ליבשאַפט, האַס און נייד —
פאַרגעסן מיט דער צייט!
אין דעם, וואָס אונטער דער זון געשיט,
נעמט שוין נישט קיין טייל דער טרויט!

7 גיי, עס מיט פרייד
דיין ברויט,
וווילגעמיט 76)
טרינק דיין וויין,
דען גאָט אַליין
האָט שוין לאַנג דיין טון געוויליקט!

8 * און שטענדיק ווייס זאָל זיין דיין קלייד!
און געביליקט
צום קאָפּ דעם אייל! 77)

9 און זע מיט דער פרוי, וואָס ליבסט, אַ לעבן!
איבער דער נישטיקער לעבנס-צייט,
וואָס איז דיר אונטער דער זון געגעבן...
דאָס איז דיין טייל
אין לעבן
אונטער דער זון פאַר דיין מיזעליקייט
און דיין גאַנץ באַשטרעבן! 78)

10 און וואָס צו טון דו ביסט אימשטאַנד,
וואָס עס דערגרייכט דיין האַנט
טו מיט אייגענער קראַפט,
דען דיין וויסן און קיין פאַרשטאַנד,
און קיין רעכנשאַפט
און שוין גאָר נישט פּאַסירט
אין גרוב, וווהין דו ווערסט געפירט!
דאָרט קען שוין גאָרנישט געשען...

.24

11 און נאָך אונטער דער זון געזען!
נישט דער פלינקער — דאָס געיעג
און נישט דער העלד די שלאַכט געווינט.
דער קלוגער אָפּט קיין ברויט געפינט
און דאָס רייכטום און פאַרמעג
זיך נישט מיט פאַרנונפט נעזעלט. —
נישט דער פאַרשטענדיקער געפעלט
און געפינט לייטזעליקייט,
איבער אַל' צופאַל און צייט. 79).

12 און קיינער וויס, ווען זיין צייט וועט קומען,
ווי די פיש אין אַ בייזער נעץ פאַרנומען,
ווי די פייגל אין די פאַלן...
און גלייך מיט זיי, אויף דער צוקונפט בלינד
צאַפּלט דאָס מענטשן־קינד, —
פון זיין אונטערגאַנג באַפאַלן 80)!

13 און אַ קלוגשאַפט אונטער דער זון געזען
(איך האַלט זי נישט פאַר גרינג!)

14 אַ שטאָט — אַ קליינע געווען,
מאַנשאַפט ווייניק...
באַפאַלט זי אַ גרויסער קעניג,
אַרומגענומען מיט טורעמען אַ רינג!

15 איז אין דער שטאָט פאראַן
א קלוגער נויטבאַדערפטיקער מאַן
און ער האָט א רעטונגס-מיטל געפונען.
* און די מאַנשאַפט איז אַנטרונען, —
און עס האָט קיינער נישט אין זינען
דעם אָרעמאַן —

16 איך טראַכט:
בעסער וויסן...
אָבער .. . *)

י.

.25

1 אַ טיוטע פליג אין ווירצערס טאָפּ
פאַרדאַרבט דעם אייל, יערט אים אויף. 81)
ער׳ און וויסן, ווען דומהייט א נאָפּ, —
קוועלט עס ארויף! 82)

2 זיין רעכטע האַנט
דעם קלוגנס האַרץ באַפעלט;
מיט דער לינקער זיך קוועלט
דער נאַר! 83)

3 און אויך אין וועג (ווי אָן פאַרשטאַנד!)
מאַכט ער אַלעמען באַקאַנט:
איך בין א נאַר! 34)

— — — — — — — — — — — —

4 האָסט אָנגעמאַכט דיין הערשער פאַרדראָס,
דיין פלאַץ נישט פאַרלאָז!
אויסגעהאַלטנקייט מאַכט לינד
די שווערסטע זינד!

---

*) דאָ איז דער מאַנוסקריפּט צעריסן, עס פעלט טעקסט ביז קאַפּ י.
— רעדאַקציע.

5 האָב איך אונטער דער זון אַ בייז דערקענט:
אַ פאַרזעען פון רעגענט!

6 הויך און העכער — דער נאַר געשעצט,
פאַרדינטע לייט — אַרונטערגעזעצט!

7 געזען האָב איך, קנעכט רייטן אויף פערד,
און הערן, גלייך קנעכט, צו פוס אויף דער ערד!

8 דער אונטערגראָבער פאַלט אָפט אַליין
אין געמאַכטן גרוב אַריין;
* ווער אין צוים זיך איינגעריסן, —
ווערט ער פון אַ שלאַנג געביסן!

9 ווער שטיינער רוקט, דער שלאָגט זיך אָן,
דעם האָלצהעקער פּלעט אַ שפּאָן!

11 און אויב שטיל, אָן קלאַנג
עס בייסט די שלאַנג
מיטן באַרעדער, וואָס איז די מער? 85)

10 * ס'אייזן שטומפּ, שאַרפט קיין שנייד
און מיט זיך, און אַרבעט שווער...
קלונשאַפט שטעקט און פאַרבאַרייט 86)

12 אַ קלוגער רעדט — ער האָט אַ חן,
אין די רייד טוט דער נאַר פאַרשטריקן, 87)

13 הייבט אָן דום, ענדיקט געמיין.
און רייד אַזוי פיל. 88)

14 קיין מענטש ווייס, וואָס דערפון וועט זיין,
וואָס עס טוט זיך אונטער זיין רוקן 89),
און פירט צו קיין ציל!

---

*) אין מאַנוסקריפּט קומט דער פּסוק 11 פאַר פּסוק צען. אין דעם ענדגילטיקן טעקסט זענען זיי אויסגעשטעלט אין דעם ריכטיקן סידר. — רעדאַקציע.

15 ניטאָ אין הויפּט־וואָר. — רעד. 90)

16 ווי דיר, לאַנד,
* פון יונגן קעניגס לייכטער האַנט
* רעגירט,
און באַגינען טיש געפירט
ווערט ביים עדלשטאַנד...

17 וואויל דיר, לאַנד!
ווו פעסט און פריי דער קעניג שאַפט;
צו דער צייט
עסן זיינע עדללייט
און צוליב קראַפט,
נישט צוליב טרינקען.

18 אין פוילקייט מוז דער באַלקן זינקען.
אָפּגעלאָזט די הענט, —
ווייגען די ווענט!

19 ניטאָ אין הויפּט־וואָר.

20 אין דער היים ביי זיך
אין שטילסטן אָרט
קיין קעניג פליך,
* קיין רייכן שילט אין שלאָפגעמאכט, (שלאָף־געמאַך?—רעד.)
דער פויגל פון הימל כאַפּט דאָס וואָרט,
פליגלמאַן צעטראָגט די זאַך 91).

יא.

1 ייִן פּאַרראַט איבער וואסער שפּרייט;
דו געפינסט עס מיט דער צייט...

2 אויף זיבן צי אַכט צעטייל דיין ברויט.
דען וואָס פאַר אַ נויט
עס קען קומען אויפן לאַנד,
איז דיר אומבאַקאַנט!

3 ווען רעגן־פּול אַ וואָלקן וואַרט,
ניסט ער אויף דער ערד;
און פאַלט אַ בוים, אָסט צי נאָרד,
ר'בלייבט שוין דאָרט!

4 זייעט נישט — ווער ווינטן היט;
* וואָלקן־קוקער, האָט קיין שניט.

5 דען גאָטס ווערק און וואָס ער מאַכט
דאָס ווייסט נישט קיינער,
ווי מען ווייסט נישט, צווישן ביינער,
דעם צוג פון ווינט אין פולער טראַכט;
ווערט קיין באַשייד דערויף געפונען!

6 זייע דיין זאָמען באַגינען
און לאָז נישט אָפּ צו אָוונט־צייט,
דען דו קענסט נישט ווייסן,
וועלכער עס געדייט.
און מעגלעך, דאָס ביידע טויגן 92).

7 און זיס איז דאָס ליכט; די זון צו געניסן
איז אַזוי גוט פאַר די אויגן 93).

8 זאָל צו מאָל
אַ מענטש לעבן יאָרן אויף יאָרן,
מיט אַלע וועט ער זיך פרייען; אין זכרון
וועלן אים בלייבן, נישט ווייניק אין צאָל,
... טעג...
... געקומען איז, נעמט זיין וועג... 94) *)

9 פריי דיך מיט דיין לעבנס־קראַפט **),
יונג לעבן!

---

*) דאָ איז דער מאַנוסקריפּט אויסגעריסן און עס פעלן ווערטער פון די אָנהייב שורות. — רעד.

**) דער פּ. 9 פאַרמאָגט נישט קיין גרונד־וואַריאַנט, נאָר באַשטייט בלויז פון וואַריאַנטן. מיר גיבן אין „הויפּט־וואַריאַנט" דעם לעצטן וואַריאַנט, וועלכער באַציט זיך אויפן גאַנצן פּסוק 9. — רעד.

דיין איז, ווי לאַנג יונג דו ביסט,
וואָס דיין אויג זעט, דיין געלוסט
און דיין געשענק.
נאָר געדענק 95)
דאָס גאָט 96) וועסטו געבן
אויף דעם אַלעם רעכנשאַפט 97).

10 ניטאָ אין הויפּט־וואָר. — רעד.

יב.

1 און באַשעפער געדענק יונגערהייט,
איידער ס'דערגרייכט שלעכטע צייט,
יאָרן, וואָס זענען ניט ליב,
וואָס איז דיר אין זיי נישט געלעגן. 98)

2 ווען די זון ווערט טריב
* און דאָס ליכט, מאָנד און שטערן,
און דער וואָלקן קומט צוריק נאָכן רעגן...99)

3 ווען פאַרצירט (פאַרצערט? פאַרציטערט? — רעד.) עס ווערן
די וועכטער פון דיין הויז,
די קריגער קרומען זיך אויס,
די מילנער, געמינער, בלייבן לידיק שטיין,
די קראַטן־קוקער הערן אויף צו זען, 100)

4 און פאַרשפּאַרט אַרום דעם גאַנג
דאָס גערויש פון מאָלן ווערט קוים געהערט.
אַ פויגל פּיפּצט, דער שלאָף געשטערט,
און דערנידערט די טעכטער פון געזאַנג,
געבויגן און בלייבט. 101)

און עס שרעקט די קלענסטע הייך,
שטרויכלונגס אויף גלייכן וועג.
דער מאַנדלבוים האָט אָפּגעבליט
און די שנעקע שלעפּט זיך...
און די קאַפּערבער...
עס גייט די... 102)
. . . . .103)

---

*) דאָ איז דער מאַנוסקריפּט צעריסן און עס פעלן די וויטערדיקע פּסוקים 6, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14 — ביזן סוף פון קוהלת, עס איז בלויז פאַראַן אַ וואַריאַנט אויפן פּ. 7, געפונען אויף אַ באַזונדער בלעטעלע. — רעד.

פֿאַרשידענע וואַריאַנטן

1 וואָס בלייבט אים דערפון?

2 פון דאָרט (קערט מען זיך אום — אויסגעמעקט).

3 קיין געדעכעניש ביי לייט
פאַר ערשטע ציטן. 1)
(און וואָס נאָך שפּעטער אונדז פאַרבייטן. — אויסג.)
און נאָך (שפּעטערע. — אויסג.) קומען און ווייכן
און נאָך שפּעטערע דערגרייכן
וועט זייער געדענקען אויך אַזוי ווייניק.

4 * איך קוהלת בין געווען קעניג 2)
אין ירושלים
* אונטערטעניק
* איז ישראל מיר געווען.

5 א. האָב איך קלוג (אַלץ. — אויסג.) געפּאָרשט
ב. און קלוג געפּאָרשט

6 אַן אומגליקלעכע באַשטרעבן.

7 צו באַשעפּטיקן דערמיט.

8 אַלץ, וואָס אונטערן הימל געשיט,
איז אייטל יאָגעניש נאָך ווינט.
(דען. — אויסג.) אַלע.

10 עס זענען אַלע זאַכן
נישט אויסצוגלייכן — קרום.
און פעל — נישט צו רעכט צו מאַכן.

---

1) (פאַר דער לאַנג פאַרשוווּנדענער) ציט.
2) איך — קוהלת — אין ירושלים קעניג.

א. (איך — אויסג.) מעכט
וויסן און דערגיין
וואָס ווילד איז (און — אויסג.) שלעכט.
ב. איך וויל דערגיין
וואָס שלעכט איז אין ווילד, קלוג און געשייט...
אויך אַ נאַרישקייט:
וואָס מער וויסן, אַלץ מער לייד.

12 (איך פּרווו. — אויסג.) גענוס
און לוסטבאַרקייט.
עס האָט מיין האַרץ זיך נישט געשטילט.

13 צום געלעכטער זאָג איך ווילד.

14 דאָך, איך קלער:

14 * איך וועל באָדן זיך אין וויין;
איך בין קלוג, אַליין
געניסן וועל איך נאַרישקייט!
ביז איך וועל נישט געפינען באַשייד,
וואָס גוט איז און וואָס געשייט
פאַרן מענטש־קינד אונטער דער זון, —

15 און (איך האָב מיר. — אויסג.) זילבער און גאָלד
(אָנגעזאַמלט, אויך. — אויסג.) אַלערהאַנט.

16 און (אויך. — אויסג.) נישט פאַרוויגערט (אויסג.) ווערט
17 פאַר מיין מי מיין איינציק טייל.

18 (אויף וועלכע איך האָב זיך אַזויפיל געמוט
און ס'איז דום, דום. — אויסג.)

19 (און אין באַטראַכט גענומען
וואָס דום איז און קלוג. — אויס.)

20 עס ווערט קיינער נישט געשוינט. — אויסג.

21 (דאָס אַלץ. — אויסג.), וואָס אונטער דער זון געשעט.
ווייל אַלץ איז. — אויסג) אַ נישטיק ווינט־געפאַנג.

22 ווער (נאָך. — אויסג.)

23 מיט זאַמלען און באַשטרעבן. — אויסג.

24 (עס האָט יעדע זאַך איר צייט!
אַלץ, וואָס אונטער דער זון פּאַסירט
האָט זיין צייט באַשערט.
אַ צייט — ווען מאַן געבערט
און אויך צו שטאַרבן צייט!
ווען אויסגעוואָרצלט און געפלאַנצט!
ווען ס'ווערט געטויט און ווען קורירט,
ווען געבויט און ווען צעשטערט!
און אויף געלעכטער און אויף טרערן.
און געקלאָגט און ווען געטאַנצט.
און ווען שטיינער ווערן צוזאַמענגעפירט.
* און ווען געהאַלדזט און ווען אָפּגעווענדט.
און ווען מען זוכט און מע' פאַרלירט!
* און ווען געקאַרגט און ווען פאַרשווענדט.
צונויפגעניים און אָפּגעטרענט!
* און אויף שווייגן און אויף ריידן!
* אויף ליבן צייט, אויף האַסן צייט
* און אויף פרידן און אויף שלאַכט!
און דער פלייסיקער וואָס מאַכט
מיט זיין מי? און איך זע איין,
דאָס פון מענטיקן געגעבן
איז דעם מענטשן דאָס באַשטרעבן
* ער זאָל דערמיט באַשעפטיקט זיין.

25 זע איך איין;
נישט פאַראַן קיין אַנדער שטרעבן
נאָר לוסטיק זיין
(און זיך גוט צו טון אין לעבן... — אויסג.)

26 איז עס אָבער מענטשן־גערייד... — אויסג.

27 געווען דאָס זעלבע (שוין — אויסג.) אַמאָל.

28 נאַריש און ווינט־געיעג — (אויסג.)

29 * (גייסט צום מעכטיקן אין הויז אַריין,
* זע אויף דיינע פּים געאַכט
און ליבער שטיל געהאָרזאַם זיין,
אַלס ווי נאַרן פיל אָפּפער־שלאַכט,
* דען עס ווייסן נישט די לייט
ווי גוט צו מאַכן אַ בייזע זאַך).
ב. און ליבער איז (שטיל — אויסג.) געהאָרזאַם זיין
אַלס פון אָפּפער פיל געשלאַכט
ווי עס טון די נאַרישע לייט,
וואָס ווייסן נישט ווי גוט געמאַכט 3)
עס ווערט פאַר גאָט אַ בייזע זאַך! (אויסג.)

30 (און פאַר אים דיין מויל באַוואַך 4)
נישט פאַרכאַפּט זיך אויף די רייד,
ער איז אין הימל, דו — אויף דר'ערד,
און דאַרום — קיין רייד געמערט! — אויסג.).
* גייסט צו גאָט אין הויז אַריין
* זע אויף דיינע פּים געאַכט

31 (עס קומט דער טרוים מיט פילערליי.
און דער נאַר מיט פלוידעריי. — אויסג.)

32 פון העכערן נאָך איבער זיי.

33 שפּייזן שפּייזט די ערד.
און די מענגע דינערשאַפט
ברענגט קיין נוץ:

34 (זעט — אויסג.) קיין נוץ.

3) זיי ווייסן נישט, ווי גוט געמאַכט.
4) און פאַר גאָט דיין מויל באַוואַך — אויסג.

35 ∗(פון זילבער זאָט נישט ווערט,
ווער זילבער ליבט און זיך פאַרשאַפט. — אויסג.)...

36 דאָס גוטס ווערט גרעסער און גרעסער

37 ווי פון דער. — אויסג.

38 און וואָס (האָט ער· — אויס·) דערלעבט איבער דער צייט.

39 א. (און ווירקלעך דער מאַן, וואָס גאָט האָט באַשערט
רייכטום און גיטער און נישט פאַרווערט
צו באַהערשן זיין פאַרמעגט
און צו צערן, צו געניסן זיין מי מיט פרייד 1)
און האָט זיין טייל זיך אָפּגענומען,
האָט אַ געשענק 6) פון גאָט באַקומען
געדענקט נישט פיל.
ב. און יעדער מאַן, וואָס גאָט האָט באַשערט
רייכטום און גיטער און נישט פאַרווערט
פון זיין מי זיין טייל צו באַקומען (געניסן) 7)
האָט אַ געשענק פון... (גאָט באַקומען — רעד.)
ג. צו צערן (און צו געניסן (אויסג.) מיט פרייד פון זיין פאַרמעגן
און האָט פון זיין מי זיין טייל זיך גענומען
דער האָט א געשענק פון גאָט באַקומען
נישט פיל געדענקט ער פון זיינע טעג
גאָט האָט אים מיט פרייד פאַרנומען.

40 א. אונטער דער זון איין אומגליק פאַראַן.
און דריקט אַזוי שווער·
גיט גאָט אַ מאַן 8)
∗ רייכטום, גיטער און ער
קען זיך באַשערן

5) צו צערן פרייד מיט פרייד.
6) אַ געשענקען.
7) א. צו צערן מיט לוסט און צייט.
ב. צו צערן איבער דער צייט זיין מי.
8) לייטזעליגט
אָ אַ מאַן. — אויסג.

יעדן האַרציקן באַגער.
און האָט ער פאַרזאָגט
צו הערשן איבער דעם
דערפון צו צערן,
און אַ פרעמדער עס פאַרצערט.

ב. און אונטער דער זון איין אומגליק פאַראַן
וואָס טרעפט אַזוי שווער.
אַ מאַן 9),
וואָס גאָט גיט רייכטום, גיטער און ער,
וואָס דאַרף זיך נישט פאַרווערן
קיין האַרציקן באַגער. 10)

41 ווען ער הונדערט זין געבער
און לעבט לאַנג, לעבט וואָס מער
און איז פון האָב און גוטס נישט זאַט
און קיין באַגרעבעניש געהאַט —

א. ענדער שוין 11) אַ מפיל-קינד,
וואָס קומט און פאַרשווינדט.
אין פינצטערניש געקומען, אין פינצטערניש געעקט,
און מיט פינצטערניש דעם נאָמען פאַרדעקט.

ב. איז ליבער שוין אַ מפיל-קינד 12)
וואָס אין דער פינצטערניש קומט און פאַרשווינדט.
מיט 13) פינצטערניש דעם נאָמען פאַרגאָסן.

42 קיין זון געזען, קיין ליכט גענאָסן 14). — אויסג.

9) (גאָט גיט. — אויסג.)
אַ מאַן.
10) וואָס אַ האַרץ כאָר קען באַגערן.
11) בעסער שוין.
12) איז ליבער שוין נאַכט. — אויסג.
13) אין. — אויסג.
14) קיין ליכט גענאָסן, קיין זון נישט געזען.

43 א. אַ מענטש מיט זיך פאַר דער קעל;
און נישט זאָט ווערט די זעל!
ב. די מי פון מענטש איז פאַר דער קעל,
און די זעל
די האָט קיינמאָל נישט גענוג...

44 און דום צי קלוג
ס'איז קיין אונטערשייד פאַראַן.

45 און וואָס געקומען (איז געקומען. — אויסג.)

46 פאַראַן רייד.

47 און פיל רייד, פול נישטיקייט
און דער מענטש פאַרמאָגט נישט מער!

48 און ווייס דען ווער 15),
וואָס פאַרן מענטשן איז געשייט
אין זיין נישטיקער לעבנס-צייט,
• וואָס ער, ווי אַ שאָטן פאַסירט.

49 ענדער אין הויז פון טרויער צו ווילן
אַלס צום 16) טרינקערהויז צו אוילן.
דער טויט (דער — אויסג.) איבער אַלעם שוועבט.

50 ערגער ס'געזיכט.

51 צום הויז 17)

52 (דאָס — אויסג) קנאַקן פון דערנער אונטערן טאָפּ.
אַזוי דאָס געזאַנג פון נאַרישן קאָפּ.

53 און אַלץ מיטאַנאַנד —
נישטיק נישט!

15) און ווער וועט זאָגן אויף געווים. — אויסג.
16) אַלס אין. — אויסג.
17) צום (האַרץ).

דער רויב דעם קליגסטן מאַן צעמישט,
און מאַכט דאָס גאַנצע האַרץ צו שאַנד!

54 א. בעסער דער ענד פון אַ זאַך
אַלס דער אָנהויב.
בעסער לאַנג, אַלס הויכגעמוט.
און לאָזט (לאָז?) דיין צאָרן נישט לויבט אַרויס
דען צאָרן רוט אין נאַרן-שויס.

ב. נישט אין אָנפאַנג ערשט צו ענד
ווערט יעטוועדע זאַך דערקענט.
ענדער לאַנג, אַלס הויכגעמוט.
* און לייכט אין צאָרן ברעך נישט אויס;
צאָרן ליגט אין נאַרן-שויס.

55 א. נישט זאָג: וואָס איז עס געשען?
אין אַמאָליקע צייטן איז בעסער געווען 18)
נישט אויס קלוגשאַפט טוסטו פרעגן.
גוט איז קלוגשאַפט מיט פאַרמעגן 19)
דערהויפט פאַר די, וואָס זעען די זון.
אין שאָטן פון וויסן, אין שאָטן פון געלט,
שטייגערט די וויסנשאַפט
און שטייגערט דעם קעגנערס לעבנס-קראַפט.

ב. און זאָג נישט, וואָס איז עס געוואָרן?
די אַלטע צייטן זענען בעסער געווען אַלס איצט
נישט אויס קלוגשאַפט איז דאָס פרעגן.
גוט איז וויסן מיט באַזיצט
נאָך מער פאַר די, וואָס זעען די זון.
אין שוץ 20) פון וויסן, אין שוץ פון זילבער
קלוגשאַפט לעבנדיק מאַכט.

---

18) און זאָג נישט: עס איז בעסער געווען.
19) גוט איז צו פאַרשן ווען מען באַזיצט.
20) אין (שאָטן).

ג. פרעג נישט: וואָס עס איז געשען,
פאַרוואָס איז פאַרציַיטן בעסער געווען?
וואָס האָסטו דערפון —
פון (נאַרישן — אויסג.) פרעגן 21)
גוט איז וויסן מיט פאַרמעגן
(דערהויפּט פאַר די, וואָס זען די זון.—אויסג.)
אין שאָטן פון (זילבער.—אויסג.) אין שאָטן פון געלט
גיט לעבנסקראַפט
די וויסנשאַפט.

ד. און נישט זאָג:
דאָס אַמאָל איז בעסער געווען.
וואָס איז עס געשען,
וואָס ערגער ווערט מיט יעדן טאָג...
(וואָס פאַר א נוץ
האָט דאָס פרעגן (אויסג.) 22)
גוט איז וויסן מיט פאַרמעגן.

ה. און נישט זאָג, וואָס איז (עס) געשען?
אַמאָליקע ציַיטן איז בעסער געווען
פאַרוואָס פאַרשלימערט זיך ציַיט? 23)
איז אַזאַ פרעגן
איז גאָרנישט 24)
גוט איז וויסן ביי פאַרמעגן.

ו. און נישט זאָג
וואָס איז עס געווען 25)
אַמאָליקע ציַיטן איז בעסער געווען

21) נאַריש איז דאָס פרעגן.
22) א. וואָס פאַר אַ נוץ ברענגט דאָס פרעגן.
ב. נאַריש פרעגן, וואָס ברענגט קיין נוץ.
ג. דען דאָס פרעגן האָט קיין נוץ.
23) פון וואַנען קומט די שלעכטע טעג.
24) דו פרעג נישט, זוך נישט געשייד.
25) (און נישט פרעג) וואָס איז עס געשען.

און ערגער ווערט מיט יעדן טאָג 26)
נישט אויס קלוגשאַפט טוסט עס פרעגן. 27)

ז. (פריער דערוועגב דיר דיין פאַרמעגן 28)
דאן האָט וויסן אַ נוץ.
אין וויסן שוץ, אין זילבער שוץ
דאַן וואָס מער וויסנשאַפט)..

ח. אָנגענעמער די זון צו געניסן 29)
אין טאָפּלטן שאָטן פון זילבער און וויסן
וויסן, דערהויפּט די וויסנשאַפט,
איז די קוואַל פון לעבנסקראַפט.

ט. און נאָך מער
פאַר די זונען־זעער
גוט איז באַשטעלט
אין שאָטן פון וויסן
אין שאָטן פון געלט..
און וואָס מער וויסן, מער לעבנסקראַפט
גיט די וויסנשאַפט.
* און ווייל איז די, וואָס די זון געניסן 30)
* אין טאָפּלטן שאָטן פון זילבער און וויסן —
און וואָס מער וויסן, לעבנסזאַפט
קוועלט פאַר זיי די וויסנשאַפט31)

---

26) א. און נישט זאָג,
אויב דו האָסט אַ שלעכטן טאָג
ב. און נישט רעד פון אונטערשייד
צווישן היינט און נעכטיקן טאָג.
ג. און פרעג נישט אויף קיין אונטערשייד
צווישן איצט און אַמאָל געווען
27) (וואָס האָסטו דערפון פון אַזאַ פאַרשן און פרעגן .).
28) גוט איז קלוגשאַפט מיט ערוועגב.
29) גוט איז די זון צו געניסן.
30) ווייל די, וואָס די זון געניסן.
31) און פאַרשן וואָס מער, דען וויסנשאַפט
(איז פאַר זיי לעבנסזאַפט. — אויסג.)

56 און זע גאָט (גאָטס?) וועלט!
וואָס קרום געשטעלט! 32)
זי גלייכט נישט אויס

57 גוטע טעג לעב אין גענוס
און די שלעכטע אָן פאַרדרוס,
דען די גוטע און שלעכטע צייטן
האָט גאָט געמאַכט איינס קעגן צווייטן
דער מענטש זאָל נאָך אים גאָרנישט געפינען.

58 וואַריאַנטן צו די פסוקים 19, 20, וואָס זענען אין הויפּט־וואַריאַנט נישטאָ.

א. דעם קלוגער (קלוגן?) שיצט דער פאַרשטאַנד 33)
בעסער (די) אַלס די שילדן - טרעגער צען,
וואָס זענען אין שטאָט געווען.
און נישטאָ קיין מענטש אין לאַנד,
וואָס זאָל זיין דורכאויס גערעכט. 34)

ב. דען קלוגן שיצט זיין פאַרשטאַנד
מער ווי די הערשער צען, 35)
וואָס זענען דאָ אין שטאָט געווען.
און ס'איז אין לאַנד קיין מענטש פאַראַן,
וואָס זאָל שטענדיק זיין גערעכט,
וואָס זאָל נישט האָבן קיין פעלער געמאַכט.

59 און אויף פרעמדע רייד נישט אַכט.

60 דען ביי זיך אין האַרץ געזוכט.

---

32) א. נעם גאָטס וועלט
ווי זי איז.
ב. ווי זי איז נעם גאָטס וועלט.
33) שיצט בעסער זיין) פאַרשטאַנד.
34) און נישטאָ קיין (גערעכטער).
וואָס זאָל נאָר גוטס טון אָן אַ פעל.
35) קלוגשאַפט שיצט דעם קלוגן מאַן
בעסער אַלס די הערשער צען.

61 ב. אַלץ געפּריוווט, געזוכט באַשייד,
געמיינט כ׳בין קלוג, עס איז ווייט!
ווייט איז וואָס פאַרגאַנגען
און טיף, נישט צו דערלאַנגען...

ב. (דאָס אַלץ געפּאָרשט, געפּריוווט, געזוכט 36)
און געמיינט, איך וועל דערגיין
און עס איז נאָך פון מיר ווייט.
עס איז נאָך ווייטער ווי געווען,
און טיף נישט אַרויסצובאַקומען!—אויסג.)

ג. זוך איך און פאָרש, קליג מיך און פּרווו,
און געמיינט איך וועל דערלאַנגען 37)
ווייסט (ווייט?) פון מיר! וואָס אָפּגעגאַנגען 38)

62 (איך האָב צום האַרצן זיך גענומען:
צו פאָרשן, וואָס עס האָט אַ האַפט,
וואָס ס׳איז קלוג און רעכנשאַפט.—אויסג.)

63 א. צו דעם קלוגן ווער זיך גלייכט?
ווער נאָך ווייס אַ זאַך באַשייד?
מענטשן־קענערשאַפט זיין געזוכט 39) באַלייכט
און זיין אַנבליק — פעסטיקייט.

ב. צו דעם קלוגן ווער זיך גלייכט,
און זאַך־באַשייד ווער טראָגט אַרויס? 40)
זיין געזוכט באַלייכט
מענטשן־קענערשאַפט;
און מיט קראַפט
צייכנט זיך זיין אַנבליק אויס.

---

36) דאָס אַלץ געפאָרשט, באַשייד געזוכט.
37) אָן געמיינט אָט אָט געפין איך וואָס באַשייד.
38) וואָס געווען, דאָס איז ווייט.
39) (זיין אָנגעזיכט).
40) זאַך באַשייד ווער טראָגט אַרויס.
מעסט זיך מיט דער(ם?) קלוגן ווער?
ווער נאָך ווייסט ווי ער...

ג. צו דעם קלוגן ווער זיך גליכט?
און אין געריכט, ווער טראָגט אויס (אַרויס?)
דעם זאַך־באַשייד?
מענטשן־קענטעניש באַליכט
זיין אָנגעזיכט.
עס צייכנט זיך זיין אָנ... (געזיכט — רעד.)

ד. צו דעם קלוגן ווער זיך גליכט?
ווער נאָך ווייסט דעם זאַך-באַשייד? 41)
מענטשן־קענערשאַפט באַליכט
זיין אָנגעזיכט; מיט פעסטיקייט
צייכנט זיך זיין אָנבליק אויס.

64 א. קעניגס מונד אויפגעפּאַסט! דאַרום 42)
ווי דו ביי גאָט געשוואָרן האָסט,
נישט געאײַלט דיין אָרט פאַרלאָזט.

ב. ראָט איך היטן דעם קעניגס געבאָט,
און געדענק דיין שוווּר ביי גאָט,
טרעט צוריק, נישט געאײַלט;

ג. ראָט איך שטרענג ערפיל
דעם קעניגס געבאָט
ווי געשוואָרן דו האָסט פאַר גאָט:
גייסט פון אים...

65 רעכט און צייט דער קעניג היט;
אַלעס אין דער צייט פאַרגעלטיקט!

66 א. און ווירקלעך, איך האָב פאַרנומען, 43)
עס זענען באַשטאַטע פאַרברעכער געקומען,
זיי גייען פון א הייליקער שטעל

---

41) דאַרום קעניגס מויל געהיט!
42) אָפּ.—אויסג.
43) און ווירקלעך איך באַמערק.

און רימען נאָך זיך פרעך 44)
(מיט זייער פאַרברעך.—אויסג.) זיי האָבן.
דום! ווייל נישט אויף דער שטעל
די שטראָף נאָך דעם ווערט אויסגעפירט.
ווייל אָפט מען זעט 45)
דאָס הונדערט זינד אַ מאַן באַגייט
און עס ווערט אים פּראָלאָנגירט
מאַכט זיי דרייסט 46), דאָס פאַרפירט
צו אַלדאָס בייז.

ב. און געזען האָב איך פיל:
קומען באַשטאַטע פאַרברעכער,
גייען פון הייליקן אַזיל
און באַנעמען זיך נאָך פרעכער
רימען זיך מיט זייער טון! 47)
דאָס בייזע קומט דערפון,
וואָס עס ווערט נישט געשווינד
די פאַרגעלטונג אויסגעפירט 48).
ווייל מען זעט 49)
* דאָס הונדערט זינד אַ מאַן באַגייט
* און עס ווערט אים פּראָלאָנגירט,
פון דעם ווערן זיי פאַרפירט 50).

ג. און וואָס איך האָב געזען
פאַרשטאַטע פאַרברעכער גייען
פון אַ הייליקן שטעל
און געגאַנגען אין שטאָט אַרום,

---

44) און רימען נאָך זיך פרעך אין שטאָט.—אויסג.
45) ווייל (דאָס וואָס) מען זעט.
46) (דאָס) מאַכט זיי דרייסט.
47) גערימט זיך דאָס און יענץ געטון.
48) וואָס נישט (אַזוי) געשווינד
ווערט די פאַרגעלטונג אויסגעפירט.
49) (און אַז) מען זעט
צו אַלדאָס בייז.
50) אַט מאַכט זיי דרייסט.

באַרימט זיך דאָס און יענץ געטון,
דאָס איז דום
און עס שטאַמט דערפון,
(וואָס דאָס אורטייל אויף דער זינד
ווערט בישט אויסגעפירט געשטעלט.—אויסג.)

ד. (מערק איך פיל
זינדער פאַרשטעקטע
אויפסניי אַנטפּלעקטע. 51)
געקומען פון אַ הייליקן אַזיל
גייען אין שטאָט אַרום פרעך
און רימען זיך מיט זייער פאַרברעך—אויסג.)

ה. מערק איך זינדער פאַרשטעקטע
אויפסניי אַנטפּלעקטע
(גייען פון אַ הייליקער שטעל 52) — אויסג.)

ו. נעזען
פאַרשטאַטע פאַרברעכער קומען.
זיי גייען פון אַ הייליק אָרט
און רימען זיך אין שטאָט:
זיי האָבן רעכט געטון.

ז. און וואָס איך האָב געזען
אין שטאָט אַרום גייען,
מאַנכע באַשטאטע פאַרברעכער 53)
קומען פון א הייליקן אָרט. — — — — —

67 און איך ווייס
דאָס 54) גוט וועט זיין
נאָר דעם גאָטס־פאָרכטיקן אַליין.

51) (פלוצלינג אַנטפּלעקטע).
52) פון אַ הייליקער שטעל געקומען.
53) באַשטאַנד פאַרברעכער (פיל).
54) דאָס (ענדלעך).

68 דעם זינדיקן 55) קען אַ ווײלע געראָטן,
ר'וועט פאַרשווינדן ווי א שאָטן
דאָס 56) ער קיין לאנג לעבן האָט.
ווײל ער פאָרכט זיך נישט פאַר גאָט.

69 א. איז אויף דער ערד אַן אומרעכט פאַראַן
ווערט אַ רעכטשאַפענער מאַן
אָפט ווי אַ זינדער באַלוינט
און דער זינדער 57) געשווינט
און עס גײט אים.

ב. און דאָך איז עס ניש רעכט 58)
וואָס עס געשיט דאָ אויף דער ערד.
טרעפט אַ מאַן איז גערעכט 59)
און ס'איז אים דעם בײזנס לאָס באַשערט.
און דער שלעכטער ווערט געשוינט
און גלײך אַ גערעכטער געלוינט.
(דאָס האָט אָבער אויך קיין ווערט.—אויסג.)

ב. דאָך ווי.—אויסג.
שלעכט
פירט זיך דאָ אויף דער ערד.. 60)
אָפט איז אַ מאַן גערעכט
און ווערט ווי אַ זינדער באַלוינט,
און דער זינדיקער ווערט געשוינט
און באַקומט דעם גערעכטנס טײל.—אויסג.

ג. איז פאַראַן אַ נישטיקײט
וואָס געשיט דאָ אויף דער ערד.

---

55) (און דעם זינדיקן)
56) (דען).
57) ווערט.
58) און דאָך איז א בײז פאַראַן.
59) (טרעפט אויסג.) דעם גערעכטן מאַן.
60) א. (דום—אויסג.) פירט זיך דאָ אויף דער ערד.
ב. און דאָך איז נישט רעכט.
(ווי עס.—אויסג.) פירט זיך דאָ אויף דער ערד..

ווערט דעם גוטן בייז באַשערט
און געשווינט די בייזע לייט.(61

70 א. ליב איך איינציק און אַליין
נאָר די פרייד! אונטער דער זון (62
האָט דער מענטש גישט וואָס צו טון
נאָר עסן טרינקען און לוסטיק זיין!
דאָס איז באַגלייטן אין זיין מיאיק לעבן,
וואָס איז אים אונטער דער זון געגעבן!

ב. און איך שאַץ דערום די פרייד! (63
קיין אַנדער גוט (ס?) איז פאַר אַ מאַן
אונטער דער זון דאָ נישט פאַראַן
נאָר עסן און טרינקען און לוסטיק זיין.

71 וואַריאַנטן צו די פעלנדיקע פּ. 16 און 17.

16 אַלץ געפאָרשט און נאָכגעקלערט,
אום צו קומען צום פאַרשטאַנד,
וואָס דאָ טוט זיך אויף דער ערד,
וואָס מען יאָגט זיך דורכאַנאַנד,
וואָס קיין רו בייטאָג מען האָט
און מען זעט קיין שלאָף ביינאַכט.

ב. האָב איך געפאָרשט און נאָכגעקלערט
קלוג צו ווערן (און דערגיין.—אויסג.)
וואָס דאָ טוט זיך אויף דער ערד.

17 און האָב איינגעזען, אַז גאָט
האָט דאָס אַלץ אַזוי געמאַכט,
דאָס דער מענטש זיך, נישט דערוויסט (64

61) און עס באַקומט (באַקומען) דער בייזער מאַן (בייזע לייט) וואָס דעם גוטן צוגעהערט.
62) (און געלויבט זאָל זיין די פרייד).
63) שאַץ איך דאַרום די לוסטיקייט.
64) דאָס קיינמאָל זיך דער מענטש דערוויסט.

וואָס אונטער דער זון עס דאָ געשיט 65)
און זאָל זיך מיען און זוכן אומזיסט.
עס איז דערפון
קיין באַגריף ניט צו געווינען,
און אויב דער קלוגער צו וויסן מיינט,
אים שיינט,
עס איז גאָרנישט צו געפינען.

72 דאָס אַלע צום האַרץ זיך גענומען,
פון דעם אַלעם אַרויסבאַקומען,
דאָס אַלץ איינס קלוג און גערעכט, —
די הערן און זייערע קנעכט
זענען ביי גאָט אין דער האַנט!
און דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד
שאַפט זיין האַסן און זיין ליבן
אַלץ אָנגעצייכנט; פאַרגעשריבן
איז אַלץ מיט אַנאַנד.

73 און איין לאָז דערגרייכט
דעם גערעכטן און אומגערעכטן
דעם וואָס אומריין איז און דעם וואָס ריין 66)
און צי געאָפּפערט ווערט צי ניין.
און דעם וואָס איז67) צו שווערן לייכט
און פון שווערן אָפּגעהיט...68)
קיין אונטערשייד! אויסג.

74 א. דאָס שלימסטע, וואָס אונטער דער זון געשיט:
וואָס אַלע איין געשיק דערגרייכט:
און פול בייז און צעלאָזנקייט

65) א. וואָס דאָ געשיט אונטער דער זון.
ב. וואָס עס געשיט דאָ אונטער דער זון.
66) ווער עס איז אומריין (ווער ס'איז ריין).
67) און ווער עס איז.—אויסג.
68) פון שווערן אָפּגעהיט.

איז דער מענטש אין זיין לעבנס-צייט.
(און. — אויסג.) שפעטער 69) צו דער אונטערוועלט! 70)

ב. שלעכט וואס אונטער דער זון געשיט,
דאס איז איבער דער מאס
און נאך וואס..

75 א. ווער צום לעבן אויסגעקליבן,
האט נאך צו האפן א גרונד 71)
דען בעסער דעם לעבעדיקן הונט
אלס דעם לייב.

ב. דען איז געווילט צום לעבן ווער
האט נאך צו האפן גרונד 72)
און בעסער איז דעם הונט,
אלס דעם לייב, וואס לעבט נישט מער.

ג. דען ווער געווילט עס איז צום לעבן,
דעם איז האפענונג געגעבן.

76 און ווילגעמיט..

77 און נישט קארג צום קאפ דיין אויל.

78 און פארגעניגט לעב אפ דיין וועלט
מיט דעם ווייב, וואס דיר געפעלט.
דאס איז אונטער דער זון דיין טייל 73)
פאר דיין גאנצער מי און שטרעבן
אין דיין קורץ און נישטיק לעבן.

---

69) און דערנאך.—אויסג.
70) און צו די טויטע איבערגעגעבן.
71) האפט נאך ווער.
72) דער האפט.—אויסג.
73) דען דאס קומט דיר, דאס איז דיין טייל
פאר גאר דיין גאנצער מי אין לעבן.

79 א. ווידער זע איך 74) דאָ אויף דער וועלט,
נישט דער ליכט געווינט ס׳געיעג
און אין געשלעג
זיגט נישט75) דער העלד.
* דער קלוגער אָפט קיין ברויט געפינט
און פאַרמעג
זיך צו קלוגשאַפט נישט געזעלט
און נישט דער וויסנדער געפינט
ליוטזעליקייט.

ב. (נאָך וואָס אונטער דער זון באַטראַכט 76)
נישט דער פלינקער געווינט
דאָס געיעג
נישט דער שטאַרקער זיגט אין שלאַכט
* און פאַרמעג
זיך מיט וויסן נישט געזעלט. — אויסג.).

ג. מערק איך נאָך, דאָס אויף דער וועלט
נישט דער לייכטער — אין געיעג
און נישט דער שטאַרקער זיגט אין פעלד.
אַ קלוגער מאַן אין הונגער-טעג
(און פאַרמעגן מיט פאַרשטאַנד
זעלטן גייען האַנט אָן האַנט — אויסג) 77)
און קיין אונטערהאַלט געווינט 78)
און נישט וויסנדער געפינט
ליוטזעליקייט

---

74) וואָס נאָך איך זע.
75) נישט זיגט.
76) און ווידער האָב איך באַטראַכט,
נישט דער פלינקער (דאָס געיעג) געווינט.
77) א. און נישט האַנט אָן האַנט
גייט דאָס רייכטום מיט פאַרשטאַנד.
ב. רייכטום גייט נישט האַנט אָן האַנט
(מיט פאַרשטאַנד).
78) א. (וויסן קיין פאַרמעג) געווינט.

ד. נאָך וואָס אונטער דער זון באַטראַכט.
נישט דער פֿלינקער ס'געיעג געווינט.
נישט דער העלד זיגט אין שלאַכט.
און דער קלוגער אַפֿט קיין ברויט געווינט.
פֿאַרמעגן 79) צו קלוגשאַפֿט זיך נישט געזעלט
און נישט דער פֿאַרשטענדיקער געפֿעלט.

ה. נישט דער וואָס לייכט80)
אין געלאָף דאָס ציל דערגרייכט
(דאָס) אין קריג
נישט ביים81) שטאַרקן בלייבט דער זיג.
• דער קלוגער אָפֿט קיין ברויט געווינט 82).
לייטזעליקייט נישט דער ווייסנדער געווינט

ו. און אונטער דער זון וואָס נאָך באַטראַכט:
נישט ווער ס'איז לייכט ס'געיעג געווינט
און נישט דער העלד זיגט פֿון שלאַכט.
אַ קלוגער אָפֿט קיין ברויט געפֿינט.
פֿאַרשטענדיקער קיין רייכטום מאַכט 83)
און לייטזעליקייט
דער קלוגער נישט געווינט,
דען איבער אַלעם צופֿאַל און צייט!

ז. און ווידער געזען, דאָס אויף דער וועלט
נישט דער פֿלינקער קומט געשווינד
• נישט דער שטאַרקער זיגט אין פֿעלד.
• אַ קלוגער מאַן קיין ברויט געפֿינט
און נישט צוזאַמען האַנט אַן האַנט
גייט דאָס רייכטום מיט פֿאַרשטאַנד 84

79) רייכטום — אויסג.
80) דאָס נישט דער וואָס לייכט.
81) (דעם).
82) פֿאַרמעג און וויסן גייען צעשייד.
83) רייכטום צום קלוגן זיך נישט געזעלט. — אויסג.
84) גייט דאָס רייכטום מיט פֿאַרמעג.

און דאָס ליטוזעליקייט
נישט דער וויסנדער געווינט.

ת. ווידער זע איך: אויף דער וואַלט
נישט דער לייכטער — דאָס געיעג,
● נישט דער שטאַרקער זיגט אין פעלד;
דער קלוגער מאַן האָט הונגער־טעג.

ט. וואָס איך זע נאָר אויף דער וועלט,
נישט דער לייכטער נעמט ס׳געיעג
● און נישט דער שטאַרקער זיגט אין פעלד.

א. און דאָס מענטשן-קינד איז בלינד
פאַרוים זיין ציט זעט קיינער ניש 85),
ווי אין בייזער נעץ די פיש,
ווי פויגל אין דער פויגל-פאַנג 86).
ב. און ווען די ציט וועט קומען,
דאָס פאַרוים זעט קיינער ניש׳.
ווי׳ן (אַ בייזער נעץ) די פיש
ווי פויגל אין די פאַנגען
אַזוי ווערט אויך דער מענטש געפאַנגען. 87)
פלוצלינג קומט זיין אונטערגאַנג.

ג. ציט און צופאַל אַלץ רעגירט 88)
און קיינער ווייסט נישט ווען ס׳פּאַסירט
און ווען עס קומט 89) ווייס קיינער ניש.
ווי אין בייזער נעץ פאַרנומען
● (ווי די פויגל אין די פאַלן... — אויסג.).

ד. (און — אויסג.) פאַרוים זעט קיינער ניש,
* ווי׳ן אַ בייזער נעץ די פיש

85) א. פאַרוים די ציט זעט קיינער נישט.
ב. די ציט פאַרוים דאָס זעט ער ניש.
86) ווי (די) פויגל אין דער פויגל-פאַנג (געפאַלן).
87) אַזוי ווערט דער מענטש (באַנומען)
88) ציט און צופאַל אַלע דערגרייכט. — אויסג.
89) (און ווען עס קומען וועט)

ווי די פייגל אין פויגל-פאַנג
ווערט געכאַפּט דאָס מענטשן-קינד 90).

81 מאַכט דעם גאַנצן אייל צו שאַנד.

82 א. פיל ערן און פיל פאַרשטאַנד
ווען דומהייט אַ נאַפּ,
קוועלט עס אַרויף
מאַכט אַלץ צו שאַנד.

ב. ער' און וויסן, — דומהייט אַ נאַפּ,
עס קוועלט אַרויף.

83 זיין רעכטע האַנט דער קלוגער באַפעלט 91)
(טוט, מיט דער לינקער דער נאַר זיך קוועלט און געלינקט)

84 (און אויך אין וועג אַז האַרץ — אויסג.) אים פעלט,
קינדיקט ער איך בין אַ נאַר.

85 ווער די בייזע צונג באַדאַרף!

86 ס'אייז (ס'אייזן?) שטומפּ. ער מאַכט קיין שאַרף
און אַרבעט מיט דער לעצטער קראַפט, —
און צובאַרייט איז קענערשאַפט!

87 (אין זיך אַליין
איז דער נאַר פאַרשטריקט. — אויסג.)
אין אַנפאַנג — דום, צו ענד — געמיין,

88 און פאַרשייט — אויסג.

89 און ער האָט אַזוי פיל רייד
עס ווייסט קיין מענטש נישט, וואָס ס'וועט זיין!
און עס וועט נאָך אים געשען,
(אים קיינער דערציילט — אויסג.)

---

90) כאַפּט מען אויף דאָס מענטשן-קינד.
91) דער קלוגער באַפעלט זיין רעכטע האַנט.

90 און דער נאַר מיט און קוועלט,
און ווייסט נישט, ווו אַהין ער גייט. — אויסג.

91 א. אין דער הוים ביי זיך
אויף קיין קעניג קיין שלעכט געזאָגט,
און שלאָף־געמאַך 92) קיין רייכן פליך,
דער פויגל פון הימל..

ב. אין שטילסטן צימער ביי זיך,
אין שטילסטן צימער קיין קעניג פליך.

92 א. פון באַגינען 93) דיין זאָמען שפּרייט,
לאָז נישט אָפּ אויף אָוונט־צייט
דו ווייסט דען, וועלכער בעסער איז? 94)
(און מעגלעך איז. — אויסג.) אויב נישט ביידע 95) טויגן.

ב. אין דער פרי דיין זאָמען שפּרייט
נישט אָפּגעלאָזט אויך אָוונט־צייט
דו ווייסט נישט וועלכער בעסער איז
(און. — אויסג.) פיליכט וועלן ביידע טויגן.

93 א. און דאָס ליכט איז זיס,
און גוט פאַר די אויגן

ב. און דאָס ליכט איז אַזוי זיס,
און אַזוי גוט פאַר די אויגן
די זון צו זען 96).

94 א. און זאָל אַ מענטש צו מאָל
לעבן יאָרן איבער יאָרן, 97)
אַלע וועלן פרייד אים געבן,

---

92) אין שלאָף־געמעך קיין רייכן פליך.
93) מאָרגן פרי — אויסג.
94) דו ווייסט נישט, וועלכער געדויט.
95) דאָס ביידע טויגן.
96) (די זון צו זען) איז גוט פאַר די אויגן.
97) אַ מענטש זאָל יאָרן איבער יאָרן לעבן.

נישט וויניק אין צאָל
(טריבע... — אויסג) 98)

ב. און דעם מענטש זאָל מען שענקען
יאָרן אומצייליקע רייען
מיט אַלע וועט ער זיך פרייען
(און — אויסג.) וועט אויך טריבע טעג גערענקען. 99)
און זייער צאָל ווערט נישט לינד 100)
און אַלץ, וואָס געקומען איז, פאַרשווינד!

95 א. פריי דיך, יונג לעבן,
ווי לאַנג יונג דו ביסט. 101)
געניס 102)
וואָס דיין...

ב. יונגערמאַן, ווי לאַנג יונג דו ביסט,
פריי דיך מיט דיין לעבנסקראַפט,
וואָס דיין אויג זעט, דיין האַרץ געליסט...

ג. ווי לאַנג יונג דו ביסט,
פריי דיך מיט דיין לעבנסקראַפט,
געניס דיין יונג לעבן,
וואָס דיין אויג זעט, דיין האַרץ געלוסט,
נאָר...

ד. פריי דיך, אָ, יונג לעבן,
ווי לאַנג פריש און יונג דו ביסט,
פריי דיך מיט דיין יונגער לעבנס־קראַפט?
וואָס דיין אויג זעט, דיין האַרץ געלוסט,
איז דיין געשענק,
נאָר געדענק... 103)

98) אויך טריבע טעג. — אויסג.
99) וועט אויך (האָבן צו) געדענקען.
100) טריבע טעג און נישט לינד איז זייער צאָל.
101) (פריי דיך) ווי לאַנג יונג דו ביסט.
102) פריי דיך מיט.
103) נאָר וויים.

96 דאָס (פאַר) גאָט.

97 און נישט פאַרגעס, דאָס רעכנשאַפט
וועט אויף אַלעם גאָט דערלאַנגען.

98 א. פון באַשעפער טראַכט (נאָך) יונגערהייט,
איידער עס קומט די בייזע צייט,
און וועלכער סאיז דיר נישט געלעגן.

ב. און דעם באַשעפער געדענק יונגערהייט! (104
איידער עס קומט די שלעכטע צייט,
די יאָרן, וואָס זענען נישט ליב..
(און די טעג גלייבגילטיק ווערן — אויסג.)

ג. און פון דיין באַשעפער געקלערט (105
נאָך יונגערהייט,
• איידער עס קומט די בייזע צייט
און די טעג שוין אָן אַ ווערט (106),
ווען דו פרעגסט, וואָס האָב איך דערפון?

99 א. ווען טונקל וועט די זון דיר ווערן
און דאָס ליכט — מאָנד און שטערן,
און צוריקקערן
וועט דער וואָלקן נאָכן רעגן.

ב. ווען די זון (פון אויב(ן) — אויסג.) ווערט טריב,
(און טונקל וועט ווערן — אויסג.)
(און — אויסג) דאָס ליכט, מאָנד און שטערן.
דער רעגן איז פאַרביי און פון אַלע עקן
(וואָלקן זיך שטרעקן.. — אויסג.)

100 א. און ס'וואקלען זיך די וועכטער פון (דיין — אויסג.) הויז
און די קריגס־לייט קרומען זיך אויס.

---

104) אָן באַשעפער דענק יונגערהייט. —
(איידער עס קומט... — אויסג.)
105) און פון באַשעפער פון דיינעם געקלערט.
106) די יאָרן וואָס האָבן פאַר דיר אַ ווערט. — אויסג.

אוּן די מילנער (מאָלן נישט מער, ליידיק גייען...—אויסג.) 107)
די צאָל איז קליין
(און פאַרטונקלט די קראַטן-זעער. — אויסג.)

ב. און עס וואַקלען זיך די וועכטער פון דיין הויז
און די קריגער קרומען זיך אויס,
און די מילנער שטייען פוסטע פּאַס,108)
די קליינע צאָל געניגט נישט מער.
און די וואָס דורך די לעכער קוקן 109) ווערן שוואַרץ110)

101 פאַרשפּאַרט „די טירן צו דער גאַס111).
ווייל דאָס געמעל איז געפאַלן 112)
(און יעדער פּיפּץ פון אַ פויגל וועקט, — אויסג.) 113)
די זינגערלעך אַראָפּגעלאָזט 114).

102 און עס שרעקט אויב וואָס העכער115)
און דער וועג פול מיט לעכער.

103 וואַריאַנט אויף פ. 7. (אין הויפּט-וואַריאַנט פעלט).
ס'גייט דער שטויב צוריק צו דער ערד,
ווו ר'איז געווען
און דער גייסט צוריקגעקערט
צו גאָט.

---

107) און די מילנער שטייען פוסט און פּאַס. — אויסג.
108) פוסט און פּאַס.
109) און די וואָס קוקן דורך די שפּאַלטן — אויסג.
110) פאַרפינצטערט די זעער. — אויסג.
111) א. פאַרשפּאַרט די טירן (אין גאַס אַריין) — אויסג.
ב. און עס שליסט זיך די טיר אַרויס.
ג. און ס'ווערן.—אויסג.) אין מאַרק (די טירן) געשפּערט.
112) (און—אויסג.) דאָס געמעל (ווערט קוים געהערט—אויסג.
113) א. צום פויגל-פּיפּץ זיך אויפגעשטרעקט—אויסג.
ב. צום פויגל-פּיפּץ זיך (אויפגעשטעלט—אויסג.)
114) א. די זינגערלעך (ערגע(ץ) טיף פאַרשטעקט—אויסג.)
ב. די זינגערלעך ערגעץ פאַרבויגן—אויסג.)
115) און די קלענסטע הייך דערשרעקט.

צ ו ג אָ ב - וואַ ר י אַ נ ט ן

צום הויפּט-וואַריאַנט

קאַפּ. א.

פּסוק 16.

איך האָב אין האַרץ ביי מיר געטראַכט:
איך האָב עס ווייטער געבראַכט,
איך ווייס מער און קען מער,
אַלס די אַלע, וואָס זענען ביז אַהער,
אין ירושלים דאָ געווען.

קאַפּ. ב.

פּסוק 4 שורה 2.

און זיך מיט זיי אַרומגעשאַנצט.

פּסוק 5

גערטנער און סעדער... אויסגעזוכט,
און ביימער געפלאַנצט פאַר יעדער פרוכט.

פּסוק 7

און איינגעקויפט זיך מעגד און קנעכט
פון ביידערליי געשלעכט,
און געמערט דאָס הויז-געזינד
און הערטן — שאָף און רינד —
און פיל, פיל מער,
אַלס אַלע, וואָס זענען ביז אַהער
אין ירושלים געווען פאַר מיר.

פסוק 8 שורה 2.

און וואָס נאָר קאָסטבאַרקייט און ציר.

דער זעלבער פסוק, שורה 4.

און אַלץ, וואָס מענטשן האָבן האַלט.

פסוק 9 און 10

אַלע, וואָס זענען געווען פאַר מיר,
איבערגעשטיגן.
און נישט פאַרוויגערט ווערט,
וואָס דאָס אויג באַגערט,
און יעדעס פאַרגעניגן,
וואָס דאָס האַרץ פאַרלאַנגט.
דאָס איינציקע, וואָס כ׳האָב דערלאַנגט
מיט אַלע מיינע ווערק.

פסוק 11.

און קוק זיך אום.
און נעם מיין גאַנצע מי אין באַטראַכט —
געוועזן בלינד!
אַלץ, וואָס איך האָב געמאַכט,
איז דום,
אייטל יאָגעניש נאָך ווינט!
אונטער דער זון האָט גאָרנישט קיין ווערט...

א ס ת ר

אין ריימען פאַריידישט

אין די טעג פון אחשוורוש,
אחשוורוש, וואָס געקיניגט
האָט פון הודו ביז צו כוש —
הונדערט זיבעצנע צוואַנציק לענדער!

אין יענע צייטן, ווען געזעסן
ס'איז דער קעניג אחשוורוש
אויף זיין טראָן אין שושן-בורג, —
צום דריטן יאָר פון זיין רעגירן
האָט אַ טרינקמאָל ער געגעבן
פאַר די פערשטן און די דינער
און סאָלדאַטן, אויסגעווײלטע —
פּערסיאַנער, מעדיאַנער
און רעגענטן פון פּראָווינצן,
וואָס פאַר זיין געזיכט געשטאַנען!

און ער באַווייזט דערביי דאָס רייכקייט
פון זיין קעניגלעכער הערשאַפט,
אויפגענומענע זעלטנהייטן
פון זיין גרויסקייט, און עס דויערט
גאַנצע הונדערט אַכציק טעג!

ערשט דערנאָכטן מאַכט דער קעניג
פאַר די שושן־בורג־באַוווינער
פון גרויס ביז קליין אַ טרינק־געלעגער
אויפן פאָרהויף פונעם קעניגס
גאָרטן־ווילע, — זיבן טעג!

אויסגעהאָנגען שטאָפן ווייסע,
פאָרהענג גרינע, הימל־בלויע,
און די שנירן — ביסוס, פּורפּור,
זילבער-שטאַנגען, מאַרמאָר־זיילן!

די דיוואַנען — גאָלד און זילבער,
אַלבאַסטער אויסגעפּלאַסטערט,
מאַרמאָר, גלאַנצשטיין און פּאָרפירען!

און די בעכער זענען גאָלדן,
פאַרשידנאַרטיקע געפעסן, —
מאַסן קעניגלעכע ווייַנען,
ווי עס איז אימשטאַנד אַ קעניג!

און דאָס טרינקען, לויט דער פאָרשריפט,
נישט צו נייטן! דען באַפוילן
די הויז־באַדינ(ער) האָט דער קעניג
צו טון יעדעם מאַן זיין ווילן!

און אין קעניגלעכן פּאַלאַץ
וואָס צום קעניג אחשוורוש
ושתי מאַכט — די קעניגינע —
אַזאַ טרינקמאָל פאַר די פרויען!

און צום לעצטן זיבטן טאָג,
ווייל געמיט פון וויין דער קעניג,
שיקט ער זיינע זיבן דינער,
וואָס פאַר זיין געזיכט געשטאַנען:
מהומן, בזתא און חרבונא,
בגתא אבגתא און דעם זתר
און דעם כרכס און באַפעלט זיי,
צו דער קעניגינע ושתי,
דאָס זי זאָל פאַר אים ערשיינען
אין דער קעניגלעכער קרוין,
דען איר שיינקייט וויל ער ווייזן
פאַר די פעלקער און די הערן, —
ז'איז אַ שיינע פון געשטאַלט!

פון מגילת אסתר איז אין דער קלעצקין־אויסגאַבע אין דער איבערזעצונג נישט מער פאַראַן — רעדאַקציע.

אקדמות

(פריי פארײדישט)

א.

איידער כ'טו די לעפצן אויף,
בעפאָר דאָס וואָרט איך שפרייט,
בעט איך די ערלויבעניש
פון אייער ליבלעכקייט...

זינגען וויל איך פון באשעפער
און זיין הערלעכקייט!
דאָך אומענדלעך איז זיין מאַכט,
ווער שעפט זי אויס מיט רייד?

און ווען הימלען — לויטער פאַרמעט, —
ווייט אַרום און ברייט.
אַלע וועלדער לויטער פענעס,
שרייבער — קינד און קייט!

נאָך קיין טראָפן נישט פון ים —
פון זיין אַלמעכטיקייט;
נאָך קיין אָפגלאַנץ פון אַ שטראַל
אין זיין הערלעכקייט!

ווי די פאָרהענג האָט ער הימלען
אויס- און אויסגעשפרייט!
און די ערד האָט ער געזעצט
אויף נישט אין פעסטיקייט!

אין טעג אין זעקס דאָס אַלץ באשאפן,
קיין מי, קיין מידיקייט!
איינציק מיטן וואָרט גערופן —
אַלעס שטעלט זיך צו דער צייט!

און איז זיך אויף זיין טראָן געשטיגן,
לויטער ליכט — זיין קלייד!
און זעקס־פליגלדיקע שרפים,
כרובים זיין באַגלייט!

שווימען שאַר און שאַר פאַרביי,
פאַרצוקט אין לויטערקייט,
אין פאַרביק־רעגנבויגנדיקער
שטילער הערלעכקייט!

קוקן אוים זיין ווונק און וואַרטן,
צום ערפילן גרייט,
מיט דער שטרענגסטער דונער־קראַפט,
בליצן־שנעליקייט!

שווימען מיט געזאַנג פאַרביי
יעדע האָט איר צייט!
רוישן כרובים און גלגלים
אין באַשטענדיקן פאַרבייט!

און אַלץ נייע, נייע שאַרן —
כאָרן און באַגלייט!
שווימט פאַרביי, דער קאָפּ געבוקט,
פליגל — אויסגעשפּרייט!

און אויף יעדער צונג די לויב:
„אויף אייביק־אייביקייט
„זאָל געלויבט זיין נאָמען זיין
„און זיין מאַכט — געשפּרייט!

„און געהייכט, און געקריינט
„איבער אָרט און צייט,
„אייביק — פון אומענדלעכקייט
„ביז אומענדלעכקייט!"

ב.

ווער אפגעלויבט און שווימט פארביי,
קומט נישט צוריק זיין צייט!
און אויפן פאלק ישראל ווערט
אראפגעקוקט מיט נייד!

ווייל עס ווערט זיין לויבגעזאנג
טאג אויף טאג באנייט!
און ער איז פון האר אליין
געוויילט צו דעם באשייד!

און אויף אלע וועלטן מעג
זיין זיין לויב צעשפרייט,
און אויף אלע שיבעה ימים —
זיין געזאנג צעזייט.

איז א מלאך אויפצוזוכן,
זיי צו זאמלען גרייט,
און ער זוכט און זאמלט זיי
מיט ליב און צערטלעכקייט!

און פון יעדן לויב-געזאנג,
פארצוקט אין שטילער פרייד,
פלעכט ער קרוינען צום באשעפערס
קאפ אין הערלעכקייט!

און אויסגעקריצט אויף יעדער קרוין
איז ד ע ר באשייד:
ווייל דער אומה, גליק און הייל,
וואס דינט דער איינציקייט!

ג.

וואָס איז „ווייל", „גליק" און „הייל",
פון דעם יעצונד באַשייד!
די קעניגן — זיי שטייען אויף,
פערשטן — גרויסע לייט

אינעם פּאַלש־פאַרבלענדטן שטאָלץ
אויסצושפּעטן גרייט,
רוישן ווי די וואַסער־אינדן,
פרעגן אונדז פאַרשייט:

„ווער איז דיין געליבטער, זאָג,
„דיין האַרציק פּיין און לייד?!
„ווער איז דער געטרויטער דיין,
„קינדיש, שפּרעדע מייד"! 1)

„פאַרברענגסט אומזיסט און בענקעניש
דיין גאַנצע לעבנס־צייט".
און ראָטן: קום צו אונדז און טייל
אונדזער לוסט און פרייד!

הער, דו קעניג, פערשט און פאָלק,
מיין קורץ און שאַרף באַשייד.
אייער לוסט איז אַש און שטויב,
לויטער נישטיקייט!

אייער פרייד — פאַרבלענדעניש!
אייער דרייסטיקייט
און אייער רום, און אייער שטאָלץ —
אייטל־אייטלקייט!

עס קומט דער טאָג פון אונדזער טרייסט,
פון לוין און זעליקייט,

1) איינגעשפּאַרטע יונגפרוי.

ווען ער באווייזט זיין פּראַכט און מאַכט,
און זיין גערעכטיקייט!

וואָס געדריקט דאָס ווערט באַפרייט, —
געזאַמלט, וואָס צעשפּרייט,
הייליק-ציון — אויפגעבויט,
זיין קעניגרייך באַנייט!

עס איז דער טאָג פון גליק און הייל,
דער טאָג פון לוין און פרייד!
אויבן נעפּלען, ווי קרישטאָלן,
ווי די חופּות אויסגעשפּרייט,

אונטן שפּרייטן באַלזאַם־טייכן
זייער ליבלעך דופטיקייט
און אין קרוינען, און אויף טראָגען
זיצן גוטע, פרומע לייט.

און זיי לייכטן ווי די שטערן,
עטעמען מיט געטלעכקייט,
אָ, דאָס איז נישט צום באַשרייבן,
נישט צו מאָלן מיט קיין רייד!

דאָס האָט נאָך קיין אויג געזען,
קיין פּראָפעט פּראָפעצייט!
די לבנה — זיבנפאַרביק,
און די זון — אַרויס פון שייד!

אַלע זיבן הימל — אָפן,
און דער מערמל־שטיין — געשפּרייט!
ער אַנטפּלעקט זיך און באַווייזט זיך
אין זיין הערלעך הייליקייט!

אָ, דאָס איז ער, מיין געליבטער!
און אין גרויס לייטזעליקייט 2)

---

2) און אין (זיין — אויסג.) גרויס לייטזעליקייט.

וועט ער נעמען מיך און פירן
אויפן שטעג פון אייביקייט!

און עס וועט אין אלע הימלען
דער פריידן־שאל געשפּרייט:
מיט זיין פאָלק ישראל האָט
ער זיין בונד באַנייט!

ד.

און עס הייבט א קאַמף זיך אָן
גרימיק און פאַרשייט
מיטן ווילדן שור־הבר
דער לוויתן־שטרייט!

דער האָט אייזערנע פלאָסן,
און ער עפנט ווייט און ברייט
קעגן שור־הבר די שלונד
און א שפּרונג, צו שלינגען גרייט!

יענער שטעלט די הערנער אויס
שטאָלן, שפּיציק און געדרייט,
קעמפןביידע אומגעהויער
און אויף טויט און לעבן גרייט!

גייט דער גוג־ומגוג-שפּיל,
געוואָרן וועט דער שטרייט — —
ניין, דער שעפער צוקט די ברעם
און די שווערט אַרויס פון שייט.

ביידע, ווי פון בליץ געטראָפן,
לעבלאָז, אויסגעשפּרייט!
צו דער סעודה פאַר צדיקים
ווערט שוין, איילנדיק, געגרייט

אויף די טישן פון גאָרפונקל,
יאספים אויסגעשפרייט!
און עס פערלט זיך אין בעכער
אין זיין קלאָרקייט

דער ווייַן אין דער טרויב געהיטן
פון דער אָנהייב צייט!
אַלץ איז אָפן, אַלץ אַנטפּלעקט,
אוים פאַרבאָרגנקייט!

ה.

און האָב איך צינדערט מיט פאַרלויב
געענדיקט מיינע רייד,
בלייבט מיר נאָך צו ווינטשן אייך,
גוטע, פרומע לייט!
דערמאָנען זאָל ער זיך אָן אייך,
ווען עס קומט די צייט!

איר זאָלט פון אַלעם דעם געניסן
אין דער ערשטער ריי, נישט ווייט,
פון זיין גלאַנץ און פּראַכט, און לויטער
הייליק, הייליק הערלעכקייט!

אַ, דאָס ווינטש איך אייך פון האַרצן,
און זאָל הערן מיינע רייד
ער, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען
פון אייביקייט ביז אייביקייט!

ערשטער וואַריאַנט

1.

* איידער כ'טו די לעפצן אויף,
* בעפאָר דאָס וואָרט איך שפּרייט,
* בעט איך די דערלויבעניש
* פון אייער ליבלעכקייט!

פון באַשעפער וויל איך זינגען
* און זיין הערלעכקייט!
* דאָך אומענדלעך איז זיין מאַכט,
* ווער שעפּט זי אויס מיט רייד?

און ווען די הימלען — לויטער פּאַרמעט, —
* ווייט אַרום און ברייט.
* אַלע וועלדער — לויטער פּענעס,
* שרייבער — קינד און קייט!

ווען (וועט?—רעד.) קיין טראָפּן נאָך נישט זיין
אין ים פון אייביקייט
און קיין איינציק־שטראַל פון גלאַנץ
פון זיין הערלעכקייט!

אַלץ וואָס לעבט האָט ער באַשאַפן: *
הימלען — אויסגעשפּ(ר)ייט!
און אויף ג אָ ר נישט די ערד געזעצט
אין פעסטיקייט! **)

און די גאַנצע וועלט באַשאַפן
קיין מי און מידיקייט!

---

*) די (גאַנצע וועלט—אויסג.) האָט ער באַשאַפן.
**) און (די ערד
געזעצט אויסג.) אין פעסטיקייט.

אײנציק מיטן װאָרט גערופן,
געקומען צו דער צײט!

אויף זײן טראָן איז ער געשטיגן,
לויטער ליכט — זײן קלײד! *)
און זעקספליגלדיקע שרפים,
כרובים — זײן באַגלײט!

שװימען שאַרן און שאַרן פאַרבײ,
פאַרצוקט אין לויטערקײט.
אין פאַבריק־רעגנבויגנדיקער
שטילער זעליקײט.

און זײ קוקן אויס, זײן װוּנקען
צום דערפילן גרײט!
מיט דער שטרענגסטער דונער־קראַפט,
בליצן־שנעליקײט!

שװימען און געזאַנג פאַרבײ,
יעדער האָט זײן צײט!
רױשן כרובים און גלגלים,
אין באַשטענדיקן פאַרבײט.

אַלץ־אין־אײנעם שאַרן גײען,
כאָרן אין באַגלײט!
פליט פאַרבײ, דער קאָפּ געבוקט,
די פליגל אויסגעשפרײט.

און אויף יעדער צונג די לויב:
אויף אײביק אײביקײט,
זײ, די האַר דער װעלט, געקרײנט,
און דײן מאַכט צעשפרײט!

---

*) (און ער האָט זיך אײנגעהילט
אינעם ליכט — זײן קלײד—אויסג.)

און געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען
אויף יעדע אָרט און צייט
פון אומענדלעכקייט
ביז אומענדלעכקייט!

2.

ווער אָפּגעלויבט, שווימט פאַרביי,
צוריק קומט נישט זיין צייט!
און אויפן פאָלק ישראל ווערט
אַראָפּגעקוקט מיט נייד!

ווייל עס ווערט זיין לויבגעזאנג
טאָג אויף טאָג באַנייט!
און איז פון האַר אַליין געוויילט
צו דעם באַשייד!

און אויף אַלע וועלטן מעג
זיין זיין לויב צעשפּרייט,
און אויף שיבעה־ימים זיין
לויב־געזאנג צעזייט.

אויפצוזוכן, זיי צו זאַמלען
איז אַ מלאך גרייט,
און ער זוכט און זאַמלט זיי
מיט ליב׳ און צערטלעכקייט!

און פון לויב און לויב־געזאנגען,
פארצוקט אין גרויסער פרייד,
קרוינען פלעכט ער צום באַשעפערס
קאָפּ אין הערלעכקייט!

און אויסגעקריצט אויף יעדער קרוין
איז דער באַשייד:

ווײל דער אומה, גליק און הײל,
וואָס דינט דער אײנציקײט!

וואָס איז „ווײל" און „גליק און הײל?"
פון דעם אַצינד באַשײד!
ווײל מלכים שטײען אויף,
פירשטן, גרויסע לײט.

און די הערשער און באַצווינגער,
אויסצושפּעטן גרײט,
רוישן, *) ווי די וואַסער־אינדן,
שפּעטיש און פאַרשײט:

„ווער איז דײן געליבטער, זאָג,
„דײן האַרציק פּײן און לײד?
„ווער איז דער געטרויטער - דײן,
„קינדיק, שטאָלצע מײד!

„וואָס פאַרברענגסט אין בענקעניש
„די גאַנצע לעבנס־צײט!
„פאַרגעס און קום צו אונדז און טײל
„אונדזער לוסט און פרײד"!

קעניגע, פירשט און פאָלק!
הערט מײן קורץ באַשײד!
אײער לוסט — אַש און שטויב!
דאָס ליכט איז פינצטערקײט!

פון פינצטערניש, פאַרבלענדעניש
שטאַמט די דרײסטיקײט,
אײער הײך און אײער שטאָלץ —
אײטל־אײטלקײט!

און עס קומט פאַר אונדז דער טאָג
פון לוין און זעליקײט,

*) ברומען—אויסג.

פון טרייסט און לוין! דער גרויסער טאָג
פון זיין גערעכטיקייט!

וואס געניִדערט ווערט געהייכט!
געזאמלט, וואָס צעשפּרייט!
הייליק-ציין — אויפגעבויט,
זיין קעניגרייך באַנייט!

אויבן נעפּלען, ווי קריסטאָלן,
ווי די חופּות אויסגעשפּרייט!
און עס פליסן באַלזאַם-טייכן
און צעשפּרייטן דופּטיקייט!

און געקריינט, אויף טראָגן גאָלד'נע
זיצן גוטע, פרומע ליַיט!
און זיי שטראלן, ווי די שטערן,
און עטעמען מיט געטלעכקייט!

אָ, דאָס איז נישט צום באַשרייבן,
נישט צו מאָלן אויס מיט רייד!
דאָס האָט נאָך קיין אויג געזען,
און קיין נביא פּראָפעצייט!

זיבנפאַרביק — די לבנה
און די זון — אַרויס פון שייד!
און ער אנטפּלעקט זיך און באַווייזט
אין זיין הייליק הערלעכקייט!

אָ, דאָס (איז?—רעד.) ער, מיין געליבטער,
אין געוועקטער האַרציקייט:
און ער נעמט מיך, און ער פירט מיך
אינעם שטעג פון אייביקייט!

און אין אַלע הימלען ווערט
אַט דער שאַל צעשפּרייט:
מיט זיין פאָלק ישראל האָט
גאָט זיין בונד באַנייט!

ג *).

✱ און עס הייבט אַ קאַמף זיך אָן,
✱ גרימיק און פאַרשייט,
✱ מיטן ווילדן שור־הבר
✱ דער לוויתן־שטרייט!

אַ פיש מיט אייזערנע פלאָסן
און א שלונד ווייט און ברייט,
ווי אַ פינצטער אָפּגרונד אָפן
דעם שור־הבר צו שלינגען גרייט!

יענער — מיט די הערנער — שטאָל!
שפּיזן — שפּיציק און געדרייט!
✱ קעמפן ביידע אומגעהייער
✱ און אויף טויט און לעבן גרייט!

עס איז דער גוג־ומגוג־שפּיל,
געווערן וועט דער שטרייט?
ביין, דער שעפער ציט זיין ברעם,
צוקט די שווערט פון שייד!

✱ ביידע, ווי פון בליץ געטראָפן,
טויטע אויסגעשפּרייט!
געדעקט דער טיש און די סעודה
פאַר צדיקים גרייט!

אויף די טישן פון גאַרפונקל
און יאספּים געשפּרייט!
✱ און עס פערלט זיך אין בעכער
אין זיין קלאַרקייט

---

*) פון דאנען אָן גייט די באַצייכענונג פון די קאַפּיטלען מיט יידישע אותיות. אָבער אַנשטאָט קאַפּ. נ׳ האָט דאָ, לויט דעם אַנטגילטיקן טעקסט, געדאַרפט קומען ר, און די באַצייכענונג פון קאַפּ. נ׳ וואָס האָט געדאַרפט קומען פאַרן פערז: „וואָס אין „וויל” און „גליק און הייל?! ז. 18—פעלט אינגאנצן.—רעד.

דער ווײַן, וואָס איז אין טרויב געהיט

* פון דער אָנהייב צײַט:
* אַלץ איז אָפן, אַלץ אַנטפּלעקט,
* אויס פאַרבאָרגנקייט!

ה.

צינדערט האָב איך, מיט פאַרלויב,
ג'ענדיקט מײַנע רייד!
* בלײַבט מיר נאָך צו ווינטשן איך,
* גוטע, פרומע לײַט!

אַז דערמאָנען זאָל ער איך,
* ווען עס קומט די צײַט.
און איר זאָלט געניסן דאָך
פון זײַן הערלעכקייט!

און איר זאָלט אַ פּלאַץ באַקומען,
פון דער הערלעכקייט נישט ווײַט?
אָ, דאָס ווינטשן (ווינטש איך?—רעד.) אייך פון האַרצן
און זאָל הערן מײַנע רייד

* ע ר ! געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען!
און זײַן גלאַנץ צעשפּרייט
איבער אַלע, אַלע וועלטן,
אין דער אייביקייט.

צווייטער וואַריאַנט

איך טו די לעפצן אויף!
❋ בעפאָר דאָס וואָרט איך שפּרייט,
בעט איך ד'ערלויבעניש
❋ פון אייער ליבלעכקייט.

פון באַשעפער זינג איך
און זיין אלמעכטיקייט!
אומענדלעך איז זיין מאַכט,
❋ ווער שעפּט זי אויס מיט רייד?

ווען אַלע הימלען — פּאַרמעט!
און ווייט אַרום און ברייט —
❋ אַלע וועלדער — פּענעס,
❋ שרייבער — קינד און קייט, —

נאָך קיין גאַנצער שטראַל
פון גלאַנץ אין אייביקייט
ער האָט די וועלט באַשאַפן
אָן מי און מידיקייט,

נאָר איינציק מיט זיין וואָרט
די הימלען אויסגעשפּרייט,
און די ערד באַפעסט, —
אין טעג און זעקס — די צייט!

און האָט זיך איינגעהילט
אין זיין הערלעכקייט,
געזעצט זיך אויף זיין טראָן,
און דאָס ליכט — זיין קלייד.

און טויזנטער, טויזנטער שאַרן
❋ פאַרצוקט אין לויטערקייט,

HEBREW EDUCATIONAL ALLIANCE
LIBRARY
DENVER, COLORADO

אין רעגנבויגן־פאַרביק
שטילער זעליקייט,

קוקן אויס זיין וואַנק
צום דערפילן גרייט,
מיט דער דונער־מאַכט,
בליצן־שנעליקייט!

און אַלע זינגען שירה,
יעדער אין זיין צייט!
כרובים און גלגולים
רוישן אין פאַרבייט!

און אַלץ נאָך נייע שאַרן
כאַרן און באַגלייט.
ווער עס קומט — געבוקט!
די פליגל אויסגעשפרייט!
אויף יעדער צונג די לויב:
„אויף אייביק־אייביקייט!

„זיי, דו האַר, געלויבט!
„און דיין (מאַכט?—רעד.) צעשפרייט
„פון אומענדלעכקייט
„ביז אומענדלעכקייט!"

און אָפּגעלויבט — פאַרביי!
ס'קומט נישט צוריק די צייט!
יעדן מאָרגן־פרי —
שאַר און כאַר באַנייט;

אומענדלעך איז די צאָל
פון כאַרן און באַגלייט!
און אויפן פאָלק ישראל
ווערט געקוקט מיט נייד!

עס איז פון האַר אַליין
געוויילט צו דעם באַשייד!

זינגט עס פרי און שפעט,
לויבט צו יעדער צייט!

מעג אויף אלע וועלטן
זיין זיין לויב צעשפרייט,
און איבער אלע ימים
זיין געזאנג צעזייט!

זיי זוכן, זיי צו זאמלען
ווי (איז?—רעד.) א מלאך גרייט!
זאמלט ער די תפילות
מיט גרויסער צערטלעכקייט, —

פלעכט ער פון זיי קרוינען...
אויף יעדער קרוין באשייד:
„גליק און הייל דער אומה,
וואס דינט דער איינציקייט!"

דעם באשעפערס קאפ
אין לויטער הערלעכקייט,
מיט די קרוינען קרוינט ער,
פארצוקט אין ליכטיקייט!

וואס איז „וויל" און „הייל"?
פון לוין אצינד באשייד!
פערשטן שטייען אויף,
שפעטן יעדער צייט!

מלכים שטייען אויף,
אויסצושפעטן גרייט!
ווי די וואסער־אינדן,
ברומען זיי, פארשייט:

„ווער איז דיין געליבטער,
„דיין הארציק פיין און ליוד?
„ווער איז דיין געטרויטער,
„קינדיק, שטאלצע מייד!

„צו וואָס אַזוי פאַרטרויערט
„דיין גאַנצע לעבנס־צייט?
„קום צו אונדז און טייל
„גלאַנץ און לוסטיקייט!"

קעניגן און פירשטן,
הערט מיין קורץ באַשייד,
אייער שטאָלץ און גלאַנץ —
לויטער נישטיקייט!

אייער זיס'ס איז ביטער!
ליכט — נאָר פינצטערקייט!
קעגן דעם גרינגסטן שטראַל,
וואָס קומט פון אייביקייט!

אייער הויך איז שפלן!
אייטל־אייטלקייט!
און עס קומט דער טאָג
פון זיין גערעכטיקייט!

דער טאָג פון הויכן לוין —
געזאַמלט, וואָס צעשפרייט!
און עס קומט דער טאָג
פון לויטער זעליקייט!

ציון אויפגעבויט,
זיין קעניגרייך — באַנייט!
אין דעם הימלס פראַכט,
געטלעך לויטערקייט!

נעפלען — ריין קריסטאַל,
ווי חופות אויפגעשפרייט!
און פון באַלזאַם־טייכן
ווערט דער דופט צעשפרייט!

און גינגאָלדענע קרוינען,
און טראָגען זענען גרייט
פאַר צדיקימס קעפּ!
לוין — פאַר ערלעכקייט!

שטראַלן זייערע פּנימער —
שטערן אין הימל צעשפּרייט;
באַווייזט זיך כּביכול
אין הערלעך־הערלעכקייט!

— „דאָס איז ער, דער געליבטער,
„געקומען איז די צייט:
„און ער וועט מיך פירן
„אין גלאַנץ פון אייביקייט!"

צינדערט הייבט זיך אָן,
צאַרניק און פאַרשוויט
מיט דעם שור־הבר
דער לוויתן־שטרייט! *

אייזערנע פלאַסן,
שלונד — ווייט און ברייט!
ווי אין אָפּגרונד אָפן,
אַ וועלט צו שלינגען גרייט!

און יענער — הערנער — שטאָל!
שפּיציק און געדרייט!
אומגעהייער צוויי,
אויף טויט און לעבן גרייט!

דער גוג־ומגוג שפּיל...
ווי ענדיקט זיך דער שטרייט?
דער שעפער ציט זיין ברעם,
צוקט די שווערט פון שייד! *

ווי פון בליץ געטראָפן,
ביידע אויסגעשפּריים!
און — מעדני מלך
פּאָר צדיקים גריים!

אויף טישן פון גאָרפונקל
און יאַספּים געשפּריים!
עס פּערלט זיך אין בעכער,
אין זיין קלאָריקייט

דער ווייַן אין טרויב געהיט
פון דער אָנהייב ציים!
אַלעס ווערט אַנטפּלעקט,
אוים פאַרבאָרגנקיים!

בלייבט מיר נאָר צו ווינטשן,
אָ, גוטע פרומע לייט,
באַקומט אייער פּלאַץ
ווען עס קומט די צייט,

אין דער ערשטער רייע
פון לויטער זעליקייט,
ביי דעם טיש, געדענקט (געדעקט?—רעד.)
פון זיין גערעכטיקייט!

און זעט דאָס ליכט, דאָס ריינע,
די זון — אָרום פון שייד!
דאָס ווינטש איך אייך פון האַרצן,
דער האַר הערט (מיינט?—רעד) רייד!

געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען
און זיין גלאַנץ צעשפּרייט
איבער אַלע וועלטן
אין דער אייביקייט!

חד־גדיא

פֿאַרייִדישט פֿון י. ל. פּרץ

ד ער טאטע האט א ציגעלע
פון ערגעץ־ווו געברענגט, —
פאר צוויי גילדוין א ציגעלע
די קינדערלעך געשענקט.
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

טאנצט ארום דאס ציגעלע
דאס ווייסינקע אין הויף.
איז א שווארצע קאץ פאראן,
כאפט זי, פרעסט עס אויף *).
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפן פלאץ!
ער גיט א ביל, ער גיט א שפרונג, —
אן עק שוין פון דער קאץ!

אויסגעצויגן ליגט זי שוין
צעביסן און דערשטיקט.
די קאץ, די קאץ, די שווארצע קאץ,
וואס האט דאס ציגעלע פארציקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

---

*) כאפט זי און פרעסט עס אויף — אין פינסקים אויסגאבע.

קומט ארויס דאָס שטעקעלע,
א שטעקעלע פון וואלד,
ווארפט זיך אויפן הונט ארויף,
ווארפט זיך און צעשפּאלט

דעם הונט, דעם הונט, דאָס קעפּעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

פליט ארויס פון ערגעץ־ווו
און באַפאַלט דעם שטאָק,
א פייערל מיט רויטינקע
צינגעלעך א שאָק!

מיט צינגעלעך, ווי שלענגעלעך,
צישט עס און פארברענט —
דאָס שטעקעלע, וואָס האָט דאָ ערשט
געבראָכן ריק און לענד

און קאָפּ דעם הינטעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט;
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

פליסט זיך אָן א וואסערל,
דעם וואסערל פארדריסט:
„וואָס ברענט אזוי דאָס פייערל?"
נעמט עס שנעל, פארגיסט!

פארטיליגט שוין דאָס פייערל,
וואָס האָט דעם שטאָק פארלענדט,
ווייל ער האָט דעם הינטעלע
געבראָכן ריק און לענד

און קאָפּ *) דעם הינטעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט, —
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארציקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

דאָס דערזעט אן עקסעלע,
צום וואסערל א שפרונג!
וויל דער אָקס זיך נוקם זיין,
צי גלאט, ער וויל א א טרונק!

ווער פארשטייט, וואָס וואלגערט זיך
אין מוחל ביי א רינד? !
א שפרונג, א זופּ און א לעק,
און דאָס וואסערל פארשווינדט!

אוים דאָס וואסערל, וואָס האָט
דאָס פייערל פארלענדט —
דאָס פייערל, וואָס צארניק האָט
דאָס שטעקעלע פארברענט.

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארציקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

*) און דעם קאָפּ — אין פינסקים אויסגאבע.

באוויזט זיך באַלד אַ שוחטל,
געֶרעכט צי נישט גערעכט,
כאַפּט אַרויס דאָס חלפל,
כאַפּט דעם אָקס און שעכט!

דעם אָקס, דעם אָקס, דעם גרויסן אָקס,
וואָס האָט דאָס וואַסערל פאַרלענדט,
ווייל פאַרנישט *) דאָס פייערל,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פאַרברענט!

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

האָט עס דער מלאך פון טויט דערזען,
מיט די טויזנט אויגן!
צעשפּרייט ער באַלד די פליגל שווארץ,
קומט ער אָנגעפלויגן.

„אוי, וואָס האָסטו, מענטש, געטון?"
געוועוערט עס קוים אן אויגנבליק,
כאַפּט דעם שוחט ביים גרגרת,
כאַפּט דאָס מעסערל און — ביק!

ווייל ער האָט דעם אָקס געקוילעט,
וואָס האָט אַ וואַסערל פאַרלענדט,
ווייל עס האָט אַ פלאַם פאַרגאָסן,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פאַרברענט,

ווייל עס האָט דעם קאָפּ געשפּאָלטן
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט.

---

*) פאַרלעשט — אין פינסקיס אויסגאַבע.

די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

ווערט דער כביכול צאָרניק:
„נאָר געראַנגלט און געפּאָכטן!"
און האָט, אין זיין גערעכטיקייט,
דעם טויט אליין אויף טויט געשאָכטן!

און, ווי אַלע טויטע טויט,
ליגט דער מלאך אויסגעשפּרייט,
וואָס האָט דאָס שוחטל געקוילעט,
ווייל ער האָט דעם אָקס געטייט!

וואָס האָט דאָס וואַסער אויסגעטרונקען,
וואָס האָט דאָס פייערל פאַרלענדט,
ווייל ער האָט מיט רויטע צינגלעך,
דעם האָלצערנעם שטאָק פאַרברענט,

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרציקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.